STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03435

ALTER

Jacob Dineson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

אלטער

ראָמאַן

פארלאג „אחיספר",
בײ געז. „צענטראל",
װארשע, נאװאליפקי 7.

PRINTED IN POLAND

Zakład Graf. „STEREOTYP"
Warszawa.

1

זען אַלטער איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געוואָרן, איז אים זיין מאַמע געשטאָרבן, יענע מאַמע, וואָס האָט אים געבוירן, „אַלטער" אים אַ נאָמען געגעבן, און וועלכע ער געדענקט נישט. ביז צען יאָר — האָט ער נאָך צוויי מאַמעס געהאַט. איינע נאָך די אַנדערע. ביידע פלעגן אים שלאָגן און דעם טאַטן זיינעם, ר' עוזר דעם מלמד, — שעלטן. פאַרוואָס, געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאָר, איטלעכס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט אַ נייע מאַמע, האָט אים דער טאַטע אַ ניי בגדל געמאַכט, אַ ניי היטעלע פון ערגעץ געבראַכט, דערנאָך איז אַ יידענע געקומען אין חדר אַריין, דער טאַטע האָט אים צו יענער יידענע צוגעפירט, געזאָגט: „פון היינט אָן, אַלטערל, איז זי דיין מאַמע, זאָלסט איר פאָלגן און ליב האָבן, ווי אַ מאַמען, און זאָלסט זי רופן „מאַמע", וועט זי דיך רופן: מיין קינד און דיך ליב האָבן, ווי אַ אייגן קינד!" אויך געדענק ער, אַז ער האָט די מאַמעס גע-פאָלגט. ליב האָבן זיי — האָט ער נישט געקאָנט, נישט געוווּסט, ווי ליב צו האָבן; דערפאַר, קען זיין, האָבן זיי אים תּמיד געשלאָגן, געקניפּן און נישט געוואָלט אים געבן עסן צו דער צייט. פון צען ביז זעכצן יאָר, האָט ווידער ר' עוזר אַ פּאָר מאָל אַ יידענע אַריינ-געפירט אין חדר, געזאָגט יעדעס מאָל: „דאָס איז דיין מאַמע! ביזט מחויב איר אָפּגעבן כּבוד, ווי דער דין איז, ווייל זי איז מיין ווייב, געדענק, מיין זון. אַזוי האָט גאָט געהייסן, און אַזוי וויל איך!"

און ער געדענקט זיי יענע מאַמעס. ער געדענקט זיי פון די ברוין-בלויע צייכנס אויף זיין לייב. ער געדענקט זיי נאָכמער פון דעם

טאַטנס קרעכצן און שווערן זיך. אַז ער האָט שוין אַ לאַנגעגנפעלער פון זיי. ער געדענקט אַפילו, ווי דער טאַטע זיינער האָט שפּעטער יעדעס מאָל אַרויסגעטראָגן עפּעס אין משכון צו לייגן, מסתמא, אויף הוצאות הגט. און אַוועקגייענדיק יעדעס מאָל מיט דער מאַמען צום רב, איז ער געקומען צוריק אַהיים אַליין און צו אים, צו אַלטערן, אָדער פאַר זיך אַליין געזאָגט: „פּטור געוואָרן!" דעם ערשטן טאָג האָט ער געהערט, ווי דער טאַטע זאָגט נאָך: „בלי נדר ובלי מסקנא, מער נישט די נאַרישקייט!" דעם לעצטן מאָל האָט דער טאַטע שוין גע-נומען אַ חומש אין האַנט אַריין און געשוואָרן: „מער וועל איך נישט חתונה האָבן, מעג זי זיין מר בר רב אשיס אַ טאָכטער אַפילו!" — פון דעמאָלט אָן וויסט אַלטער טאַקע פון קיין מאַמען און פון קיין מומען נישט, און דער טאַטע זיינער — מער פון קיין קללות, געשרייען, און זידלערייען אין חדר. און טאַקע פון דעמאָלט אָן וווינט די אַלטע רייזל מיט איר אלטיטשקן אין יענעם אייגענעם חדר, וווּ עס זענען פריער געשטאַנען דעם טאַטנס בעטן, און איצט שלאָפט ער מיטן טאַטן אין גרויסן חדר, וווּ דער טאַטע, אָדער וווּ ער אַליין לערנט מיט די חדר-יינגלעך. רייזל קערט אויס די שטוב, קאָכט אָפּ וואַרמעס, פאַרריכט אַ העמד, פאַרלאַטעט אַ בגד, אָן קללות און אָן געשרייען, גלייך ווי זי וואָלט גאָר קיין יידענע נישט געווען.

ר' עוזר, אַלטערס טאַטע, האָט נאָר צו ווייבער קיין מזל נישט געהאַט. אין מלמדות אָבער איז ער געווען דער ערשטער מוצלח אין שטאָט. די רייכסטע חדר-יינגלעך זענען תמיד זיינע תלמידים געווען. ביז בר-מצווה איז אַלטערס עובדא געווען—בענטשן ציצית מיט די חדר-יינגלעך, לייענען מיט זיי קריאת-שמע, ברענגען פון זייער היים מיטאָג אין חדר אַריין און צו פאָלגן אין מאַרק און אין יאַטקע. לער-נען מיט אים פלעגט דער טאַטע זיינער פאַרטאָג און ביינאַכט, ווען די קינדער גייען אַהיים פון חדר פריי. אַלטער האָט קיין היים נישט געהאַט און איז פון זיין חדר קיינמאָל נישט פריי געגאַנגען.

עס פלעגט אים אַמאָל אָרן די קשיא: פאַרוואָס האָבן אַלע יינגלעך אַ אַ חדר אי אַ היים? פאַרוואָס האָבן אַלע יינגלעך אַ ברו-דער, אַ שוועסטער, וועלכע קומען צו זיי אין חדר אַריין און ברענגען זיי תמיד גוטע זאַכן? פאַרוואָס האָבן אַלע יינגלעך שיינע בגדימלעך, היטעלעך, גאַנצע שטיוועלעך און פאַרוואָס האָט ער גאָרנישט? גאָר-נישט—נישט קיין היים, נישט קיין רבין אַפילו... נאָר אַ טאַטן. כאָטש

ער לערנט מיט אים, רופט ער אים „טאַטע". פרעגן אָבער אַזעלכע שאלות האָט ער נישט געהאַט ביי וועמען... אַמאָל פלעגט אים דער טאַטע נישט געפרעגטערהייט צו פאַרשטיין געבן, אַז ער, אַלטער, טאָר זיך גאָרנישט צוגלייכן צו אַנדערע קינדער.

ווי אַלטער איז נאָר בר-מצווה געוואָרן, האָט עוזר אים אָנגע-הייבן צוגעוויינען צום קנעלטיש טאַקע אויף אַן אמת. יעדעס מאָל, ווען ר׳ עוזר פלעגט דאַרפן אַוועקגיין אויף אַ ברית, אַ פדיון-הבן, אָדער ערגעץ וועמען עס איז מנחם-אבל זיין, אַבי פון ווייבס קולות און קללות צו אַנטלויפן, פלעגט ער אַלטערן דערלאַנגען דעם קאַנטשיק אין האַנט אריין, אים אַוועקזעצן אויף זיין בענקל, אָנ-ווייזן אים וואָס צו לערנען מיט די קינדער.

און די קינדער האָבן אים ליב געהאַט, ווייל דעם קאַנטשיק פלעגט אַלטער באַנוצן נישט צו שלאָגן, נאָר ווי עס באַנוצט אַ קאַפּעל-מייסטער דאָס שטעקל זיינס, בעת דער אָרקעסטער שפּילט.

די גאַס אַרום פלעגט פאַרקלינגען פון די קינדערשע קולות, בעת אַלטער האָט מיט זיי געקנעלט.

עוזר האָט זיך אין לעצטן יאָר געפילט שוואַך און קראַנק. אי דער רופא אי דער דאָקטאָר האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט ווייטער קנעלן, וועלן אים זייערע רפואות נישט העלפן. ר׳ עוזר האָט קיין ברירה נישט געהאַט און האָט זיך געמוזט מיט זיין חדר אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אַלטערן.

אַלטער האָט דעם גאַנצן חדר אַליין געפירט, ווי עס דאַרף צו זיין. און דער טאַטע האָט זיך אין בעט אַריינגעלייגט, פון וועלכער ער איז שוין אַ לעבעדיקער נישט אַראָפּ.

מען האָט ר׳ עוזרן זיין רעכט געטאָן, אַלטער האָט זיך שבעה געזעצט, און שטאָטיקע מלמדים האָבן דערווייל דעם טאַטנס תלמידים צווישן זיך צעטיילט.

אין די שבעה-טעג איז אַלטערן גאָר אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַז די עלטערן פון זיין טאַטנס תלמידים וועלן נישט וועלן לאָזן זייערע קינדער צו אים אין חדר ווייטער גיין. ער האָט גע-גלויבט, אַז די עלטערן פון די תלמידים ווייסן, אַז די פעולה אין לעצטן זמן האָט ער, נישט דער טאַטע, מיט זיי געטאָן, פאַרוואָס זאָלן זיי אים איצט נישט וועלן געבן די קינדער, ער זאָל מיט זיי נאָכמער פעולה טאָן?

און ער איז טאַקע תיכּף נאָך שבעה אַוועק צו זיי, צו די באַ־לעבאַטים, זיי צו מעלדן, אַז דעם טאַטנס חדר בלייבט הדר, לערנען מיט זייערע קינדער וועט טאַקע ער אַליין. ווי אָבער איז ער איבער־ראַשט און צעטראָגן געוואָרן, דערהערנדיק כּמעט פון אַלעמען איין תשובה, אַז זיי קאָנען זייערע קינדער צו אים אין חדר נישט לאָזן גיין!

איינע האָבן געזאָגט, אַז אַ רבי פאַר קליינע קינדער מוז וויניקסטנס האָבן אַ באָרד, די קינדער זאָלן קענען פאַר אים דרך־ארץ און מורא האָבן, און אַ באָרד האָט נאָך אַלטער נישט. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט: „אַ מלמד מוז זיין אַ באַווייבטער, מוז פּשוט האָבן אַ רביצין אין שטוב. אָבער ער, אַלטער, איז נאָך אַ בחור, וואָס איז געגליכן צו אַ האַלבן גוף, צו אַ פריילן פייגל איינדערלופטן, וואָס האָט אַפילו זיין אייגענע נעסט נישט, און וועלכן מען טאָר איבערהויפּט קיין סך נישט גלויבן, בפרט אים טרויען קליינע קינדער, ער זאָל זיי מאַכן פאַר יידן און לערנען מיט זיי גאָטס תורה". דאָס אָבער האָבן אים אַלע צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אין אַ מזלדיקער שעה חתונה האָבן, זיך איינשאַפן, הייסט עס, אַ רביצין אין חדר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלמד, וועלן אים קיין תלמידים נישט פעלן. על כּן גיבן זיי אים אַן עצה, ווי אמתע גוטע פריינט, ער זאָל קיין שהיות נישט מאַכן, זען וואָס גיכער אַ חתן צו ווערן, חתונה האָבן, האָבן אַ ווייב, וועט ער האָבן אַ רעכט צו האַלטן אַ חדר מיט חדר־יינגלעך.

2

מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז אַלטער, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומ־לויפן פון איין באַלעבאָס צום צווייטן, שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקומען. קנעלן איז זיין בעסט גליק אין לעבן געוועזן. האָבן אַן אייגענעם

חדר מיט חדר-יינגלעך און זיצן פון אינדערפרי ביז פארנאכט, לערנען מיט זיי עברי, חומש מיט רש״י, מיט אנדערע אויך צו שטיקלעך גמרא מיט א תוספותל, אזוי ווי דער טאטע זיינער אין די גוטע יארן, איז אלעמאל זיין בעסטע און ליבסטע האפענונג געווען.

קיין אנדער גליק האט זיך אים קיינמאל נישט געחלומט, קיין אנדער גליק האט ער זיך גאר קיינמאל נישט פארגעשטעלט. אין חדר געבוירן, אין קנעלן דערצויגן און אויסגעוואקסן, מער ווי קנעלן און חדר-יינגלעך אין זיין לעבן נישט געהאט און אין דער וועלט כמעט ווי נישט געזען, האט אים אויך אין דער וועלט מער קיין זאך נישט אינטערעסירט. איצט, ווען ער האט גערעכנט, ער איז שוין צו זיין גליק געקומען, ער האט שוין זיין חדר מיט די ליבע חדר-יינגלעך, לאזט זיך אויס, ער האט גארנישט, און פארוואס? פאר די זינד נאר, וואס ער האט נאך קיין בארד נישט?

„מילא, א בארד, טראכט ער, האט נאך עפעס א טעם. פאר א מלמד פאסט טאקע א בארד. אבער א ווייב? וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניש אויף א מלמד?״

דאס ווארט „ווייב״, קומט אים פאר, איז עפעס גאר א שרעקלעך ווארט, אזא מין אפקומעניש, וואס ער וואלט עס זיין ערגסטן שונא נישט ווינטשן. וויניק האט זיך דער טאטע זיינער פון זיינע ווייבער אויסגעליטן, זינט ער געדענקט? ווייניק איז ער אליין פון זיי אויסגעשטאנען ביז דער לעצטער צייט? און וואס פאר א גוטס, און וואס פאר א נחת האט מען פון אן איינגעעקשנטער יידענע? שטענדיק א פארשלומפערטע, מיט איינגעפאלענע ביינעדיקע באקן, מיט בלאסע דינע ליפעלעך, וואס הערן א רגע נישט אויף צו שעלטן און צו פלוכן, א יידענע, וואס ווארפט אמאל א קאכלעפל אין קאפ אריין, ווי עס פלעגט ביי דעם טאטן אזוי אפט טרעפן! — אדער איז דאס גוט? — פרעגט זיך אלטער.—א יידענע, וואס איז הויט און ביינער, שווארץ ווי די ערד, מיט א פעקל בארוועסע, נאקעטע קינדערלעך ארום זיך, אלע פארשמאדערטע, אויסגעשמירטע, נישט געקעמטע, נישט געצוואגענע, ווי ביי לייטן, איינס וויינט און דאס אנדערע ליגט קראנק אויף דער מאמעס שויס, בעת די איבעריקע שלאגן זיך איבער א שטיקל ברויט, ביז דער טאטע מוז זיך פון זיין קנעל-בענקל אויפהייבן און מיט זיין קאנטשיק זיי פאנאנדערנעמען, — אזוי ווי ער

האָט ערשט היינט געזען, ביי דעם מלמד, מיט וועלכן ער האָט זיך געקריגט, וואָס ער האָט זיין טאַטנס תּלמידים צוגענומען.

„און דאָס וועלן זיי, די אכזרים, זאָל איך אויך האָבן?" פרעגט ער זיך אַליין. „ניין! בעסער דעם חדר נישט האָבן, בעסער שטאַרבן, איידער אַ ווייב, קללות, גטן זיך, ווידער חופּה, ווידער גט, ווידער צרות און פּיין, ביז אַ לונגענפעלער, ביז שטאַרבן פאַר דער צייט!"

כאָטש אַלטערן איז שוין אַכצן יאָר, קערפּערלעך געזונט, און איז נאָך אַ גאַנץ שיינער בחור אויך דערצו, איז ער אָבער אין אַלעם אַנדערן אומשולדיק און נאַיִוו געוועזן, ווי אַ קליין חדר-יינגל. דאָס שטענדיקע לעבן אין חדר, דאָס אייביקע האָבן צו טאָן מיט קליינע חדר-יינגלעך האָט אים די גאַנצע איבעריקע וועלט ווי פאַרשטעלט. וואָס עס טוט זיך אין חדר, האָט אים אינטערעסירט, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט הינטערן חדר, איז נישט זיין דאגה געווען.

שטאָטישע מיידלעך און היינטוועלטיקע ווייבלעך האָבן אים געקענט. ביים באַגעגענען זיך מיט אים פלעגן זיי מקנא זיין זיינע גרויסע בלאָע קינדישע אויגן. די פאַרשייטע פון זיי פלעגן איינע דער אַנדערער באַמערקן: „ווייסט גאָר גאָט וועמען אַזעלכע שיינע אויגן צו געבן? ער, דער גרויסער בחור, ווייסט דאָך אפילו נישט, אַז ער קאָן וועמען פון אונדזערע שוועסטער געפעלן"... אַמאָל האָט ער באַגעגנט אַ שיין מיידל אָדער אַ ווייבל, אויף וועלכער ער האָט נישט ווילנדיק יאָ אַ קוק געטאָן אין די אויגן אריין, און זייער שיינקייט איז אים אפשר יאָ געפעלן, אָבער, ווען מען האָט אים איצט אַזוי אומגעריכט דערמאַנט, אַז ער דאַרף ראשית כּל דבר חתונה האָבן, אַ ווייב זיך איינשאַפן, זענען אים נאָר זיין טאַטנס ווייבער פאַר די אויגן געשטאַנען, זיי מיט זייערע איינגעפינסטערטע געזיכטער, מיט זייערע קולות און קללות, און די הויט האָט אויף אים געציטערט, אַז אויך ער וועט אַזוי באַלד פאַרפינסטערט ווערן פון אַזאַ ווייב, ווי דער טאַטע זיינער אין לעבן, און להבדיל בין החיים להמתים, אַלע אַנדערע מלמדים, וועלכע ער קען אין שטעטל.

„ניין, און נאָך הונדערט מאָל ניין!" רעדט ער צו זיך. „אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט קיין שלאַק אַ מלמדקע, אַ מרשעת!"

אַז ער האָט שפּעטער דער אַלטער רייזלען דערציילט, אַז די טאַטעס און מאַמעס פון די געוועזענע חדר-יינגלעך האָבן אים געזאָגט,

[זי]ן אז ער וועט אזוינס בשום אופן נישט טאָן מעג ער צוליב זיין עקשנות אָן אַ קנעלינג בלייבן. האָט אים רייזל געענטפערט:
„גישקשה, דו וועסט בעסער ווערן, עלטער ווערן און אויך קליגער ווערן!
— אַ גרויסער חכם ברויך מען זיין, האָט זיך אַלטער אָפּגערופן, כּדי אַזאַ נאַרישקייט אָפּצוטאָן. חתונה האָבן מיט אַ מלמדקע, וואָס מער ווי פּלוכן און וואָרטשען אַ גאַנצן טאָג קען זי נישט.
— דאָס זאָגסטו דערפאַר,—האָט איר רייזל געגעבן צו פאַרשטיין,— ווייל דאָס גוטע מזל פון דיין אמתער באַשערטער שלאָפט נאָך מסתּמא, אָבער בלאָנדזשעט אַרום, זוכט דעם וועג צו דיר. דעריבער איז נאָך דיין הארץ פאַרשלאָסן נישט צו גלוסטן אַ לייטישן שידוך צו טאָן. וועט אָבער די גוטע שעה קומען, דיין באַשערטערס מזל וועט זיך אויפכאַפּן, וועט זיך שוין געפינען דער וועג: זי צו דיר, אָדער דו— צו איר. דעמאָלט וועסטו זיך שוין נישט בריקעווען, ווי איצט, נאָר אדרבה, גאָט דעם לעבעדיקן דאַנקען פאַר דער ליבער מתנה, וואָס ער האָט פאַר דיר אָנגעגרייט נאָך פערציק טעג, איידער דו ביזט נאָך אויף דער ליכטיקער וועלט אַרויס.
— יאָ, אַ ליבע מתנה האָט גאָט אויך פאַר מיין טאַטן, עליו השלום, אָנגעגרייט, — האָט זיך אַלטער געטראַכט. — און נישט איינע, אָבער טאַקע גאַנצע פיר מתנות אַזעלכע... מוחל בין איך אים, דעם מזוג זווגים, פאַר די מתנות זיינע, וואָס ער שיקט צו די מלמדים, וואָס לערנען מיט יידישע קינדער זיין הייליקע תורה!
אין אַ פאָר טעג שפּעטער איז ער ווי עס איז דורכגעקומען מיט די מלמדים, וואָס האָבן דעם טאַטנס תלמידים צעכאַפּט. פאַר פאַר זיין חזקה האָט ער ביי זיי צו עטלעכע רובל באַקומען און האָט דערווייל געהאַט זיין אויסקומעניש. עס איז ביי אים אַ פּלאַן געבליבן, אָוועקצוואַרפן דעם טאַטנס ירושה-הייזל, אַוועקצולאָזן זיך ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט און זיך זעצן לערנען אין אַ בית-המדרש. כאָטש עסן טעג, אָדער הונגערן גאַנצע וואָכן, אַבי קיין ווייב נישט צו האָבן, אַבי נישט אָפּצוחושכן אַ וועלט מיט אַזאַ לעבן, ווי דער טאַטע זיינער און ווי די אַנדערע מלמדים, וועלכע ער קען.
עטלעכע וואָכן האָט זיך אַלטער צוגעגרייט צו זיין נסיעה. וואָס נעענטער אָבער די נסיעה האָט זיך אונטערגערוקט, אַלץ שווערער, האָט ער אָנגעהייבן צו פילן, איז אים דאָס אַרויסרייסן זיך פון זיין

געבוירן-שטעטל, און קיינמאָל איז אים דעם טאַטנס הייזל אזוי ליב און טייער נישט געווען, ווי איצט. עפּעס ווי צוגעשמידט פילט ער זיך, צו די אַלטע ווענט, צוגעוואַקסן — צום גרויסן הויף, וועלכער איז איצט אַזוי ווילד מיט קראָפּעווע פאַרוואַקסן. זינט דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן און האָט מער נישט געקענט צעגראָבן דעם הויף און פאַרזייען אַ גאָרטן, ווי אין די גוטע יאָרן, איז דער הויף ווילד פאַרוואַקסן געוואָרן.

— ווי וואַרפט מען עס אַוועק? — האָט ער מיט אַ שמערצלעכן געפיל זיך געפרעגט. — דאָ האָט נאָך מיין מאַמע, עליה השלום, געוווינט. אַלע זאָגן, אַז אזאַ טייערע יידישע טאָכטער, ווי זי איז געווען, איז גאָר היינט אין דער גאַנצער וועלט נישט צו געפינען. איך הייזל איז דאָס, איר גאָרטן, זי האָט עס דעם טאַטן, עליו השלום, אין נדן געגעבן. ווי אַנטלויפט מען דאָס פון איר קבר, פון טאַטנס קבר? ווער עס האָבן זיי דאָ נאָך, וואָס זאָל אַמאָל קומען זיי אַן „אל מלא רחמים" מאַכן? „ניין, איך קען נישט! גאָט איז מיין עדות, איך קען נישט אַוועק פונדאַנען, כאָטש דאָס לעבן איז מיר שוין דאָ נמאס!.."

און דאָס לעבן האָט אַלטערן טאַקע אָנגעהייבן נמאס צו ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער.

כל-זמן ער האָט נאָך עטלעכע רובל געהאַט, האָט די אַלטע רייזל אים נישט געוואָלט דערמאַנען וועגן אַ תכלית, קוים אָבער האָט זיך דאָס געלט אויסגעלאָזט, האָט זי יעדן אָוונט גאָר אָן שלעכטקייט דאָס האַרץ אים צעריסן מיט איר זאָרגן פאַר אים אַ תכלית. ער האָט געוווּסט, אַז זי מיינט נישט אים עגמת-נפש אָנצוטאָן, אָבער איר געטרייקייט האָט אים נאָכמער ווי געטאָן, און ער פלעגט דורכדעם גאַנצע נעכט נישט קענען שלאָפן.

איינמאָל, גאַנץ פרי, ווען ער האָט זיין תפילין-זעקל פון וואַנט אַראָפּגענומען, צו גיין אין בית-המדרש דאַווענען און קדיש זאָגן, האָט אים רייזל ביי דער טיר אָפּגעהאַלטן און געפרעגט:

— וואָס וועט פאָרט זיין דער תכלית? דו ווייסט, איך האָב שוין היינט נישט אַפילו פאַר דיר אַ קרופּניק אָפּצוקאָכן!

— נעמט אַ קישן און פאַרקויפט! — האָט אַלטער געענטפערט און איז ווי פון פייער אַנטלאָפן.

נאָכן דאַווענען איז אַלטער אַרויס פון בית-המדרש. אַהיימצוגיין,

ווי אַלע טאָג, האָט ער עפּעס מורא געהאַט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז רייזל וועט אים אין שטוב נישט אַריינלאָזן און זי האָט רעכט, דאַכט זיך, אים נישט אַריינצולאָזן. אַ גאַנצע וואָך האָט ער איר איין גראָשן אויף דער הוצאה נישט געגעבן. געגעסן האָט ער און זי האָט אים אַ וואָרט נישט געזאָגט, נאָר היינט האָט זי שוין נישט אויסגעהאַלטן און אים שוין אַרויסגעזאָגט, אַז זי האָט שוין אַפילו נישט פאַרוואָס אַ קרופּניק אָפּצוקאָכן... אַ פּאָר שעה האָט ער זיך אין די גאַסן אַרומגעדרייט, אַבי אַהיים נישט צו גיין, ביז ער איז נישט וועלנדיק שטיין געבליבן לעבן אַ קליין הייזל ערגעץ אין אַ זייטיקן געסל. דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט ער די חדר-יינגלעך מיט זייער רבין געזען. דער רבי זיצט זיך מיט דער אָפענער ברוסט אַרויס, די פּיס, אין גראָבע וואָלענע זאָקן, האַלט ער אויסגעצויגן, אָנגעשפּאַרט אויף דער באַנק, אויף וועלכער די חדר-יינגלעך זיצן. די אַרבל פון זיין העמד זענען אַרויפגערוקט ביזן עלנבויגן, אין מויל האַלט ער אַ לאַנגן ציביק מיט אַ לולקע, לאָזט דעם רויך דורך די געדיכטע וואָנסעס גלייך אין זיין געלער פאַרפּלאָנטערטער באָרד אַריין. ער ברומט זיך אונטער מיטן ציביק אין מויל, און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי צום טאַקט צו דעם ניגון, מיט וועלכן די קינדער פאַרטייטשן איצט דעם חומש פאַר אים.

אַלטער פילט, אַז עס גייען אים אויס די כוחות, און ער איז מקנא אָט דעמדאָזיקן מלמד, וואָס קנעלט זיך אַזוי בהרחבה און ער האָט נישט אַ סימן פון יענע דאגות, פון יענע האַרצקלעמענישן, וואָס פּייניקן אים, אַלטערן, איצט אַזוי שטאַרק.

„פאַרוואָס קומט עס אים אָט דעם מלמד, וואָס פאַרשטייט אפילו נישט מיינע שיחות חולין נישט, יאָ, און מיר — נישט?" פרעגט ער זיך, און ער פילט, אַז דער יצר-הרע צו קנעלן האָט זיך אין אים איצט אָנגעצונדן, ווי אַ פייער, אַזוי שטאַרק, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז אַהער.

טרערן זענען אים אין די אויגן אָנגעלאָפן און ער האָט קיין כוח נישט געפילט אָפּצורייסן זיך פון דער סצענע, וואָס שטעלט אים פאָר, ווי גליקלעך ער קאָן זיין, ווען זיי, די באַלעבאַטים, זאָלן זיך

נישט אַזוי איינעקשענען צו פאַרלאַנגען פון אים אַזוינס, וואָס איז אים אַזוי נישט ניחא.

פלוצלונג האָט ער זיינע פאַרטערטע אויגן אַ קער געטאָן צו יענעם געסל, ווו עס האָבן געוווינט עטלעכע באַלעבאַטים פון זיין טאַטנס אַמאָליקע תלמידים, און מיט אַ באַקלעמטן האַרצן האָט ער פאַר זיך אַ זאָג געטאָן: „איר ווילט דווקא אַ ווייב? זאָל זיין אַ ווייב! איך וועל טאָן אייער רצון, אָבער די קינדער אייערע גיט מיר אין חדר אַריין!"

3

ביינאַכט האט אַלטער רייזלען דערציילט, אַז ער איז צו דער דעה געקומען צו טאָן לייטנס ווילן, חתונה צו האָבן, אַבי פאָרט אַמאָל אַן אייגענעם חדר צו האָבן.

רייזל האָט זיך מיט דער בשורה אמת דערפרייט, אים בעטרייסט, אים צוגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס און אים געראָטן זיך צו זען מיט פישל שדכן, פישלען נאָר איין וואָרט זאָגן — ער זאָל אים רעדן אַ שידוך, וועט שוין פישל אַלץ טאָן, וואָס מען דאַרף.

מיט דער מחשבה, פישלען ביים דאַווענען דאָס צו זאָגן, איז אַלטער אויף מאָרגן אין בית-המדרש אַוועק. קוים אָבער האָט ער פישלען דערזען, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט אים זאָגן.

— ווי רעדט מען עס אַרויס: „רעדט מיר אַ שידוך? — פרעגט ער זיך. עפּעס קלינגען אים די ווערטער אַזוי גראָב, אַזוי נישט ליבער, און ער וווּנדערט זיך נאָר, וויאַזוי איז ביי אים מיט אַ רגע פריער רעכט געווען זיי אַרויסצורעדן, אַז יענער זאָל זיי הערן? „וואָס וועט פישל קלערן אויף מיר?"—פרעגט ער זיך ווייטער.—„ער קען באמת מיינען, אַז איך רעד ניבול-פה, אַז איך בין אַ בעל-תאווה,

חלילה, אַ פּראָסטע זאַך! ער וועט אַ שפּיי טאָן אויף מיר, מיר נישט עגטפערן, און ער וועט גאַנץ גערעכט זיין...

עס טוט אים אַ הנאה, וואָס ער האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, און האָט דאָס מיאוסע וואָרט נישט אַרויסגערעדט. עס בלייבט ביי אים, ער זאָל זיך פּאָר פישלען אַזוי מיאוס נישט מאַכן, סיידן פישל וועט זיך אַליין שטויסן, און אים אַ פרעג טאָן, וועט ער שווייגן... וועט שוין פישל אַליין פארשטיין, אַז ער איז מסכים. ווייל שתיקה איז כהודאה דמיא. נאָר וויאַזוי מאַכט מען, אַז פישל זאָל זיך אַליין אָנשטויסן? עס פּאַלט אים איין אַ פּלאַן: פישלען זיך אין די אויגן צו וואַרפן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט פאָרט דערצו קומען.

פון יענעם טאָג זוכט אַלטער יעדע געלעגנהייט צו באַנוצן, פישל זאָל איס באַמערקן און ער גייט אים נאָך אין בית-המדרש ביים דאַוונען, ווי אַ שאָטן. שטעלט זיך פישל אין דרום-זייט, רוקט זיך אַלטער תיכּף אונטער און שטייט אויך אין דרום-זייט, גייט פישל צו צום ספרים-שאַנק עפּעס אַ ספר נעמען, קומט אַלטער תיכּף צו, זוכט אויך כלומרשט אַ ספר, און נעמט פון פישלען אַן אויג נישט אַרונטער. אַזוי זענען שוין עטלעכע טעג אַריבער. פישל שטויסט זיך נישט, פרעגט אים נישט, און דאָס הארץ, פילט אַלטער, פּלאַצט אין אים פון אומגעדולט.

קומענדיק איינמאָל צו מעריב, האָט אַלטער ר' פישלען געפונען אין בית-המדרש. געוויינלעך פלעגט פישל זייער זעלטן קומען צו מעריב.

אַלטער האָט עס פּאָר אַ גוטן סימן אָנגענומען.

חוצדעם, האָט אַלטער היינט גלאַט געהאַט אַ גליקלעכן טאָג. נאָך אינדערפרי איז צו אים אַ יידענע אַריינגעקומען, אים דערלאַנגט אַ גאָלדענעם פינפרובלדיקן, אים דערציילט, אַז דאָס איז זי זיין טאָטן, עליו השלום, שולדיק געבליבן שכר-לימוד מיט אַ יאָר צוריק. איצט האָט איר גאָט געהאָלפן: איר מאַן האָט איר פון אַמעריקע געשיקט געלט חובות אויסצוצאָלן און פּאַרטיקע שיפקאַרטן האָט ער צוגעשיקט, זי זאָל צו אים מיט די קינדער קומען. זי האָט אַלטערן אָנגעבענטשט און אָנגעווונטשן, גליקלעך חתונה צו האָבן און אויסצולעבן מיט זיין באַשערטער זיינע הונדערטאונצוואַנציק יאָר אין שלום און אין נחת.

אַלטער האָט אויך דאָס אומגעריכטע גליק פאַר אַ גוטן סימן אָנגענומען, אַז גאָט פּירט אים אין גלייכן וועג.

— היינט מוז איך מיט פּישלען רעדן! — האָט ער מיט מער מוט, ווי פריער, ביי זיך באַשלאָסן און האָט איצט צו מעריב פּישלען געהיט, ווי מען היט אַ גנב, ער זאָל נישט אַרויסגיין פון בית-המדרש אָן אַ קלאָרע תשובה.

נאָך מעריב, אַז פּישל האָט אָנגעשמאָלצן אַ ליכט אויפן בית-המדרש-טיש און זיך געזעצט לערנען, האָט אַלטער תיכף געכאַפּט אַ משניות און זיך געזעצט פון דער אַנדערער זייט טיש פונקט קעגנאיבער.

פּישל האָט די אויגן איינגעזונקען אין דעם פאַר אים אָפענעם ספר. אַלטער אָבער האָט מער אויף פּישלען, ווי אין משניות, געקוקט.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזויווי אַ וואָלף? — האָט פּישל ענדלעך מיט כעס זיך געווענדט צו אַלטערן:

אַלטער האָט אָנגעהייבן צו ציטערן, און האָט נישט געקענט אַ וואָרט ענטפערן. ער האָט נאָר ווייטער אויף פּישלען מיט תחנונים בעקוקט.

— עפּעס ווילסטו דאָך וואָס זאָגן, — האָט פּישל ווייכער אויס-גערעדט.

— איך וויל אייך בעטן אַ טובה, — האָבן אַלטערס ליפּן קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס פאַר אַ טובה?

— רעדט מיר אַ שידוך! — האָט זיך אַלטערן פון צונג אַראָפּ-געריסן און ער איז פלאַם-רויט געוואָרן פון די ווערטער, וואָס ער האָט דאָ אַרויסגערעדט.

— דיר אַ שידוך? — וואונדערט זיך פּישל. — וואָס האָט זיך דיר מיטאָמאָל אַזוי פאַריצרט?

— נישט מיר, ווי איך בין א ייד, נישט מיר! — שווערט אַלטער גאַנץ אומשולדיק.

— וועמען דען, אפשר מיר? — שפּעט פּישל.

— זיי, די באַלעבאַטים פון דעם טאַטנס, עליו השלום, תלמידים!

— דערקלערט אַלטער זיין בקשה.—זיי ווילן מיר די קינדער נישט געבן, איך זאָל מיט זיי לערנען, סיידן איך וועל חתונה האָבן, סיידן איך וועל אַ רביצין האָבן אין חדר, זאָגן זיי. איך קען זיי נישט

איבעררעדן, אז א יידענע אין חדר איז נאָך ערגער פאַר די קינדער און פאַר דעם רבין אַליין נאָכמער!

אַלטער האָט עס כמעט אין איין אטעם אַרויסגערעדט און גע־פילט, אַז עס האָט זיך אים פון הארצן אַ שווערער שטיין אראָפּגע־קייקלט. ער האָט שוין די שווערע הקדמה געפטערט, איצט זאָל פישל טאָן זיין זאַך, ווי עס געהער צו זיין.

— געהערכט ביזטו, אַלטער, — ענטפערט פישל קאַלטבלוטיק וואָרט ביי וואָרט, — אָבער זיי, די טאַטע־מאַמעס פון דיין טאַטנס תלמידים ווייסן אויך וואָס זיי ווילן. פאַרשטייסטו, אַ בחור אַ מלמד האָט אַ פּנים, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? יאָ, ווי תפילין אָן רצועות... דער עיקר, ווייסט יעדער ייד, זענען די תפילין, נאָר מען מוז האָבן די רצועה, מיט וואָס צוצובונדן די תפילין. נישט די רביצין מיינט מען, אַלטער, נאָר טאַקע דעם צובונד צום חדר... איך בין דיך, חלילה, נישט חושד אין עפּעס שלעכטס, נאָר זיין אַ רבי פון קינדער, צו לערנען מיט זיי יידישקייט און תורה, מוז מען האָבן אַ ריין הארץ, אָן הרהורים רעים... פאַרשטייסט וואָס איך מיין?..

אַלטער האָט אים, ווי אַ תם אָנגעקוקט, און זיינע קינדערשע אָפענע שיינע אויגן האָבן אַזוי קלאָר זיין אומשולד אויסגעדרוקט, אַז פישל האָט זי אויך דערקענט און אים איז די אומשולד זייער געפעלן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַלטער, — האָט פישל ווידער אָנגעהייבן. — געפעלן געפעלסטו מיר זייער, און איך בין זיכער, אַז דו וועסט נושא־חן זיין אויך ביי יענער, מיט וועלכער מיר וועט איינ־פאַלן צו רעדן, נאָר איין חסרון, און גאָר אַ גרויסן, האָסטו, וואָס וועט שווער זיין אים צוצודעקן אָדער אַריבערצושפּרינגען. דו ביזט טאַקע נישט שולדיק, אָבער דיין מזל איז שוין מסתמא אַזוי.

אַלטער קוקט אים ווידער אָן און פאַרשטייט נישט, וואָס פישל וויל פון אים.

— דו ווילסט וויסן, וואָס פאַר אַ חסרון? — רעדט זיך פישל ווייטער. — פשוט, דעם חסרון, וואָס דו האָסט נאָך דעם פריזיוו נישט געפטערט.

— איך בין דאָך אַ בן־יחיד! — ענטפערט אַלטער דערפרייט, מיינענדיק, אַז פישל ווייסט נישט זיין יחוס.

— אָבער גאָר לא, און טאַקע לא מיט אַן אלף! — רעדט זיך

פישל אַרויס גאָר אָן רחמנות. — אַ בן־יחיד ביזטו אַמאָל געווען, ווען דיין טאַטע, ר׳ עוזר האָט געלעבט. איצט ביזטו אויס בן־יחיד, אויס יחסן! פאַרשטייסטו, וואָס מען רעדט צו דיר?

— איר מאַכט חוזק, ר׳ פישל! — ענטפערט אַלטער, און דאָס האַרץ ווערט אים שווער, טאָמער זאָגט פישל אמת.

— גאָר קיין חוזק נישט, אַלטער לעב, דער זאַקאָן איז אַזוי! — דערקלערט פישל מיט ערנסט. — איך בין געגוג בקי אין אַזעלכע ענינים.

— איך וועל זיין אַ סאָלדאַט! — רעדט אַלטער אַרויס פאַר־צווייפלט און טרערן שטעלן זיך אים אין די גרויסע אָפענע אויגן.

— און וואָס נאָך פאַר אַ סאָלדאַט! — ענטפערט פישל אים באַ־טראַכטנדיק. — צו אַלדע שוואַרצע יאָר ביזטו נאָך אַזוי הויך און מויער שטאַרק! האָסטו געזען אַ ביסל, אַ יונג זאָל אויסוואַקסן ביי שטיפמאַמעס אָן אַ ברעקל מום, אָן אַ שום מיחוש אַפילו! — וווּנדערט זיך פישל, נישט פילנדיק, ווי אַלטערן ווערט דאָס בלוט אין האַרצן פאַרקילט.

— אָבער צום פּריזיוו איז דאָך נאָך דריי יאָר, ר׳ פישל! — רעדט אַלטער אַרויס באַקלעמט. — וואָס זאָל איך דערווייל טאָן? גיט מיר אַן עצה.

— דריי יאָר, — רעדט פישל איבער, ווי פאַר זיך, — אין דריי יאָר קאָן טאַקע אפשר משיח קומען. גיי רעד עס אָבער מיט עלטערן פון מיידלעך! „אַ באַוואָרנטן גיט אונדז פאַר אונדזער קינד!” אַלע מיט איין טענה! ערשט יענע וואָך באַגעגנט מיך פייוול מעקלער און זאָגט צו מיר: האָט איר, ר׳ פישל, אַ באַוואָרנטן, אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס איז נישט פון די היינטיקע בחורים דווקא, נאָר אַ בחור, וואָס קאָן אַ ביסל לערנען, אָן קונצן, אָן פרעטענזיעס, אַן ערלעך קינד. איך גיב, זאָגט ער ת״ק קערבלעך, און אַז דער חתן וועט זיך איינעקשענען, בין איך גרייט אַ פאָר יאָר קעסט אויך צו געבן. אַ בת־יחידה ביי מיר, זאָגט ער, דאָס לעבן מיינס איז זי ביי מיר. פון מיינע זין האָב איך אַפילו קיין צער נישט, אַ דאַנק גאָט, דערציילט ער מיר אַ מעשה, קיין נחת — אָבער אויך נישט: פּראָסטע, גראָבע יונגען, עס געפעלן מיר נישט זייערע דרכים. וואָס זאָל איך אייך לייקענען? זאָל איך כאָטש האָבן נחת פון דער טאָכטער מיינער. און וואָלט איר זי זען, זי קענען! אַ בריליאַנט, אַ פאַרשוין, נישטאָ ביים גרעסטן עושר אַזאַ

קינד! לויבט ער זי פאַר מיר. נו, ברעך איך מיר דעם קאָפּ: ווּ נעם איך אַזאַ חתן, ווי אים ווילט זיך?

אַלטערן קריכן פישלס ווערטער גאָר אין קאָפּ נישט אַריין. צו וואָס דערציילט ער עס מיר? — פרעגט ער זיך. — וואָס איז פּייוול מעקלער שייך צו מיר? זאָל זיין נישט פּייוול מעקלער!

— ווי אָנגעמאָסטן, זאָג איך דיר, וואָלסטו געוועזן פאַר פּייוולען! — רעדט זיך פישל ווייטער. — כאָטש מיט איין האַלב יאָר שפּעטער, ווען דער טאַטע דיינער וואָלט שכל געהאַט אָפּצולייגן זיין שטאַרבן, וואָלט איך שוין היינט מיר דיר אַ גאַנץ קליינע דאגה געהאַט... אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד! — באַדויערט פישל און פאַרטראַכט זיך.

— און אפשר וועט עס גיין, — רעדט ער ווייטער פאַר זיך, — אַ גרויסער יחוס איז אין היינטיקע מיידלעך, אַז אַ טייל בחורים צעלויפן זיך אין אַמעריקע, אין אַפריקע, אַ טייל — אין שקאָלעס, אוניווערזיטעטן, און די איבעריקע — פאָרן זוכן תכליתים אין די גרויסע שטעט ווארשע, אדעס. עס האָט אַ שיעור, ווהין דאָס גוטע יאָר טראָגט זיי? מאַלע וואָס פּייוולען ווילט זיך! איך וועל רעדן, נישט דערמאנען וועגן דיין לגאָטע, קיין גרויסער בקי אין די זאַקאָנעס איז ער נישט, אפשר וועט ער אויך לעבן אין אייגענעם טעות, וואָס דו. און ווידער, פאַרקערט, קאָן מען דען זיך באַוואָרענען? דריי יאָר צייט, אפשר וועט אַ מאַניפעסט זיין, אפשר וועט דיין און זיין מזל אַזוי גרויס זיין, זאָלסט גלאַט אַרויס מיט אַ גרויסן נומער... דאָס איז דאָך אַ גורל, אַ גאָט-זאַך... הערסטו אַלטער, למד לשונך לומר איני יודע! איך מיין: טאָמער פרעגט מען דיך, זאָג, אַז דו ווייסט נישט, און באמת ווייסט טאַקע קיינער נישט, וואָס אין דריי יאָר קאָן געשען.

— נישקשה, אַלטער! — האָט פישל, זיך אויפשטעלנדיק, ווידער אָנגעהייבן פריילעכער, און האָט זיין האַנט אויף אַלטערס אַקסל אַרויפגעלייגט.

— פאַל נישט אַראָפּ ביי זיך, פאַרגעס גאָר, וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועגן דיין לגאָטע... איך זאָג דיר, דו ביזט אַ חתן ווי געוווּנטשן... אַן אייגן הייזל האָסטו, לערנען אַ ביסל קענסטו, אַ פרומע מאַמען האָסטו אַוודאי געהאַט, ווער האָט זי נישט געקענט, אַ ליכטיק גן-עדן זאָל זי האָבן! אַ טאַטן, אַ פיינעם יידן, האָסטו אויך געהאַט, וועגן דעם שמועסט מען גאָרנישט — און אַליין, וואָס זאָל איך לייקענען, ביזטו אַ בחור כארזים, יונג און שטאַרק, אַ בוים אין רעכטן

בליען... אַ, אַ ביסל נישט איבעריק פאַרשפּיצט, נישט היינטוועלטיק? אַ שמעק טאַבאַק גיב איך פאַר אַלע היינטוועלטיקע בחורים און יונ־געלייטלעך, וואָס טויגן זיך נאָר אויף שמד־שטיק, אָבער נישט פאַר מאַנען, טרייע און גוטע, פאַר כשרע יידישע טעכטער! און ווייסטו, וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגן? האָסטו אַ גילדן אָדער צוויי, ליי מיר דערווייל... וועל איך נישט אָפּגעבן דיר מיט מזומן, וועל איך זיכער אָפּפאַרדינען, אויף מיין הן צדק, אָפּפאַרדינען! קיין נאַרער בין איך נישט... דו קענסט מיך נאָך נישט, אַלטער.

אַלטער איז באַזונדערס געטרייסט געוואָרן, וואָס ער האָט גראָד היינט געהאַט אַ פּאָר רובל אין קענענע, און האָט מיט פרייד אַרויס־גענומען אַ האַלב קערבל און דערלאַנגט פישלען.

— גיי אַהיים, רעד נישט, דערצייל קיינעם נישט... אַ שידוך האָט ליב ביז וואַנען וואָס, זאָל עס זיין אַ סוד! אַ קאַץ, זאָגט מען, קאָן אויך קאַליע מאַכן!...

4

אויף מאָרגן פרי, ווי אַלטער איז נאָר צום דאַוונען אין בית־המדרש אַריינגעקומען, האָט אים ר׳ פישל באַגעגנט מיט די ווערטער:

— מיינסט אוודאי, איך בין נעכטן פונדאַנען אַהיים געגאַנגען? ניין, איך בין תיכף אַוועק צו פייוולען... ביז האַלבער נאַכט דאָרט פאַרבראַכט און עס גייט אויף אַ דרך... פייוול וויל, ראשית כל דבר, דיך זען און זיך דורכרעדן מיט דיר. נאָך מעריב וועלן מיר ביידע גיין צו אים, רעכט?

— איך ווייס? — האָט אַלטער געענטפערט.

— ווער דען ווייסט?

— אַז איר זאָגט, מסתמא דאַרף דאָך אַזוי זיין, — האָט אַלטער מסכים געווען, ווי איבערגעוואַלט.

ער האָט פריער געמיינט, אַז קוים וועט ער רעדן מיטן שדכן, וועט ער שוין איבערקומען דעם גרעסטן נסיון, וואָס איז אים אַזוי שווער אין זיין וועג געשטאַנען. איצט זעט ער, אַז ער מוז נאָך נסיונות איבערקומען. אַ שדכן אַליין, מסתמא, איז נאָך גאָרנישט. ער מוז נאָך גיין צו פייוולען, און וואָס וועט ער אים זאָגן?

— זיי אַ מענטש, אַלטער, — דערמונטערט אים פישל, וועלכער פאַרשטייט, ווי אַלטערן איז דאָס גיין צום מחותן נישט לרצון. — פאַרלאָז זיך אויף מיר: אייגענע מענטשן... דיין טאַטע, עליו השלום, האָט מיט צען יאָר צוריק מיט זיינעם אַ יינגל געלערנט, זאָגט פייוול, און פייוולס ווייב זאָגט, אַז זי איז מיידלווייז מיט דיין מאַמען, עליה השלום, אַ חברטאָרין געווען. זיי קענען דיך פון דיין געבוירנטאָג אָן, דאַרפסטו פאַר זיי זיך גאָרנישט אָראָפּפּאַלן.

אַלטער שוויגט און וויל זיך שטעלן דאַוונען.

— און טאָמער מיינסטו, — טרייסט אים פישל ווייטער, — אַז זי וועט זיין, איך מיין, די מדברת, די כלה אַליין, און דו האָסט מורא, טאָמער וועסטו זיך פאַר איר שעמען? דאַרפסטו וויסן, אַז זי וועט גאָר היינטיקן אָוונט אינדערהיים נישט זיין. פאַרשטייסטו, פריער ווילן זיי דיך זען, און אַז זיי וועלן, נאָך זייערע מבינות, צופּסקענען, אַז דו קענסט געפעלן זייער טאָכטער, וועלן זיי דיך בעטן אַריינקומען צו זיי נאָכאַמאָל. דאַמאָלט וועט שוין די כלה אויך זיין. דערווייל אָבער האָסטו נאָך נישט פאַר וועמען זיך צו שעמען!

אַלטערן ווערט פינסטער אין די אויגן בארעכנענדיק, וואָס ער האָט נאָך אַריבערצוקומען. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— מיר דאַכט, אַז דאָס איז אינגאַנצן איבעריק.

— איבעריק, צי נישט איבעריק, — ענטפערט פישל, — מסתמא איז היינט די מאָדע אַזוי, אַזוי ווילן זיי דווקא, גיי טו זיי עפּעס פאַר זייער רצון! הער זשע, וואָס איך זאָג דיר: האָסט אַ שבתדיקן מלבוש, טו עס אָן, פוץ זיך אַ ביסל אויס און קום צו מעריב אַהערצו... נאָך מעריב וועלן מיר גלייך פונדאַנען אָר בערגיין צו פייוולען... דו מוזט גיין, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן!

— בעסער פון דער היים, — רעדט אַלטער אַרויס אַ ביסל פאַרשעמט.

— פאַרוואָס עפּעס פון דער היים? — איז פישל נייגעריק צו וויסן.

— ווייל קומען אהער צו מעריב, אויסגעפוצט אינדערוואָכן, ווי אין שבת, וועלן אלע וויסן, ווּהין איך גיי מיט אייך, און דאָס איז, דאַכט זיך, א בזיון...

— קיין גרעסערע בזיונות זאָלסטו נישט האָבן! — לאַכט פישל.— נאָר אז דיר איז דאָס נישט ניחא, וועלן מיר פון מעריב גיין צו דיר צהיים, און פון דאָרטן וועלן מיר גיין צו פייוולען, כאָטש עס וועט זיין אָנגעלייגט מער ווי האלב וועג.

נאָך מעריב איז פישל טאַקע מיט אלטערן אהיים געגאַנגען. פישל האָט דערציילט דער אלטער רייזלען, וואָס פאַר א שידוך ער רעדט אלטערן. רייזל האָט אים נאָר געבעטן, ער זאָל נישט פאַרגעסן, אז אלטער איז, נעבעך, א יתום, אן עלנטער, האָט נישט קיין טאַטע-מאַמע, ווער עס זאָל פאַר אים א וואָרט אויסרעדן, און דעריבער בעט זי אים, אזוי ווי אלטער איז איר ליב און טייער, ווי אן אייגן קינד, אז ער, פישל, זאָל היינטיקס מאָל נישט נאָר זיין א שדכן אליין, אָבער אויך א פאַטער, וואָס זאָל טאַקע אלטערס אמתן גליק אויסן זיין, און אין קיין פאַל אים א קאָפּ נישט פאַרדרייען מיט עפּעס א פלאָג, ער זאָל, חלילה, דורך אים זיין יונג לעבן און וועלט פאַר-שפּילן.

פישל האָט איר פאַרזיכערט, אז ער איז נישט, ווי אנדערע שדכנים. כאָטש שדכנות איז זיין פּרנסה, האָט ער איר דערקלערט, מוז מען אָבער טאַקע צוליב דער פּרנסה האָבן גאָט אין הארצן און האנדלען ערלעך, נישט פאַרקויפן דעם קונה שלעכטע סחורה, נאָר יעדערן נאָך זיין פאַרלאַנג.

— טרעפט זיך אמאָל א קונה, — דערקלערט פישל מיט א משל,— וואָס ווייסט נישט וואָס ער וויל, מוז דער קרעמער, וואָס האָט גאָט אין הארצן, אליין שכל האָבן פאַר אים אויסצוקלייבן אזא סחורה, וואָס זאָל זיין פאַר אים אי געזונט, אי שיין... זאָגט אליין, רייזל, וואָלט גאָר אן אנדער שדכן איינגעפּאַלן אזא שידוך, וואָס איך רעד אלטערן מיט גאָטס הילף? איך, נאָר איך, מיין קאָפּ זאָל מיר געזונט זיין, בין אויף דעם געקומען, און איך מוז מודה זיין, איך זע אין דעם א סיעתא דשמיא אויך, א באַשערטע זאַך... זאָל ער נאָר נושא-חן זיין היינט ביי די מחותנים און מאָרגן — ביי דער כלה, איז ער א גליקלעכער, וואָס איז דאָ נאָך צו רעדן?!

אלטער האָט זיך דערווייל איבערגעטאָן אין זיין שבתדיקן מלבוש.

אַ ביסל אויסגעגלעט מיט פּייכטע הענט די האָר אויפן קאָפּ. רייזל האָט די פעדערן אָראָפּגעקליבן פון זיין ראָק און אים אויך זיין שבתדיק היטל אונטערגעטראָגן, געקוקט אויף אים מיט נחת, און מיט פרייד האָט זי געזאָגט:

— אַזוי זיך איינגעצוגעבן אין אַ מוטער, אויף חידושים נאָר! קוק איך איצט אויף דיר, מיין זון, מיין אייך, איך זע דער מאַמען דיינע, דיר צו לענגערע יאָר, מיט מער מזל און נחת פון איר! אירע ליבטיקע אויגן, איר קלאָרער צאַרט אַלבאַסטער שטערן, איר צניעות־דיקער חן אינגאַנצן פנים דיינעם, און אויך אַזוי גוט און אַזוי פרום ביזטו, ווי זי. טאַקע איר זכות זאָל דיר ביישטיין און פירן דיך אין דיין רעכטן וועג צו דיין אמתער באַשערטער, וועלכע איז אין הימל פאַר דיר אויסגערופן געוואָרן נאָך מיט פערציק טעג פריער איידער דו ביזט געבוירן געוואָרן. גיי, מיין גאָלד, מיטן רעכטן פוס אַרויס און דיין טאַטע־מאַמעס צדקות זאָל מיט דיר מיטגיין, דו זאָלסט גנאָד און לייטזעליקייט געפינען אין אויגן, וואָס ווילן אין דיר גל־דאָס גוטס זען.

5

פייוול מיט זיין ווייב האָבן אַלטערן זייער פריינטלעך באַגעגנט, אים אַ רגע נישט געלאָזט פילן, אַז ער איז זיי פרעמד. פייוול האָט אים באַלד אַ הקדמה געזאָגט: „איך בעט אייך, אַלטער, פאַר־געסט אויף אַ רגע, אַז איר זענט נישט ביי זיך אינדערהיים. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ פשוטער ייד, אָט דאָס און דאָס וויל איך, און אַזוי און אַזוי בין איך! מיר וועלן רעדן אָפן, וואָס טויג די שעמעריי?"

דבורה, זיין ווייב, האָט אַלטערן תיכף אָנגעהייבן צו דערציילן, ווי זי געדענקט נאָך ווי היינט דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן:

אַ פרייטיק איז דאָס געווען, און כאָטש איך האָב קיין צייט נישט געהאַט, בין איך פון אייער מוטערס בעט נישט אַוועק, ביז זי איז איבערגעקומען, מיט מזל אַ יינגל געהאַט. און דאָס יינגל, אַלטער, זענט איר... קענט איר מיר אַוודאי גלויבן, אַז איר זענט מיר אַ ליבער גאַסט. זיצט, פאַרברענגט ביי אונדז. פאַרוואָס, פרעג איך אַמאָל ביי זיך אַליין, איז מען אַזוי פאַרפרעמדט געוואָרן?

פונדעסטוועגן האָט זיך אַלטער געפילט, ווי אים איז דאָ ענג. און עס דאַכט אים, עס איז אים אַזוויוי ער וואָלט דאַרפן דין־וחשבון אָפּגעבן אויף ערגעץ אַ שווערע זינד פאַר דעם דין, וועל־כער איז נאָך דערווייל נישטאָ, אָבער וועלכער איז מחויב באַלד צו קומען.

כדי איבערצוצייגן דעם מחותן, אַז דער חתן איז טאַקע אַ למדן מופלג, ווי ער האָט אים נעכטן פאַרלויבט, האָט פישל מיט אַלטערן געמאַכט אַ געשפּרעך וועגן היינטיקער סדרה, וואָס רש״י באַוואָרנט, וואָס דער מדרש דרשנט און וואָס די גמרא זאָגט.

צי האָט פישל טאַקע אַ טעות געהאַט אין פשט, צי האָט ער מיט פלייס דעם פשט פאַלש געזאָגט, כדי צו געבן אַלטערן די גע־לעגנהייט, אים זיין טעות אויפצוווייזן און דערמיט דעם מחותן בחוש צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ למדן זיין חתן איז, נאָר אַלטער האָט דעם טעות באַלד געכאַפּט, דערוויזן, אַז פישל האָט נישט דעם פסוק, נישט די גמרא פאַרשטאַנען, דעריבער איז זיין קשיא קיין קשיא נישט.

די סדרה, רש״י, מדרש און גמרא זענען אַלטערס גוטע באַקאַנטע געווען פון לאַנג, פאַר זיי האָט ער נישט מיט וואָס זיך צו שעמען. צווישן זיי איז ער ווי ביי זיך אינדערהיים. זיי טאַקע האָבן אים דאָס מויל געעפנט און ער האָט זיך צערעדט, די באַקן האָבן זיך אים אָנגעצונדן, זיינע שיינע אויגן זענען נאָך זיבן מאָל שענער גע־וואָרן, און קוים איז דער בושה־שטיין, וואָס האָט אים פריער אַזוי צוגעפרעסט, אים פון האַרצן אַראָפּ, האָט ער זיך אַ ביסל פרייער אָנ־געהייבן פילן אין געשפּרעך מיט פייוולען און אויך מיט זיין ווייב.

וועגן דער כלה איז אים גאַרנישט איינגעפאַלן אַ קלער צו טאָן. ערשטנס, האָט אים פישל בפירוש געזאָגט, אַז די כלה וועט היינט גאָר דערביי נישט זיין, און צווייטנס, האָט זי אים איבערהויפּט נישט אינטערעסירט. דעריבער, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אין

שטוב איז אַריין אַ שיין מיידל, היינטמאָדיש אויסגעפּוצט, פאַרשעמט מיט חן, „גוט נ׳אָוונט!״ געזאָגט און שטיל זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אין דער זייט. איז אַלטערן אויפן זינען נישט געקומען, אַז דאָס מיינט מען אפשר די כּלה. ער איז זיכער געווען, אַז די כּלה מוז האָבן אַ לאַנגע ביינערדיקע נאָז מיט איינגעקנייטשטע באַקן, און אויף קיין אופן קען זי נישט זיין אַזאַ יונגע, ווי דאָס מיידל, וואָס איז דאָ מסתמא צוגאַסט געקומען; נאָר ווען דאָס אייגענע מיידל אָבער האָט דערלאַנגט טיי צום טיש, ווי פּייווס ווייב האָט איר געהייסן, און נישט ווייל-דיק האָט אַלטער אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט אים אָנגעהייבן זיך מישן עפּעס אַ געדאַנק אין קאָפּ: דאַכט זיך, ער האָט אַזאַ פּנים אַמאָל געזען.

עס האָט אים אָנגעהייבן אַרן: ווען און ווו האָט ער זי געזען? וואָס מער ער האָט געוואָלט אַרויסטרייבן דעם געדאַנק פון קאָפּ, אַלץ מער האָט זיך אים ווי פאַר די אויגן געטראָגן אַ לאַנג פאַרשוווּמענער, נישט קלאָרער, נאָר אַ זיסער חלום ערגעץ. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, ער פילט אַ ליבלעך וואַרעם ווינטל, וואָס האָט אים אַמאָל, אַמאָל געגלעט און אין זיין האַרצן עפּעס אַ וואַרעמקייט אַריינגעבלאָזן, אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס טרייסט, וואָס דערקוויקט און וואָס מען קען עס מיט ווערטער נישט אַרויסרעדן, מיט אַ נאָמען — נישט אָנרופן.

דאָס מיידל אָבער האָט אַלטערן באַלד דערקענט.

מיט צען יאָר צוריק האָט איר ברודער איציקל ביי ר׳ עוזר מלמד אין חדר געלערנט.

זי איז דאַן אַ מיידל פון אַ יאָר צען — און אַלטער — אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט געווען. זי פלעגט אָפט איר ברודערל ברענגען עסן אין חדר און דאָרט זען אַלטערן. זי געדענקט נישט, פאַרוואָס האָט זי אין אָנהייב אַלץ רחמנות געהאַט אויף אים, נאָר זי געדענקט, ווי אַלטער פלעגט זי אָנקוקן מיט זיינע שיינע, בלויע אויגן גלייך אין פּנים אַריין, און די אויגן זענען וואָס אַ טאָג אַלץ טיפער און טיפער אין איר האַרצן אַריינגעקראָכן.

זי געדענקט, ווי איינמאָל, ווען אַלטער האָט אויף איר אַזוי געקוקט, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט אַ שוועסטער?

— איך האָב נישט קיין שוועסטער, — האָט ער איר דערמאָלט

טרויעריק געענטפערט און דערביי אזא טיפן זיפץ געטאן, וואס האט ביי איר אין הארצן אפגעקלונגען עטלעכע טעג כסדר.

פון יענער רגע אן, געדענקט זי, האט זי געוואלט אים זיין א שוועסטער, און יעדעסמאל, ווען די מוטער פלעגט זי שיקן, איר ברודערל אין חדר עסן אוועקטראגן, פלעגט זי שטילערהייט, קיינער זאל נישט וויסן, מיטנעמען עפעס פאר אלטערן.

אין אנהייב, האט ער נישט געוואלט צונעמען ביי איר, וואס זי גיט אים. דערנאך האט ער זיך צוגעוויינט און פלעגט יעדעס מאל אזוי א קוק טאן אויף איר, וואס איז איר ליבער געווען, ווי טויזנט דאנקען. „אלטער!" פלעגט זי ארויסרעדן. „חנהלע!" פלעגט ער איר ענטפערן, און דאן פלעגט זי א גליקלעכע, א צעפרידענע אהיים אוועקגיין, ביז אויף נאכאמאל אים „אלטער" צו זאגן, ביז נאכאמאל פון אים „חנהלע" צו הערן.

און איינמאל, געדענקט זי, ווען זי איז אין חדר געקומען און אלטערן נישט געפונען, די מומע האט אים ערגעץ אוועקגעשיקט, האט איר דאס הארץ אנגעהייבן ווי טאן. עס האט זיך איר וויינען געוואלט, וואס ער קומט נישט און זי קאן זיך אויף אים נישט דערווארטן. דאן איז זי פון חדר ארויסגעגאנגען, זיך אוועקגעשטעלט לעבן טויער. די חדר-יינגלעך זענען דערנאך ארויס און האבן איר עפעס אזא ווארט געזאגט, פון וואס זי איז אוועקגעלאפן א וויינענדיקע אהיים.

דערנאך, געדענקט זי, איז אין שטעטל א שריפה געווען. איר פאטערס הייזל איז אויך אפגעברענט געווארן. איר ברודער איציקלען האט דער פאטער צו א שלאסער אפגעגעבן, זי איז צו א מומען אין דארף אוועקגעפארן, דארט איז זי א צייט געבליבן, עס פלעגט קומען צו איר אמאל דער פאטער, אמאל די מוטער. אלטערן אבער האט זי מער נישט געזען. זי האט נאר געבענקט, געבענקט, ביז זי האט אויפגעהערט צו בענקען.

פארגעסן אבער האט זי אים קיינמאל נישט. אפילו ווען זי איז שוין פון דארף צוריקגעקומען און איז שוין א גרויס מיידל געווען, און בחורים און יונגעלייט, וואס קומען אריין צו איר פאטער, האבן זיך געחנט פאר איר, געמאכט איר קאמפלימענטן און איר אזוי גוט ווי געזאגט, אז זי געפעלט זיי, און זיי וואלטן זיך גליקלעך שעצן, אז זיי זאלן איר אויך אזוי געפעלן, האט זיך איר אלץ אלטערן גע-

וואָלטן זען, זען זיינע בלויע גוטע געטרייע אויגן, זען אים און פרעגן: צי געדענקט ער זי, צו דערקענט ער זי?

אים זען אָבער האָט זי נישט געקאָנט, זיי האָבן איצט זייער ווייט געוווינט פון ר' עוזרס הייזל. אַלטער איז אין זייער געסל קיינמאָל נישט געקומען. וויפל מאָל זי איז מיט פלייס געגאַנגען אין יענעם געסל, ווו אַלטער האָט געוווינט, האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט דאָס גליק מיט אים זיך צו באַגעגענען.

נאָכפרעגן זיך אויף אים, האָט זי זיך געשעמט. עס האָט זיך איר געדאַכט, קוים וועט זי דעם נאָמען „אַלטער" אַרויסרעדן, וועלן באַלד אַלע געוואָר ווערן, וואָס ביי איר אין האַרצן טוט זיך, כאָטש באמת מיינט זי גאָרנישט, נאָר גלאַט אַזוי, פון אַלטער קינדערשער פריינטשאַפט וועגן און נישט מער.

און בעת זי דערמאָנט עס און באַנייט אין איר זכרון יענע אַמאָליקע קינדישע צונייגונג צו אלטערן, זיצט ער נישט ווייט פון איר און חידושט זיך, וואָס ער קאָן זיך נישט דערמאנען: ווו און ווען האָט ער זי פאָרט געזען? נישט זי אינטערעסירט אים, נאָר דאָס, וואָס עס מישט זיך אים איצט אין קאָפ, און וואָס אים ווילט זיך דערמאָנען צוליב איר. ער וויל נישט טראַכטן וועגן דעם, ער שעמט זיך מיט דעם, וואָס זיין קאָפ האָט זיך פאַרנומען, נאָר עס טראַכט זיך נישט ווילנדיק...

— פע, אַ חרפה!—שטראָפט ער זיך אַליין אין זיינע געדאַנקען.— וואָס איז דאָס מיר נוגע? יאָ געזען, נישט געזען, נישט צוליב דעם בין איך אַהער געקומען... ווען זיי זאָלן וויסן, וועלכע געדאַנקען מיר קריכן דאָ אין קאָפ אַריין, וואָלטן זיי אַפילו נישט וועלן רעדן מיט מיר.

— דו דערקענסט זיי, חנהלע? — האָט אין דער רגע די מוטער זיך געווענדט צו דער טאָכטער, מיט דער כּוונה, צו באַקענען חתן כּלה מיט איינאַנדער.

דאַכט מיר, אַלטער ר' עוזרס, — ענטפערט זי און די בעקלעך הייבן אָן צו רייטלען זיך. זי פילט עס און זוכט ווי זיך אָפּצוקערן, אַז די מוטער זאָל עס נישט באַמערקן.

דער נאָמען „חנהלע" און דער נאָמען „אַלטער", פון חנהלעס מויל אַרויסגערעדט, זענען גענוג געווען צו פאַריאָגן די טונקעלע וואָלקן פון זיין קאָפּ — יענע קינדערשע אומשולדיקע איינדרוקן זאָלן ווידער

אַרויסטרעטן קלאָר און דייטלעך, ווי אין יענער צייט, ווען זיי האָבן זיך אין זיין יונגן הערצל איינגעפּרעסט.

זיינע אויגן האָבן ווי פון זיך אַליין זיך אַ קער געטאָן צו חנהלען און ער האָט זי דערקענט. דערקענט יענע חנהלען, וועלכע האָט אויף אים אַמאָל אַזוי אָפט און אַזוי געטריי געקוקט... יענע חנהלע, וועלכע איז אים, פאַר איר געטרייען קוקן אויף אים, ליבער און טייערער געווען פאַר אַלע זיינע חברים, כאָטש זי איז אַ מיידל און קען נישט לערנען, ווי זיינע חברים...

און די חנהלען זעט ער ווידער, ווידער נאָך אַזויפיל יאָרן. און ווידער האָט זי איצט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט יענע געטרייע אויגן, מיט יענעם שטילן הארציקן קוק...

און ער פילט, ווי דאָס הארץ רייסט זיך אין אים אַ געשריי צו טאָן:

— חנהלע!

— און איר דערקענט זי? — ווענדט זיך ווידער די מוטער צו אים, און וואונדערט זיך, וואָס אַלטער שעמט זיך גאָרנישט איר ליכטיק קינד גלייך אין די אויגן אַריינצוקוקן.

— זי פלעגט קומען צו איר ברודער איציקלען אין חדר, געדענק איך, — ענטפערט ער. — עס זענען אַנדערע יאָרן געווען אַמאָל... אַנדערע!.. — האָט ער מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט און זיך אָפּגעהאַקט, ווי עס וואָלט אים מיטאַמאָל אָטעם פאַרפעלט.

עס האָט אָבער* לאַנג נישט געדויערט, און ער איז ווידער גע-קומען צו זיך. פון דער רגע איז ער עפּעס מיטאַמאָל גאָר אַנדערש געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט פּלוצלונג אינגאַנצן פאַרגעסן זיין ראָלע.

די מוטער האָט זיך נישט געקאָנט גאָר אָפּוואונדערן, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש דאָ איז געוואָרן: אַלטער, וואָס איז אַ לערן-בחור, אַ מלמד, וואָס האָט זיך פריער געשעמט אַפילו איר גלייך אין פּנים אַריינקוקן, קוקט איצט אויף איר בילדשיינער חנהלען אַזויווי אַ ברודער, וואָס קוקט און פרייט זיך מיט זיין שוועסטער, וועלכע ער האָט לאַנג, לאַנג נישט געזען, בשעת איר חנהלע, וואָס איז אַ ביסל היינטוועלטיק און האָט זיך ביז היינט קיינמאָל נישט געשעמט צו רעדן אַפילו מיט יענע היינטוועלטיקע בחורים, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו איר, שעמט זיך איצט, ווי אַ קליינשטעטלדיק מיידל.

עס ברענען איר די באַקן, עס בליצן אירע ליכטיקע אויגן, און

רעדט זי אויס אַ וואָרט, ציטערט די שטימע אירע און איז עפּעס איינגאַנצן אַנדערש געוואָרן אין דעם אָוונט.

פישל מיט פּייוולען האָבן זיך דערווייל גענומען פאַרן פּלעשל, געמאַכט אַ פּאָר גוטע לחיימס, און געבעטן אַלטערן אויך נעמען אַ קאַפּ. אַלטער האָט אָבער געבעטן אים נישט נייטן: ער איז צו בראָנפן נישט געוויינט. ער האָט קיינמאָל נישט געטרונקען און קען איצט אויך נישט טרינקען. פישל האָט דערפאַר אַלטערס כּוסה אויסגעטרונקען און געזאָגט, אַז ער איז אים „מוציא".

דבורה, פּייוולס ווייב, האָט זיך אַריינגעמישט און געמאַכט אַ פּשרה: די עלטערע מאַנסלייט זאָלן טרינקען און אַלטער זאָל פּאַר זיי פאַרבייסן, און זי האָט אַלטערן אונטערגערוקט איין שטיק לעקעך נאָך דעם אַנדערן.

אַלטער האָט אָבער פאַרבייסן אויך נישט געקאָנט. עפּעס איז אים דאָס האַרץ אַזוי פול געוואָרן, אַז דער לעקעך איז אים נישט געקראָכן אין מויל. דער זייגער האָט דערווייל געשלאָגן צוועלף, דאָס פּלעשל איז נאָך פריער ליידיק געוואָרן, און פישל האָט זיך דער־מאָנט: עס איז צייט צו גיין אַהיים.

חנהלע האָט נאָך צוגעלייגט, מיטן לעמפּל אין האַנט, פישלען און אַלטערן די פּאָר טרעפּלעך אַראָפּצוגיין, און אַלטערס אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט מיט חנהלעס.

6

— איך מוז דיר מודה זיין, אַלטער, — האָט פישל אויפן גאַס אַ ביסל מבושמדיק געזאָגט. — דו האָסט אויסגענומען גאָר אַן אַנטיק. אויף מיין ערנוואָרט! איך האָב מיר פאָרגעשטעלט גאָר אַנדערש. וואָס הייסט אַנדערש? איך האָב געמיינט — איך וויל שוין גאָרנישט איבער־רעדן וואָס איך האָב געמיינט... איך בין דאָך נישט ערשט אַ שדכן,

איך האָב שוין, אַ דאַנק השם יתברך, דערלעבט אייניקלעך פון מיינע אויסגעשדכנטע חתן־כלות, און ווייסטו, דאָס שווערסטע איז בײַ מיר דאָס ערשטע מאָל צוזאַמענפירן חתן־כלה.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם ווייטער געזאָגט:

— פאַרשטייסטו מיך, איז די כלה נישט שיין, זיצט דער חתן, ווי אויף הייסע קוילן, צופּט מיך אונטערן טיש פאַרן אַרבל, איך זאָל וואָס גיכער מיט אים גיין אַהיים. מיט כוחות דאַרף איך אים צו־האַלטן, ער זאָל קיין בזיונות, קיין שפיכת דמים נישט אָנמאַכן, ווארים באמת גערעדט, וואָס איז די כלה שולדיק, אַז זי איז נישט אַזוי שיין, ווי דעם חתן ווילט זיך? צי דעריבער, אַז דער פּרצוף איז נישט אַזוי געטאָקט, דאַרף זי פאַרזיצן אַ מיידל? שקר החן והבל היופי! האָט שלמה המלך געזאָגט, מעגן דאַרף, דער עיקר, קוקן אויף דעם תוך: יראת ה' היא תתהלל, אָט דאָס איז דער תוך! און באמת, וואָס נאָך דאַרף אַ ייד? פריצים זענען מיר?... נאָר די יונגעלייט פאַרשטייען דאָס נישט. דאָס פּרצופל איז בײַ זיי גאָר און גאָר. און אַלץ מוז אויסשטיין דער שדכן!... קינדערלעך, רעד איך צו זיי, וואָס בין איך שולדיק? צי אָן מיר ווענדט זיך איר שיינקייט אָדער איר מיאוסקייט? נאָר גיי טענה מיט זיי!...

פישל האָט זיך צעלאַכט.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווידער פאַרקערט, מאַכט זיך שוין אַמאָל, אַז די כלה איז דווקא אַ יפת תואר, טרעפט זיך צום שלימזל, גיט דער חתן אויף איר אַ קוק, נעמט אים אָפּ מיטאַמאָל דאָס לשון, בלײַבט ער זיצן, ווי אַ געליימטער, נישט מער אַ וואָרט אויסצורעדן... ווערט שוין די כלה דער תקיף, געפינט זי שוין אַ חסרון אין דעם חתן. ווידער דער שדכן שולדיק!... קעגן וואָס אָבער רעד איך דאָס? יאָ, טאַקע קעגן דעם גופא: פייוול, למשל, גיט מיר אַ זאָג: מיין מיידל איז אַ יפת־תואר, פריצים זאָגן: איר פּאַסט צו זיין אַ גראַפיניע, יידן זאָגן — אַ ברכה צו מאַכן. הער איך מיר איין און קלער מיר בײַ זיך: בײַ אַלע טאַטע־מאַמע זענען זייערע כלה־מיידלעך לויטער יפת תוארס... אַפילו אַז נישט אַ גראַפיניע, נישט אַ ברכה צו מאַכן, קלער איך, ווייסטו, אַלטער, אויך מרוצה ווערן... ערשט זי קומט אַריין, איך גיב אויף איר אַ קוק און עס איז מיר אין די אויגן פינסטער געוואָרן. ווי הייסט שיין? שיין ווי גאָלד, אַ בת־מלכה ממש! קלער איך מיר,

אַלטער וועט דאָס דערזען, וועט אים אַ קדחת אָנהייבן וואַרפן, שטום ווי אַ האָלץ וועט ער ווערן און וועט איינגראָבן די אויגן אין דער פּאָדלאָגע, ציטערן דעם קאָפּ אויפצוהייבן — ערשט מיין אַלטער וועט דווקא פריילעך, רוסטיק, לעבעדיק, און נעמט דווקא אויס מיט דעם גאָר אַן אַנטיק! דאַרף מען זיין היינטוועלטיק, קלער איך בעת מעשה, דאַרף מען קאָנען זיך דרייען אויפן קאָריק, מאַכן „כורעים ומשתחוים״ פאַר די מיידלעך, אַז מען קאָן, ווי דו, זיך האַלטן און געפּעלן גאָר אָן די אַלע שמד-שטיק און קונצן? און וואָס, מיינסטו, איז דאָ דער סוד? נישט דיין חכמה איז אַזוי גרויס, נאָר פּשוט: אַ שידוך איז אַ גאָט-זאַך, מסתמא איז דאָס אַזוי באַשערט משמים. נישט אמת, אפשר, אַלטער?

אַלטער איז מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען געווען און האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געהערט, וואָס דער מבוסמדיקער פישל רעדט דאָ אַזוי לאַנג.

— זאָג, אדרבה, אַליין, — ווענדט זיך פישל ווידער צו אים, — וואָס בין איך ביי דיר ווערט פאַר אַזאַ כּלה?

אַלטער שווייגט, רעכנט פאַר איבעריק אים צו ענטפערן.

— ביזטו אפשר נישט צופרידן מיט דער כּלה? — פרעגט פישל ווייטער.

אַלטער שווייגט און ענטפערט אַ וואָרט נישט.

— די כּלה, די שיינע כּלה, פרעג איך, — צופּט אים פישל פאַרן אַרבל, — געפעלט זי דיר, צי ניין?

— ווייס איך! — ענטפערט אַלטער, וועלכער טראַכט איצט וועגן חנהלען, אָבער נישט וועגן דער כּלה, וואָס פישל שדכנט אים.

— ווער דען ווייסט? זאָג, וואָס שעמסטו דיך? יאָ, אָדער ניין?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — ענטפערט אַלטער, אַבי פּטור צו ווערן.

— דו האָסט זי דאָך געזען! געקוקט אויף איר, ווי אַ הונגעריקער וואָלף אויף פלייש!

— וואָס רעדט איר, ר׳ פישל?—וווּנדערט זיך אַלטער. — ווי איז דאָס אַ ייד אַזוי שיכּור און ווייסט נישט וואָס ער רעדט? די כּלה איז דאָך נישט געווען גאָר... איר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט היינט דערביי נישט זיין!

— און דאָס שײנע מײדל, װאָס דו האָסט געקוקט אויף איר, װער איז נאָך דײן דעה נאָך?

— דאָס איז דאָך חנהלע, איציקלס שװעסטער! דערקלערט אַלטער.

— כאַ, כאַ, כאַ! — לאַכט זיך פּישל גאַנץ הויך פאַנאַנדער, אַז עס קלינגט אָפּ די שטילע שלאָפנדיקע גאַס. — אָט איז דער טעות דײנער! איצט פאַרשטײ איך, פאַרװאָס מײן אַלטער האָט זיך צו שעמען גאָר פאַרגעסן! שוטה, פּרא אדם, חנהלע איז די כּלה דײנע, חנהלע װעט, בעזרת השם יתברך, בקרוב דײן װײב זײן!

— װאָס רעדט איר, ר׳ פּישל, אַזעלכע פּראָסטע רײד? פע, עס פּאַסט נישט פאַר אײך! —װערט אַלטער אין כּעס. —מאַכט נישט פון מיר קײן חוזק, איך בעט אײך!

— ביזטו דאָך טאַקע אַ פערד אויך דערצו, זײ מיר מוחל, דאַרף מען דאָך דיר טאַקע געבן צו עסן הײ! — לאַכט זיך פּישל. — אַז איך זאָג דיר בפירוש, חנהלע, טאַקע די אײגענע, איז דײן כּלה. היא ולא אחרת! װאָרים אַ בת־יחידה איז זי... בײ פּײװלען איז נישטאָ קײן צװײ טעכטער, נישטאָ קײן רחל, קײן לאה... אויך האָט פּײװל נישט קײן געלע באָרד, װי לבן הארמי, ער זאָל דיר באַװײזן חנהלען, און צו דער חופּה דיר אונטעררוקן אַ יאַכנע־שאָסל. און אַז איך שװער דיר, שוטה, אַז זי איז דײן כּלה, מעגסטו מיר אויף מײן שבועה גלויבן, און טאַקע מיר געבן אַ קערבל, אויב דו האָסט... אויב נישט— װעסטו מיר מאָרגן געבן צװײ!

אַלטער האָט נאָך געהאַט אַ קערבל פון יענע פינף, און האָט פּישלען אויף גיך אין האַנט אַרײנגערוקט, אַבי פּטור צו װערן פון אים.

— אָט איז אײער היים, ר׳ פּישל, —האָט אים אַלטער אָנגעװיזן אויף אַ שמיבל, —אַ גוטע נאַכט! —און אײדער פּישל האָט אים געענט־פערט, איז אַלטער אויף גיך אװעק אַלײן.

פּישלס לעצטע װערטער האָבן אַלטערן דעם מוח צעמישט.

„װײסט ער, דער שכּור, װאָס ער רעדט?” — פרעגט ער בײ זיך?

און אַז ער דערמאַנט זיך, אַז פּישל האָט נאָר װאָס געשװוירן אויף זײן ײדישקײט, אַז טאַקע די חנהלע איז די כּלה, און װעט, מיט גאָטס הילף, זײן אינגיכן זײן װײב, װעקט זיך אויף אין אים אַ מין ביטער געפיל, גלײך װי פּישל װאָלט דאָס הײליקסטע, דאָס

טייערסטע פון זיין הארצן ארויסגעריסן און גלייך מיט דער בלאָטע געמאַכט.

אין דער רגע פילט ער אַ כעס, אַ שנאה צו פישלען. עס פאַר־דריסט אים די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט אַזאַ פיאַניצע, ער זאָל מוזן הערן פון אים אַזעלכע גראָבע רייד, וואָס צערייסט פשוט זיין האַרץ.

„ווי זאָגט מען עס אַזוינס," — רעדט ער צו זיך, — „חנהלע אַ ווייב? אַ זינד אַזוינס צו הערן! ניין, אַ שוועסטער, ווייל איך, זאָל זי מיר זיין, אַ שוועסטער, ווי זי איז מיר אַמאָל געווען... אַ שוועס־טער, וואָס זאָל מיר כאָטש איינמאָל אין טאָג זאָגן: אַלטער! און איינ־מאָל אין טאָג זאָל איך איר ענטפערן: חנהלע!.. מער נישט, מער נישט!.. איך וויל נישט מער, איך דאַרף נישט מער. און וואָס וויל דער שיכור פישל? — פע, אַ ייד זאָל אַזויפיל טרינקען און נישט וויסן וואָס ער רעדט!"

אין אַזעלכע געדאַנקען איז ער צו זיין שטיבל צוגעקומען. אַריינגיין — האָט זיך אים נישט געוואָלט. די לבנה האָט אַזוי שיין געשיינט, אַלטער האָט זיך פאַרקוקט אויף איר.

אים דאַכט זיך, אַז קיינמאָל האָט ער זי אַזוי שיין, אַזוי קלאָר נישט געזען. די טונקעלע פלעקן, אין וועלכע ער האָט אַלעמאָל גע־זען דאָס פנים פון יהושע בן־נון, זענען היינט נישט קענטיק געווען; דריי־פיר שטערנדלעך, קליינע, בלאַסלעכע, באַגלייטן זי, יאָגן זיך נאָך איר, און זי גייט זיך און שיינט זיך אַזוי רויק, און שטיל איז די וועלט אַרום, אונטן און אויבן איז שטיל. און דאָך, פילט ער, לעבט אַלץ, אָטעמט אַלץ און באַוועגט זיך אַלץ.

אַלטער פילט, ווי ציטעריק־זיס אים קלאַפט דאָס האַרץ. עס ווילט זיך אים די לופט אַריינאָטעמען, אַריינציען אין זיך, וואָס מער און וואָס טיפער. עפעס איז אים איצט אַזוי גוט, אַזוי ליב אַלץ, פאַרוואָס, פאַרוועןן? — ווייסט ער נישט.

די אַלטע רייזל האָט שוין לאַנג געשלאָפן. דאָס לעמפל, וואָס זי האָט געלאָזט ברענען, טאָמער קומט אַלטער, זאָל ער זען, ווי זיך שלאָפן צו לייגן, איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען, און אַלטער האָט זיך געמוזט לייגן שלאָפן איינדערפינסטער.

כאָטש עס איז שוין גאַנץ שפעט געווען, האָט ער אָבער בשום אופן נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן: מיט אָפענע אויגן איז ער אויף

זיין אָרעמען געלעגער געלעגן און געקוקט אין דער פינסטערקייט פונעם חדר.

עס ווילט זיך אים דערמאָנען חנהלעס געזיכט, ווי ער האָט זי ערשט געזען, נאָר ער קען עס נישט. עס שטעלט זיך אים פאָר אַלץ יענס קינדיש שיין פּנימל, וואָס ער האָט מיט צען יאָר צוריק געזען דאָ אין דעם שטיבל. יענע גוטע געטרייע אויגן, דאַכט זיך אים, קוקן אויף איצט אויף אים, כאָטש זי רעדט נישט, נאָר די אויגן רעדן, און רעדן צוזיי שיין, אַזוי ליב, אַז עס צעגייט אים דאָס האַרץ.

פּלוצלונג, דאַכט זיך אים, דערזעט ער פּישלען, ער שטייט ביי דער טיר, ווינקט צו אים גנבהדיק, און אים דאַכט זיך, ער הערט, ווי ער זאָגט: „זי איז דאָך די כלה דיינע, זי וועט בקרוב, מיט גאָטס הילף, דיין ווייב ווערן".

עס שווידערט אים אַזאַ גראָב וואָרט צו הערן.

— חלילה, חלילה! — רעדט ער צו זיך אַליין. — ניין, אַזויווי זי איז, אַזויווי זי איז געווען — איז בעסער, בעסער!.. גענוג איין קוק, איין וואָרט פון איר צו הערן „אַלטער!" און שוין. מער וויל איך נישט. קיין כלה, קיין רביצין, קיין חדר און קנעלונג אפילו נישט!..

— חנהלע,—פּילט ער אַליין נישט, ווי זיינע ליפּן רעדן אַרויס,— חנהלע, זיי מיר ווידער אַ שוועסטער, זאָג ווידער: „אַלטער", און לאָז מיך דיר ענטפערן: „חנהלע"!.. חנהלע! מיט מיין גאַנצן כוח אַרויסרעדן, מיט מיין גאַנצן האַרצן עס אַרויסזיפצן. און שוין! שוין! אַלץ גוט, אַלץ גוט, אַלע פיין און זאָרגן פאַרגעסן. מער גאָרנישט, גאָרנישט ווילן מער אין דער וועלט!..

7

די אַלטע ריזל מיט איר אַלטן שמואלן האָבן שוין לאַנג טיי אָפּגעטרונקען. שמואל איז שוין לאַנג פון שטוב אַרויס, ריזל האָט אויך אין איר קרבן־מנחה שוין אָפּגעדאַווענט, דעם לאַנגן „והוא־רחום" אָפּגעזאָגט, און אַלטער שלאָפט נאָך.

ריזל, וואָס האָט אים אין שטיבל בײַנאַכט אַרײַנגעלאָזן, ווייסט, ווי שפּעט ער איז געקומען, ווי שפּעט ער האָט זיך שלאָפן געלייגט, און איר איז אַ שאָד אים צו וועקן. נאָר אַז עס האָט שוין אַכט אַ זייגער אויסגעשלאָגן, דערמאָנט זיך ריזל: אַלטער קען נאָך דעם לעצטן מנין אויך אַזוי פֿאַרשלאָפן און קדיש פֿאַרשפּעטיקן. זי גייט צו צו זײַן געלעגער און קוקט, ווי רויִק, ווי געזונט ער שלאָפט.

— יונגע יאָרן, יונגע כּוחות! — רעדט זי איבער פֿאַר זיך. — ווי געשמאַק עס שלאָפט זיך, ווי פֿריש ווערט מען, אַז מען שטייט אויף פֿון אַזאַ שלאָף אין די יונגע יאָרן! און מען בעט נאָך בײַ גאָט, מען זאָל אַלט ווערן!.. אַ צעבראָכענע, אַ מידע לייג איך מיך איצט אין בעט, קויקל מיך פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער, ביז איך שלאָף אײַן, און אַז איך שטיי אויף, איז מיר דער קאָפּ שווער, ווי בלײַ און די אויגן זענען, ווי מיט זאַמד אָנגעשאָטן. עס רײַסט מיך דאָס האַרץ אים צו וועקן פֿון אַזאַ זיסן שלאָף, וואָס זאָל איך אָבער טאָן? ער קען דעם דאַווענען פֿאַרשלאָפֿן, קדיש פֿאַרשפּעטיקן.

— שטיי אויף, אַלטער, — וועקט זי אים, — שטיי אויף, מײַן זון, און זאָל דײַן ליכטיקער מזל מיט דיר צוגלייך דערוואַכן! זע,

עס איז שוין האַלבער טאָג, גאָט ווייסט, צי דו האָסט שוין קדיש נישט פאַרשפּעטיקט.

אַלטער עפנט די אויגן, דערזעט רייזלען, און טאָפּל ליב איז זי אים עפּעס איצט.

— גיכער, גיס אָפּ נעגל־וואַסער, לויף דאַוונען, קדיש זאָגן! אַז דו וועסט צוריקקומען, וועסטו מיר אַלץ אויסדערציילן, וואָס עס איז דאָרטן ביי פּייוולען געכטן געווען.

כאָטש אַלטערן האָט זיך אַליין געוואָלט וואָס גיכער אין בית־המדרש צום דאַוונען לויפן, האָט היינט עפּעס זיין וואַשן זיך, זיין אָנטאָן זיך מער געדויערט, ווי אַלעמאָל.

אַ פּאָר מאָל האָט ער זיין האַלדזטוך איבערגעבונדן, אַ פּאָר מאָל דאָס היטל אויפן קאָפּ צערעכט געמאַכט. עס האָט זיך אים אפילו געוואָלט די פאַרשטויבטע שטיוול זיינע אָפּפּוצן, קיין בערשטל און קיין שוואַקס זענען אָבער קיינמאָל אין זיין גבול נישט געווען, און ער האָט מיט אַ ברעג פּאָלע דעם שטויב פון די שטיוול אָפּגעווישט.

אין בית־המדרש, האָט זיך אים געדאַכט, איז עפּעס היינט אַ יום־טוב.

וואָס פאַר אַ יום־טוב? — געדענקט ער נישט, גלייך ווי ער האָט דעם חשבון פאַרלוירן. נאָר זיכער עפּעס אַ יומא דפגרא, אַ מין חול־המועד, אָדער אַ ראש־חודש, און דערפאַר, ווען דער חזן האָט געהאַלטן ביי חזרת הש״ץ, האָט ער אַלץ געוואַרט, דער חזן זאָל אויסלאָזן דעם „המברך את עמו ישראל בשלום״ מיט יענעם באַקאַנטן ניגון, וועלכער פירט פון וואָכעדיקן דאַוונען אין יום־טוב אַריין.

אַלטערן האָט זיך געוואָלט זאָגן היינט הלל, בעת דער עולם האָט זיך אַ הייב געטאָן, גענומען זאָגן און אָפּכאַפּן דעם לאַנגן „והוא רחום״. דער ניגון פון „שומר ישראל״ האָט אים ערשט פון זיין טעות אויפגעוועקט. און ער געדענקט נישט, צי האָט ער הלל געזאָגט, צי דעם לאַנגן והוא רחום מיטן עולם צוגלייך.

קומענדיק אַהיים, ווען די אַלטע רייזל האָט אים זיין פרישטיק דערלאַנגט, האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באַמערקט דאָס ברודיקע האַנטוך, אינצווייען צונויפגעלייגט, וואָס רייזל האָט אנשטאט אַ טישטוך פאַר אים דעם טיש געגרייט. אויך דער ליימענער טעלער, דאָס נישט אָפּגעוואַשענע שטיקל הערינג אויף אים און דאָס שוואַר־

צלעך ברויט, האָבן זיין אַפּעטיט היינט פאַרטריבן און ער האָט געגעסן, ווי איבער געוואָלט, נאָר פון יוצא וועגן, ער זאָל האָבן אויף וואָס צו בענטשן, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שוין פון געוויינהייט, ווי אַלע טאָג, געוואַשן.

רייזל האָט זיך באַלד צוגעזעצט צו אים, אויספרעגן וואָס נעכטן איז ביים מחותּן מיט אים געווען. אַלטער האָט איר אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן, וואָס פייוול האָט גערעדט, וואָס זיין ווייב האָט אים דערציילט און ווי פישל שדכן האָט אַ כּוסה נאָך אַ כּוסה געמאַכט, דערביי האָט אַלטער אַרויסגערעדט אויך זיין אומצופרידנקייט, וואָס אַ פרומער ייד, דאַכט זיך, ווי פישל איז, נעמט און שיכּורט זיך אָן, און ווייסט דערנאָך אַליין נישט, וואָס ער רעדט.

— פאַרוואָס אָבער, מיין זון, דערציילסטו מיר גאָרנישט וועגן דער כּלה? — פרעגט רייזל און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

אַלטער ווערט נישט ווילנדיק רויט און וויל אָנהייבן בענטשן. רייזל פאַרשטייט דעם סימן, און זאָגט:

— זעסטו, אַלטער, עס קומט אויס אויף מיינע רייד! געדענקסטו, בעת דו האָסט זיך איינגעעקשנט: ניין און ניין, דו ווילסט נישט חתונה האָבן, האָב איך דיר געזאָגט: דאָס איז אַ סימן, אַז דיין באַשערטערס מזל שלאָפט נאָך מסתמא, און זי קען נאָך צו דיר נישט קומען. וועט זיך אָבער איר מזל פון זיין שלאָף אויפכאַפּן, האָב איך דיר געזאָגט, וועסטו אַליין גיין זי זוכן. נו, איז איר מזל אויפגעוואַכט, דו ביזט דיין באַשערטע געגאַנגען זוכן, און, אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, דו האָסט זי זי געפונען! איך בעט נאָר גאָט פאַר דיר, פאַר אייך ביידן, עס זאָל זיין אין מזלדיקער שעה אויף לאַנגע יאָר! האָסט זי, די כּלה דיינע, כאָטש געזען?

— וואָס פאַר אַ כּלה? — פרעגט אַלטער, אין דעם איינדרוק פון זיינע נעכטיקע געדאַנקען.

— חנהלע, מיין איך, די גאָלדער חנהלען, וואָס מען לויפט קוקן אויף איר ליכטיק פּנים. ווער מיר גוטס ווינטשט, זאָל קיין מיאוסערע כּלה נישט נעמען, ווי חנהלע! וואָס שעמסטו דיך, נאַרעלע? באַרימען מעגסטו זיך מיט אַזאַ כּלה!

אַלטער וווּנדערט זיך: פאַרוואָס ווערט ער היינט אויף רייזלען נישט אין כּעס, כאָטש זי רופט אָן חנהלען זיין כּלה, ווינטשט אים מיט

איר זיינע הונדערט און צוואנציק יאָר אויסצולעבן, און, אדרבה, ער פילט נאָך אַזויווי אַ טרייסט פון אירע ווערטער אין זיין הארצן, בשעת כמעט די אייגענע ווערטער פון פישלען האָבן זיין געפיל אַזוי באַליידיקט, און ער קאָן אים נאָך איצט נישט מוחל זיין פאַר זיי?

ער פאַרענטפערט זיך אָבער אַליין: פישל האָט ווי אַ שיכור אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „ווייב", און דאָס קאָן ער טאַקע נישט פאַרליידן, אָבער רייזל זאָגט נאָר: „כלה"... יאָ, אַ כלה קאָן אפשר חנהלע זיין. אייביק, אייביק אַ כלה. קוקן אויף אים זאָל זי מיט שעמעדיקע אויגן, אַזוי ווי נעכטן... ווען קיין זייטיקער מענטש וועט דערביי נישט זיין — אים זאָגן: „אַלטער", און ער וועט איר צוריק ענטפערן: „חנהלע!" דאָס וואָלט טאַקע אַזוי שיין זיין, אַזוי זיס און גליקלעך דאָס גאַנצע לעבן!...

אַלטערס פאַרשעמט ווערן, זיין שווייגן און פאַרטראַכטן זיך זענען פאַר רייזלען אַ קלאָרע תשובה געווען, אַז ער האָט די שיינע חנהלען געזען. ווען געפעלן איז אים, טראַכט זי, איז גאָרנישט נייטיק אים איבערצופרעגן. אויף נאמנות, רעדט זי פאַר זיך, דאָס וועט אַ שיין פּאָרל זיין! אַז ער פאַרשעמט זיך, איז אין זיין פנים זיך אויך נישט איינצוקוקן, אַזוי שיין האָט ער געמוזט זיין נעכטן אויך, און חנהלע האָט אויך אויגן דאָס צו זען...

— ווייסטו, וואָס מען דאַרף איצט טאָן, מיין זון? — ווענדט זי זיך ווידער צו אַלטערן.

— וואָס? — פרעגט ער.

— מען דאַרף אַ ביסל דאָס שטיבל צוקלויבן, — ענטפערט זי. — מיר זאָגט דאָס הארץ, אַז היינט וועט ביי אונדז זיין איינער פון דיינע מחותנים, צי פּיוול, צי דאָס ווייב זיינס, און אפשר זיי ביידע צוזאַמען. פאַרשטייסטו, טאַטע-מאַמע ווילן אַוודאי וויסן, אין וואָס פאַר אַ הויז זיי גיבן זייער קינד אַריין. נישט שיין וועט זיין, אַז זיי וועלן דאָס שטיבל אַזוי אָפּגעלאָזן געפינען ווי איצט.

אַלטער, וועלכער איז אין דעם שטיבל געבוירן און אויסגעוואַקסן געוואָרן, האָט קיינמאָל נישט באַמערקט די אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון זיין שטיבל.

איצט, ווען דאָס הארץ איז אים אַזוי ווייך געוואָרן און וואָס רייזל האָט אים דערמאָנט, אַז עס קאָן זיין, אַז ווער עס איז פון די מחותנים זאָלן דאָ היינט זיין, האָט ער מיטאַמאָל דערזען, אין וואָס

פאַר אַ חשך, אין וואָס פאַר אַ שמוץ ער האָט ביז איצט דאָ גע-לעבט.

די פּאָדלאָגע איז מיט בלאָטע אָנגעטרעטן, עס זעען זיך כמעט די ברעטער נישט אַרויס, די סטעליע איבן פאַררויכערט און שוואַרץ. שפּינוועבס, ווי ווינקל-פּאַליצקעס איינע איבער די אַנדערע אין אַלע פיר ווינקלען, און אין די נידעריקע פענסטער זעען די קליינע שייבלעך אַזוי פאַרלאָזן, מיט שטויב און פון פליגנקייט אַזוי פאַרדעקט, אַז מען זעט כמעט די גאַס נישט אַרויס הינטער זיי.

עס האָט אַלטערן, ווי אַ שטראָם עפּעס אַ טראַג געטאָן. ער איז באַלד אין קיך אַריין, געכאַפּט דאָרטן דאָס גראָבאייזן, מיט וועלכן ער פלעגט אַמאָל מיט זיין פאָטער צוזאַמען דעם גאָרטן אויפן הויף צעגראָבן, און ער האָט איצט מיט פרישע יונגע כוחות געגומען שאָבן די פּאָדלאָגע.

עס האָט די אַרבעט געברענט אונטער זיינע הענט. אין אַ שעה צייט איז מער קיין זכר פון קיין שפּינוועבס נישט געבליבן, קיין זכר פון בלאָטע אין גאַנצן שטיבעלע. רייזל האָט די פענסטער גע-וואַשן. אַלץ איז ריין און ליכטיק געוואָרן, נאָר צו דער סטעליע איז קיין עצה נישט געווען. און מיט ווייטיק האָט אַלטער געקוקט אויף דער שוואַרצקייט, וואָס הענגט אים איבערן קאָפּ.

— האָב קיין צער נישט, מיין זון, — האָט אים רייזל געטרייסט, פילנדיק אַלטערס צער, וואָס ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, ווי די סטעליע כאָטש אַביסל ליכטיק צו מאַכן.—אַ סך בעסער, אַז דער שוואַרצער וואָלקן הענגט איבער אונדז, איידער, חלילה, אין אונדז!.. קומט אַ גוטער ווינט פון ערגעץ צו פליען, צעטרייבט ער אים, טראָגט אים אַוועק ווייט-ווייט איבער פוסטע פעלדער, איבער ווילדע וועלדער, און איבער אונדז ווייזט זיך ווידער די זון אַרויס, וואַרעמט אונדז, טרייסט אונדז, און מיר פאַרגעסן באַלד אָן דער שוואַרצער כמאַרע, וואָס האָט אונדז אַזאַ ליכטיקע זון פאַרשטעלט... אַ דאַנק דעם לעבעדיקן, וואָס די כמאַרע פון דיין האַרצן איז אַוועקגעפלויגן. זע, ווי עס שיינט איצט די זון אַריין כאָטש דורך די קליינע שייב-לעך. אין שטוב איז אַפילו נישט אַזוי גרויסאַרטיק, אָבי ציכטיק און ליכטיק. וואַרט מיין זון, נאָך אַ שענערע זון וועט דיר דאָ אין דעם שטיבעלע אויפשיינען. זאָלן נאָר די עטלעכע רובל אין קעשענע זיין, וועט מען אויך די סטעליע אָפּווייסן, און וואָס האָסטו צער פון

דעם? ווייסן דען דיינע מחותנים נישט, אז דער טאַטע דיינער, אַ גוטער בעטער זאָל ער איצט פאַר דיר זיין, איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן? אז דו ביזט נאָך אַן אָבל און עס איז גאָרנישט רעכט דאָס שטיבל אויסצוווייסן פאַרן יאָר?

אַלטער האָט, נעבעך, קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט שווייגן. נאָר פון דעם, וואָס דאָס שטיבל האָט נאָכן אויס-ראַמען גאָר אַן אַנדער פנים באַקומען, איז ער העכסט צופרידן גע-ווען. ער האָט אָבער זיך אַליין אויך אַזוי געוואָלט אַרומוואַשן, צו-קלויבן, און דאָס איז אים אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען. דאָס שטיבל צוקלויבן האָט אים רייזל אַליין דערמאָנט, אַליין צוגעהאָלפן, זיך אַליין צוקלויבן, זיך אויספוצן האָט ער זיך פשוט פאַר רייזלען געשעמט.

בגנבה, איז ער אין גאַס אַרויס און פאַר עטלעכע קאָפּיקעס אַ פוק-בערשטל מיט שוכוואַקס געקויפט. שווער איז אים אָנגעקומען אויף זיינע איינפאַכע, שטענדיק פאַרשטויבטע שטיוול אַ גלאַנץ צו מאַכן.

ער האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט איבערנייען קנעפּלעך אין וואָכעדיקן מלבוש, עס זאָל אויף אים נישט הענגען, ווי אַ זאַק. ער האָט אַרום זיך פיל מער געהאַט צו טאָן, ווי אַרום זיין פאַרלאָזן שטיבל.

פאַרוואָס האָט זיך אים עפּעס היינט פאַרוואָלט נישט אַזוי זיין, ווי ער איז נעכטן געווען? — ווייס ער אַליין נישט. דאָס אָבער ווייסט ער זיכער, אַז נישט צוליב דעם מחותן, וואָס דאַרף דאָ אפשר זיין, נישט צוליב קיינעם, קיינעם נישט, נאָר דווקא צוליב זיך אַליין. זיך אַליין ווילט זיך אים געפעלן, און ער וווּנדערט זיך נאָר, פאַרוואָס האָט ער אויף זיך ביז איצט אַזוי ווייניק געקוקט, און זיך אַליין אַזוי ווייניק געקענט?

רייזלען האָט איר האַרץ נישט אָפּגענאַרט. אַ זייגער פיר ביי-טאָג איז טאַקע פייוול געקומען. ער איז דאָ גראד היינט אין דעם געסל געווען, האָט ער געזאָגט, אָט איז אים איינגעפאַלן אַריינצוגיין געוואָר ווערן אַלטערן נאָך נעכטיקן אָוונט.

פייוול האָט, ווי אַ געניטער, דערווייל באַטראַכט דאָס שטיבל, אַרויסגעגאַנגען מיט אַלטערן אַ קוק טאָן אויפן הויף, געוואָלט אויס-מעסטן וויפל פוס האַלט די לענג און די ברייט פונם פלאַץ, און האָט אָנגעהייבן שטעלן טריט, נאָר די ווילד אָנגעוואַקסענע קראָפּעווע האָט אים נישט געלאָזט ביז די ברעגן צוקומען.

— שטאַרק אָפּגעלאָזן! — האָט ער געזאָגט. — דאָס הייזל האָט כמעט גאָר קיין דאַך נישט. נישט קיין גרויסע אָפּעראַציע אַפילו, נאָר דאַרף אויך אַ פּאָר מאות קאָסטן... דערפאַר זעסטו, געפעלט מיר דער היוף דווקא. דער פּלאַץ איז ווערט געלט. ווער רעדט אויף בויען! ווען גאָט העלפט, קאָן מען דאָ אויפבויען פּתום און רעמסס. אַפילו אַ גאָרטן קאָן מען דאָ פאַרזייען, עס זאָל געווען זיין קאַרטאָפל און אנדערע מינים פאַר זיך און פאַר לייטן אויף אַ גאַנץ יאָר.

אַז ער האָט וועגן גאָרטן גערעדט, האָט ער זיך געוויס דער-מאנט אָן זיין חנהלען, וועלכע איז עטלעכע יאָר ביי איר מומען אין דאָרף געווען און מוז מסתמא וויסן, ווי אַרום אַ גאָרטן צו גיין.

רייזל האָט דערווייל אין שטיבל צוגעגרייט אַ בלעכן טעצל מיט אַ פלעשל בראָנפן, מיט צווי זילבערנע בעכערלעך, עקסטרע פון איר קאָסטן צוליב דעם גאַסט אַרויסגענומען, געכאַפּט אין קרעמל אַ פּאָר צוקערלעקעכלעך, געלייגט אַ ווייס טישטוכל אויפן טיש, און אַז עס איז שוין אַלץ אַזוי צוגעגרייט געווען, ווי איר האָט זיך געוואָלט, האָט זי אַלטערן אַ ווונק געגעבן, ער זאָל דעם מחותן אַריינבעטן אין שטיבל אַריין נאָכאַמאָל.

אַלטער האָט זיך אויפן ווונק געשטויסן און האָט ר׳ פייוולען געבעטן אַריינגיין אין שטוב.

פייוול האָט זיך שטאַרק געלאָזט בעטן ברכה צו מאַכן.

— סיידן דו וועסט מיט מיר נעמען אַ קאַפּ! — האָט ער צו אַלטערן געזאָגט.

— אייך צוליב, וועל איך נעמען, — האָט אַלטער געענטפערט,— כאָטש איך קאָן נישט.

— אַ מאַנסביל דאַרף דאָס אויך קענען! — האָט פייוול געזאָגט,— די וועלט איז היינט אַזוי, אַז אָן אַ ביסל בראָנפן הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס קיין זאַך. לחיים! גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן טרינקען אויף שמחות!

— לחיים טובים ולשלום! — האָט אַלטער געענטפערט.

— אמן! — האָט רייזל פון איר זייט צוגעשטימט.—און טאַקע אויף אַן אייגענער שמחה, און טאַקע אינגיכן! — האָט זי צוגעלייגט.

— איצט מיר צוליב, טרינק דו, — האָט פייוול אַלטערן דערמאַנט.

אַלטער האָט דאָס בעכערל אין האַנט גענומען, אַ ברכה גע-

מאַכט, קוים די ליפּן באַנעצט און צוריק אָוועקגעשטעלט, און רייזל האָט דערווייל פּייוולס בעכערל אָנגעגאָסן נאָכאַמאָל.

— עס האָט קיין טעם נישט, טרינקען אַליין! — האָט פּייוול געזאָגט, און צום צווייטן בעכערל זיך נישט צוגערירט. — אַז מען רעדט צו איינעם, ווילט זיך, אַז יענער זאָל ענטפערן. אַלטער אָבער ענטפערט מיט אַ האַלבן מויל, קוים די ליפּן באַנעצט — און שוין! טרינקען פאַר זיך, איז פּונקט ווי רעדן פאַר זיך. האָט עס עפּעס אַ טעם? אַ שותף האָב איך געהאַט, פלעגט ער זאָגן: „דאַוונען זאָל מען מיט אַ מנין — אַ טרונק בראָנפן זאָל מען נעמען מיט אַ מזומן!"

— אַ שאָד וואָס מיין שמואל איז נישטאָ, — האָט זיך רייזל אַריינגעמישט. — ווען ער וואָלט איצט אינדערהיים געווען, וואָלט ער שוין אַלטערן מוציא געווען מיט אַ טרונק בראָנפן אַזוי ווי מיט הבדלה.

פונדעסטוועגן האָט פּייוול דאָס צווייטע בעכערל אויך אויסגעטרונקען. אויפהייבנדיק זיך פון בענקל אָוועקצוגיין, האָט ער געזאָגט:

— זיי געזונט, אַלטער, איך פאָר איצט אַוועק אין דאָרף אַריין אויף אַ טאָג צוויי. זאָל גאָט געבן, אַז צוליב דיין מזל זאָל מיר דער עסק, צוליב וואָס איך פאָר, מצליח זיין. קאָן זיין, איך וועל נאָך מוזן פאָרן מיטן פּריץ אין גובערניע אַריין, דאָרט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט. ביני לבינו קאָן אַריבערגיין אַ טעג צען, אָדער די גאַנצע צוויי וואָכן. הער זשע, וואָס איך זאָג דיר — ביי מיר איז וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג: געפעלן מיר דיר אַלע, וועמען דו האָסט געכטן ביי מיר געזען, ווי דו געפעלסט אונדז אַלעמען, איך ווייס אפילו נישט פאַרוואָס? נאָר דו געפעלסט אונדז פאַרט און דאָס אַליין איז שוין בעסער, ווי אַלץ! יאָ, אויב אַזוי, טאָ בעט גאָט: דער עסק זאָל מיר מצליח זיין, איך זאָל קומען לשלום אַהיים מיט אַ בראָב פאַרדינט קערבל אין דיין מזל, וועלן מיר מאַכן אַ תנאים אם ירצה השם, ווי עס געהער צו זיין, און דאַן וועל איך אָנהייבן צו זאָרגן און זען דיין שטיבל צו מאַכן פאַר אַ לייט. אַ שאָד, עס קאָן נאָך אין גוטע הענט, איך מיין אין פּרייע הענט, אַ גאַנץ שיינע נחלה ווערן.

אַלטער פאַרשטייט כמעט נישט, פאַרוואָס קומט עס אים, פאַרוואָס איז פּייוול צו אים אַזוי גוט? ווען האָט ער אַזעלכע געטרייע רייד פון אַ פרעמדן יידן אין זיין לעבן געהערט?

און ער דערקלערט זיך: דאָס איז אַלץ צוליב חנהלען. זי איז

אַלעמאָל צו אים אַזוי גוט געווען, זענען איר פאָטער און מוטער אין אין גערעטן, און זענען מסתמא אויך אַזעלכע גוטע, ווי זי.

ער קוקט אויף פייוולען. אים דאַכט זיך, אַז ער געפינט עפּעס אַ ענלעכקייט צו חנהלען, און אים פאַרדריסט, פאַרוואָס האָט ער אים ערשט איצט דערקענט, נישט דעמאָלט, ווען חנהלע פלעגט קומען אין חדר אַריין כמעט אַלע טאָג? קוקנדיק אַזוי אומשולדיק אויף פייוולען, זענען אַלטערן טרערן אונטערגעקומען אין די אויגן.

עס האָט זיך אים געוואָלט פייוולען אויפן האַלדז פאַלן, אויסוויינען זיך פאַר אים און אים זאָגן, אים שווערן, אַז ער מיינט נישט מער, נאָר חנהלען פאַר אַ שוועסטער צו האָבן, פאַר אַ ליבע, געטרייע, איינציקע שוועסטער!.. אויף די הענט זי צו טראָגן, ווי זיין שוואַרצאַפּל פון אויג זי אָפּהיטן, נישט מער, נישט מער. צוליב איר וועט ער אויך אים, פייוולען און זיין ווייב אַזוי ליב האָבן, הערן זיי, פאָלגן זיי און זיין זייערער...

— זיי זשע געזונט, אַלטער, פאַרגעס נישט גאָט צו בעטן, מיר זאָל מיין עסק מצליח זיין, און דאַן וועט אַלץ רעכט ווערן! — האָט פייוול, זיך געזעגענענדיק, נאָך אויסגערעדט, זיך צעקושט מיט אַלטערן און איז זיין וועג זיך געגאַנגען.

— ה' יצליח דרככם! — האָט אים אַלטער נאָכגעשריען, און דאָס האַרץ איז אים אַזוי באַקלעמט געוואָרן, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט רעדן.

רייזל האָט אים דערמאַנט: עס איז צייט צו מנחה גיין, און אַלטער איז אַוועק אין בית-המדרש מנחה דאַווענען.

8

לאַנגע טעג און נאָך לענגערע נעכט האָט אַלטער איבערגעלעבט פון יענעם טאָג אָן, צייט ער האָט זיך מיט פייוולען געזעגנט.

דער קאָפּ איז אים, ווי פאַרטשאַדעט געווען. דאָס האַרץ האָט אים שטענדיק זיסלעך געקלאַפּט, און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך

ווי אין אַ פיבער פון קעלט און היץ געוואָרפן, פון ליכטיקע האָפענונגען און גליקלעכע חלומות — אין פינסטערע ספקות און וואַכעדיקער ווירקלעכקייט.

● זיינע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אַהין, אין יענע צויבערוועלטן, ווו אַלץ איז אַזוי ריין, אַזוי שיין און אַזוי פריי; דאָרט זעט ער זיך מיט חנהלען. קינדער זענען זיי ביידע, זי קוקט אויף אים אַזוי שטיל, אַזוי ווייך, עס צעגייט איר דאָס האַרץ.

— חנהלע! זאָגט ער איר.

זי ענטפערט אים:

— אַלטער!

און מער קיין ווערטער, קיין רייד נישט מער! די צוויי ווערטער זענען אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך צו זאָגן, אַלץ, וואָס זיי קאָנען רעדן.

חנהלע איז זיין שוועסטער, חנהלע איז זיין כלה. אַזוי איז אים איצט קלאָר און דייטלעך געוואָרן, זינט ער האָט פרייטיק פאַרנאַכט אין שיר השירים, די ווערטער געפונען: „לבבתני אחותי; כלה" „מיין שוועסטער, מיין כלה, ביזטו חנהלה!"—רעדט זיין האַרץ ציטערנדיק אין אים.

ער וואונדערט זיך, וואָס ער האָט ביז איצט, אַזויפיל מאָל שיר השירים דורכזאָגנדיק, קיינמאָל אין אים אַזויפיל שיינע האַרציקע ווערטער נישט באַמערקט, ווי איצט.

אַנדערע פסוקים אָבער געפעלן אים נישט, גראָב עפעס, זיי פאַסן גיכער פאַר פישל שדכן, בעת ער איז שכור, איידער פאַר שלמה המלך. פריער האָט ער זיך צו זיי קיינמאָל נישט צוגעהערט און ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט אפילו אין דער הויך אַרויסצוזינגען.

באַגעגנט ער זיי אָבער איצט, ווייל ער אינגאַנצן זיי אַריבערהיפן, נאָר ער דערמאַנט זיך באַלד, אַז אַלע שירים זענען קודש און שיר השירים איז קודש קדשים און דאָס איז געמיינט דער קודשא בריך הוא מיט דער כנסת ישראל, פונדעסטוועגן שעמט ער זיך אַזעלכע פסוקים הויך אויפן קול צו זאָגן און זאָגט זיי שטיל, אַז ער הערט כמעט אַליין נישט די ווערטער, וואָס גייען דורך זיינע ליפן. דערפאַר אָבער האָט ער נחת פון דעם פסוק: „אני ישנה ולבי ער, קול דודי דופק, פתחי לי אחותי רעיתי, יונתי תמתי!"

ער פאַרגעסט גאָר אין דער רגע די כנסת ישראל און מיינט, אַז דער פסוק איז עקסטרע פאַר אים באַשאַפן געוואָרן. ער הערט

ווי חנהלע זאָגט: „איך שלאָף און מיין האַרץ איז וואַך!" יאָ, מיין האַרץ איז אויך וואַך, טראַכט נאָר וועגן איר. ער שטייט הינטער איר טיר און דאָס האַרץ זיינס בעט זיך: „עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין חבר-טע, מיין טייבעלע, מיין אומשולדיקע!"

— אָך, ווי בענק איך נאָך איר! — רעדט ער אַרויס פאַר זיך אינמיטן שיר השירים, און פרעגט זיך באַלד צוריק:

— וויל איך דען טאַקע זי זען? זע איך זי דען נישט אין מיינע געדאַנקען איטלעכע שעה, איטלעכע רגע?

און דאָך, פילט ער, ווי דאָס האַרץ צעגייט אין אים פון בענקען.

אַזוי לעבט ער אין זיסן חלום, בענקט און איז פאָרט געטרייסט, און וויל און פאַרלאַנגט נישט מער, נישט פון גאָט, נישט פון לייטן.

אַנדערש אָבער ווערט אים, ווען זיין מוח דערוואַכט זיך אַמאָל און ער דערזעט די טרויעריקע לאַגע זיינע. צו אָרעם איז אים זיין שטיבל געוואָרן, צו געמיין און גראָב — זיינע עלנטע קליידער אויף אים. ער קאָן אויף זיין אָרעם מלבוש נישט קוקן, זיינע גראָבע שטיוול זענען אים, ווי קלעצער אויף די פיס. זאָגאַר דאָס עסן, וואָס רייזל דערלאַנגט אים, דאָס גראָבע ברויט, דער שוואַרצער קרופניק, דער ליימענער טעלער און די צינענע לעפל מאַכן אים אַ לאָך אין האַרצן. דערזעט ער עס, רייסט זיך אים אַ שווערער זיפץ אַרויס, און אויס אַפעטיט. ער פילט שוין קיין טעם נישט, עסט איבער געוואַלט, נאָר רייזלען קיין עגמת נפש נישט אָנצוטאָן.

גיין אין בית-המדרש אַריין, אָדער אין גאַס גלאַט אַזוי זיך, ווי פריער, ווילט זיך אים נישט. ער שעמט זיך מיט זיינע אָרעמע וואָכע-דיקע בגדים אַרויסצווייזן, אָנטאָן זיך אין זיין שבתדיקן מלבוש — שעמט ער זיך נאָכמער. „וואָס פאַר אַ יום-טוב איז היינט אינמיטן מיטוואָך?"—וועט מען אים פרעגן. און וואָס וועט ער ענטפערן אויף זיין אויספוצן זיך פון העלער הויט.

דערפאַר אָבער ווילט זיך אים גיין אַהין, אויסער דער שטאָט. ער פילט, עס ציט אים אַהין, ווו די פעלדער זענען גרין, ווו דער הימל איבער זיי איז אַזוי הויך, אַזוי בלוי און ווו די וועלדער, דאָרט, ווייט, שטייען אַזוי שטיל, אַזוי פאַרטראַכט!

לאָזט אים נאָר רייזל פון שטוב אַרויס, לאָזט ער זיך אַוועק מיט זייטן-געסלעך אַהין אויסער דער שטאָט, אַנטלויפט אָן אַ זייט, קיין וואָכעדיקע יידן נישט צו באַגעגענען. ער קוקט זיך צו, ווי גוים

שניידן היי, און דער היי שמעקט אים אזוי זיס און דערקוויקט. דאָרט ביי דעם קאַפּיטאַנס סאָד שטעלט ער זיך אָפּ: דאָס זינגט אַ פייגעלע אזוי זיס.

עס צעשיטן זיך זיינע טרעלן צווישן די געדיכטע שמעקנדיקע צווייגן און בלעטער, עס צעגיסן זיך די ליבע-ניגונים, ווי אַ קלאָר וואַסערל און פאַלן אים גלייך אין האַרצן אַריין. ער זעט דאָס פייגעלע, דאָס זינגערל נישט, עס דאַכט זיך אים, אז דאָס איז נישט קיין געזאַנג, נאָר אַ וויינען, אַ זיפצן פון ערגעץ אַ בענקענדיקן האַרצן... „עס בענקט דאָס אָרעמע פייגעלע, טראַכט ער, אזויווי דאָס האַרץ בענקט אין מיר!"

די זון הייבט אָן אונטערצוגיין. ער דערמאָנט זיך אָן מנחה, אָן בית-המדרש, אָן קדיש, און לויפט צוריק אין שטאָט אַריין, ווי אַ זינ-דיקע נשמה אין גיהנם, ווען דער שבת גייט אַוועק און דער מלאך חבלה שרייט אויס: „שובו רשעים שאולה!"...

און אין בית-המדרש איז אַלץ אזוי וואַכנדיק, די מענטשן אין אים — אזוי פּראַסט, אזוי נישט פריינטלעך, זייערע דבורים און מעשיות, וואָס זיי דערציילן פאַרן דאַווענען און נאָכן דאַווענען — עפּעס אזוי טרוקן און אָן טעם! און אים וווּנדערט: וויאַזוי איז מען דאָס אזוי? פון וואָס לאַכט מען דאָ? פון וואָס האָבן לייט הנאה?...

קומט ער נאָך מעריב אַהיים, איז ווידער די אָרעמע וועטשערע, ווידער דאָס אָרעמע טישטעכל אויפן טיש, און דער מילכיקער הילצערנער לעפל מיט די דריי „קאָרבן" פון ביידע זייטן...

עס איז נאָך גוט, וואָס רייזל רעדט איצט נישט פיל. זי האָט זיך צוגעקילט, זאָגט זי, הייזעריק געוואָרן, און דער רופא הייסט נישט רעדן.

זי פרעגט אים גאָרנישט און דערציילט אים גאָרנישט, כאָטש װילן ווילט זיך אים, זי זאָל אים עפּעס יאָ דערציילן... דערציילן פון אַלץ, וואָס זי ווייסט פון פּיוולען, פון זיין ווייב און פון איר... פון איר, וועמען ער טראָגט אין האַרצן אַרום... ווען נישט — זאָל זי אים כאָטש דערציילן פון זיין מוטער, פון זיין טרייער ליבע מוטער, ווען זי איז נאָך אַ שיינענדיק מיידל געווען און עס איז נישט געווען אין איר ליכטיק פּנים אַריינצוקוקן.

עס ווילט זיך אים הערן, ווי רייזל זאָגט נאָכאַמאָל: „דער מאַמעס ליכטיקע בלויע אויגן האָסטו, אַלטער, איר שיינעם שטערן,

איר חן אין דיין גאַנצן פּנים, און אַזאַ גוט האַרץ האָטו, ווי זי, נאָר לענגערע יאָרן און מער מזל זאָל דיר גאָט געבן פאַר איר!"

און אַז אַלטער טראַכט אַזוי, דערמאַנט ער זיין שיינער מאַמצן, און דאָס האַרץ הייבט אים אָן קלעמען: פאַרוואָס איז זי פון דער וועלט אַוועק אַזוי יונג, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זי צו זען, זי צו דערקענען און געדענקען איר ליכטיק פּנים?...

קיינמאָל האָט זיך אים אַזוי נישט געוואָלט זיין מאַמען זען, זי האָבן לעבן זיך, ווי שטאַרק אים ווילט זיך דאָס איצט! קיינמאָל האָט זיין האַרץ אויף איר יונגן טויט אַזוי נישט געטרויערט, ווי איצט! עס ווילט זיך אים איצט כאָטש אויף איר קבר פאַלן, אויסרעדן זיך דאָס האַרץ פאַר איר, זיין פרייד און זיין לייד פאַר איר אויסוויינען.

פאַר איר נאָר, נישט פאַר דעם טאַטן. פאַר אים וואָלט ער זיך נאָר שעמען, ער זאָל וויסן וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך.

„אַ טאַטע, קלערט ער, קאָן עס גאַרנישט פאַרשטיין. ער קאָן נאָך אין כּעס ווערן און מיך אויסשטעכן... נאָר אַ מאַמע, נאָר אַזאַ מאַמע, ווי מיינע, לויט ווי רייזל דערציילט און ווי אַלע דערמאַנען זי צום גוטן, נאָר אַזאַ מאַמע וועט מיך פאַרשטיין, טרייסטן מיך, דאָס האַרץ מיר גרינגער מאַכן, און גיין בעטן גאָט פאַר מיר און פאַר איר... פאַר חנהלען!"

גיין אָבער אויפן בית-עולם, ווי אים ווילט זיך, דערלאָזט אים דאָס האַרץ נישט. זיין אויף דער מאַמעס קבר אַליין, רעדן פאַר איר, און דעם טאַטן אין קבר גאָרנישט זאָגן, וועט ער אין כּעס ווערן, דער טאַטע, דאַכט זיך אים. זאָגן אים פון עפּעס — קאָן ער אויך נישט, דעריבער בלייבט ער שטענדיק נישט געגאַנגען. פון וויטן אָבער טראָגט זיך זיין פול האַרץ צו יענעם ווינקל בית-עולם, וווּ זיין מאַמע ליגט.

9

אין דער גאַנצער צייט, וואָס פייוול איז אינדערהיים נישט געווען, האָט אַלטער געבעטן, אַז פייוול זאָל זיין עסק מצליח זיין, נישט צוליב דעם, וואָס יענער האָט אים פאַרן אַוועקפאָרן צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים זיין שטיבל „מאַכן" פאַר אַ לייט, ווען אים וועט דער עסק אָפּגילטן, נאָר גלאַט אַזוי, פייוול איז אים עפּעס ליב געוואָרן, ליב און טייער, און עס ווילט זיך אים, אַז פייוול זאָל גלאַט אַזוי מצליח זיין אין אַלע זיינע וועגן, אין אַלע עסקים.

נאָכמער, עס דאַכט זיך אַלטערן, אַז ווען ער זאָל נאָר איצט דערזען פייוולען, וואָלט ער אים אַרויפּפאַלן אויפן האַלדז און צעקושן זיך מיט אים אַזוי ליב, אַזוי שטאַרק וויפל ער וועט נאָר כוח האָבן.

דעם פאָטער זיינעם, ר' עוזרן, עליו השלום, האָט אַלטער אויך ליב געהאַט. יעדער זיפץ דעם טאַטנס האָט תּמיד אָפּגעקלונגען אין אַלטערס האַרצן, יעדער קרעכץ זיינער האָט אַלטערן געקאָסט אַ שטיק געזונט. ווען ר' עוזר איז שוין געלעגן, קראַנק און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז נאָר גאָט אַליין קאָן אים נאָך העלפן, האָט אַלטער אַ גאַנצע נאַכט מיט הייסע טרערן געבעטן גאָט, ער זאָל פון זיינע יאָרן, וואָס ער, אַלטער, דאַרף נאָך לעבן אויף דער וועלט, אַ העלפט אַראָפּנעמען און זיין טאַטן צולייגן, דער טאַטע זאָל נאָך געזונט זיין און לעבן.

עס וואָלט אים אויך נישט שווער געווען זיין גאַנץ לעבן אַוועק־צושענקען דעם טאַטן. נאָר פאַלן אַמאָל דעם טאַטן אויפן האַלדז און

קושן אים מיט אלע כוחות, ווי עס ווילט זיך איצט פאלך פייוולען אויפן האלדז און אים קושן, האט זיך אלטערן קיינמאל אין זיין לעבן נישט געוואלט.

פארוואס איז אים פייוול עפעס פון דער העלער הויט ליבער געווארן, ווי זיין אייגענער פאטער איז אים געווען — פרעגט זיך גאר אלטער נישט. דאס איז אים אזוי קלאר און געוויס, ווי קלאר און געוויס אים איז, אז חנהלע איז זיין שוועסטער, זיין טרייע טייערע שוועסטער. — טראכט ער וועגן חנהלען, טראכט ער אויך וועגן איר מוטער.

— א טייערע יידענע, איר מוטער! — זאגט ער צו זיך. — וואלט זי מיין מאמע זיין, וואלט איך זי האלדזן און קושן... איר פאטער, ר' פייוולען, מען איך האלדזן און קושן, כאטש ער איז מיר נישט א פאטער, איך האב אים טאקע ליב, אמת ליב!.. וואלט ער שוין אבער אמאל לשלום קומען!

— און אז ער וועט קומען, וואס וועט זיין? — פרעגט ער זיך אמאל. — וואס וועט זיין? — זאל ער נאר קומען, א הארץ פילט א הארץ. „כמים הפנים לפנים" שטייט, אז איך האב אים ליב, איז א סימן, אז ער האט מיך אויך ליב! — טרייסט ער זיך. — און אז ער האט מיך ליב, וועט ער מיך בעטן צו זיך, וועל איך ווידער זיך זען מיט איר, מיט חנהלען, א קוק טאן, ווי זעט זי אויס איצט?

— פארוואס קאן איך זיך נישט דערמאנען,—פרעגט ער זיך אלץ— ווי האט זי אויסגעזען אין יענעם אוונט, אז איך האב זי אזוי פלוצלונג דערזען? זי איז דאך שוין אויסגעוואקסן. זי איז דאך שוין א גרויסע געוויס, און אלץ זע איך זי, סיי אין די געדאנקען בייטאג, סיי אין חלום ביינאכט, ווי א קליין מיידעלע, ווי זי איז געווען מיט צען יאר צוריק, און נישט ווי איך האב זי איצט געזען?..

— דאכט זיך, פארשעמט א ביסל האט זי א קוק געטאן אויף מיר,— דערמאנט ער זיך פארט. — דארפסטו, טייערע חנהלע, פאר אלטערן זיך שעמען? — פרעגט ער, גלייך ווי זי וואלט איצט שטיין פאר אים.—שעמט זיך דען א שוועסטער פאר א געטרייען ברודער?..

— סיידן פישל שכור האט דיר עפעס געזאגט אזוינס, וואס אפילו איך אליין שעם מיך גאר איבערצוטראכטן. פאלג מיר, גלויב אים נישט. ווייסט דען א שיכור, וואס ער רעדט? גלויב בעסער דיין

אייגענעם הארצן. דיין הארץ קאָן דיר אנדערש נישט זאָגן, וואָס מיר זאָגט וועגן דיר מיין הארץ...

אזוי האָט אלטער די פּאָר וואָכן אריבערגעלעבט אין זיסן בענקען און אין נאָך זיסערע חלומות. קיין ספק נישט געהאַט טאָמער א־ז עס נאָר א חלום, טאָמער קאָן עפּעס אנדערש ווערן...

ער האָט אַפילו אָן זיך, אָן זיין אומבאַהאָלפענער לאַגע פארגעסן און האָט זיך אַפילו נישט דערמאנט, אז שוין צייט צוויי וואָכן האָט ער דער אַלטער רייזלען א קאָפּיקע אויף דער הוצאה נישט געגעבן, און זי גיט אים פונדעסטוועגן עסן. אז ער עסט יעדן טאָג, ווייסט ער, נאָר ווען און וואָס ער עסט — געדענקט ער נישט.

שלעכט נאָר פילט ער זיך, ווען ער באַגעגנט זיך מיט פישלען אין בית־המדרש. וויפל ער זוכט נישט פון אים זיך צו באַהאַלטן, געפינט אים יענער.

פישל גייט שטענדיק צו צו אים, לייגט ארויף זיין האַנט איבער אלטערס אקסל, און דאַן פילט אלטער, אז עפּעס א שווערע משא ליגט אויף אים, עפּעס א האַנט, וואָס איז נישט ריין, וואָס איז נישט וואַרעם. עס דאַכט זיך אים, אז פישלס האַנט באַפלעקט גלייך, וואָס ליגט באַהאַלטן אזוי הייליק און ריין ביי אים אין הארצן...

הייבט פישל אָן צו רעדן, דאַכט זיך אלטערן, אז א רוח פון בראָנפן שפּאַרט זיך פון פישלס מויל ארויס, יאָגט אים גלייך אין פּנים אריין און פארכאַפּט אים דעם אָטעם.

— האָב צייט, אלטער, — הייבט פישל שטענדיק אָן זיין שמועס, — מען טאָר נישט דוחק את השעה זיין. איך ווייס אליין, כאָטש דו זאָגסט עס מיר נישט, אז דו וואַרטסט אויף דיין מחותן, ווי אויף משיחן... נאָך א טאָג, נאָך א טאָג — וואָס האָסטו קיין צייט נישט? ער וועט דאָך קומען, אזוי גיך זאָל טאַקע משיח קומען! און אז ער וועט קומען, וועט ער דיר, ווי דער תשבי, פאַרענטפערן דיינע אלע קושיות ואבעיות!

— איך פרעג קיין קושיות ואבעיות נישט! — ענטפערט אלטער, פּטור צו ווערן פון פישלען.

— פרעגסטו נישט, פרעג איך אָבער! — רעדט פישל ארויס, ווי מיט כעס. — דאָס איז אָן אלטער כּלל, אז דער חתן איז אלעמאָל בעסער פאַרן שדכן. פאַר דער חתונה, ווי נאָך דער חתונה האָט אלץ דער חתן דעם בעסטן חלק... וואָס אָבער האָט דער שדכן? טאָמער

ווייסטו, וואָס איך האָב פון דעם גאַנצן עסק? ווייסטו דאָך מיר אַ פרעג טאָן: וואָס האָסטו? וועל איך דיר זאָגן קורץ און שאַרף, די האָסט אַ כּלה, באמת אַ ברכה צו מאַכן: בורא מיני בשמים! אַ הדסל, אַ לעקעכל, אַ צוקערל, אַ אתרוגל, אַ מהודר, איינע צווישן צען טויזנט, מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ כּלה איך גיב דיר!

אַלטער קאָן עס גאָרנישט הערן. פון פישלס מויל, דאַכט זיך אים, גייען אַפילו די שבחים אַרויס, ווי אַ מין נבול פּה. ער ווונדערט זיך, ווי רעדט אַזוינס אַן אַלטער ייד און נאָך אין מקום קדוש אין טלית ותפלין?

איינמאָל האָט אים פישל געפונען אַליין אין בית-המדרש. עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, און דער עולם האָט זיך צוגעפוילט צו קומען צו מנחה. פישל איז געווען אַביסל מבוסמדיק און אויפגעלייגט.

— גוט, וואָס איך זע דיך איצט, — האָט פישל אָנגעהייבן זיין שמועס. — איך האָב דיר נעבראַכט אַ גרוס, ראשית, פון דיין מחותנתטע... אַ טייערע יידענע, דיין מחותנתטע, איך גיי טאַקע איצט פון איר, און זי לאָזט דיך גריסן גאָר האַרצלעך. הערסט? גאָר האַרצלעך...

דאָס וואָרט מחותנתטע קומט אויס ביי אַלטערן אַפילו פריקרע, נאָר ער דערמאָנט זיך, אַז פישל מיינט עס געוויס חנהלעס מוטער, און ער פילט, אַז דער גרוס טוט אים הנאה.

— מיינסטו אפשר, אַז איך פאַרשטיי נישט, אַז נישט דאָס איז ביי דיר דער עיקר? האָסטו אַ טעות! — רעדט פישל ווייטער. — די מחותנתטע, ווי די מחותנתטע, דער עיקר איז ביי דיר, די מדברת, דער מחותנתטעס טאָכטער! דו דאַרפסט עס מיר גאָרנישט תּובע בפּה זיין. איך ווייס אַליין, וואָס אַ חתן וויל און וואָס אַ חתן מיינט... און ווייל איך ווייס עס, האָב איך טאַקע דיר צו זאָגן, אַז זי, די כּלה דיינע, לאָזט דיך אויך גריסן גאָר האַרצלעך און גאָר פריינטלעך, כאָטש לאו בפירוש איתמר אלא מכללא איתמר. פאַרשטייסט אַן עסק?

— רעדט פישל פון דער מחותנתטע,—קלערט זיך אַלטער,—פישל גייט לשיטתו. ער מיינט אַ שידוך, אַ מחותנתטע, כאָטש ער האָט אַ טעות, איז עס נאָך צו דערליידן, הייבט ער אָבער אָן צו רעדן פון דער כּלה, הייבן זיך אָן בייטן די קאָלירן אין פּנים, און עס ווילט זיך אים, פישלען, זאָגן:

— כלה נבואתך וצא—זאָגט אָפּ, ר׳ פישל, אייער שקר און לאָזט מיך צורו!

אַלטער מאַכט אַ באַוועגונג, ווי פון פישלען לייז צו ווערן, נאָר פישל איז אויפגעלייגט היינט צו רעדן. נעמט ער אָן אַלטערן פאַר אַ לאַץ און לאָזט אים נישט אָפּ.

— איך מוז דיר זאָגן, אַלטער,—רעדט זיך פישל, נישט קוקנדיק וואָס אַלטער וויל נישט הערן.—איך מוז דיר זאָגן, אַז איך פאַרשטיי לחלוטין נישט, וואָס איז מיט דיר דער מער! אַן אַנדער חתן, ווען מען גיט אים אַזאַ כלה אַ צוקערל, וואָלט ער נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט מיר, און דו, פיל איך, האָסט מיך פיינט... ערשטנס, איז דאָס גלאַט אַ שנאת חנם, און דו האָסט בפירוש אַ עבירה פון שנאת חנם, צווייטנס, איז מיר כלל מוקשה. האָסטו קיין אויגן נישט צו זען, אַז אַזאַ פערל, ווי דיין כלה, איז איינע פון די דריי זאַכן, וואָס מרחיבין דעתו של אדם? פאַרוואָס ווילסטו נישט אויסהערן, אַז איך וויל דיר דערציילן פון איר עפּעס?

— ווייל... ווייל...—וויל אַלטער אויסזאָגן, וואָס אים איז נישט ניחאָ, נאָר ער געפינט נישט די ווערטער דערצו. ער ווערט נאָר פאַרשעמט און קערט אָפּ דאָס געזיכט פון פישלען.

— ווייל דו שעמסט זיך, נישט אמת אפשר?—העלפט אים פישל צו.—ביזטו נישט קלוג, ביזטו אַ פערד! שוטה שבעולם! „לא לתהו בראה, לשבת יצרה״, נישטאָ דערמיט וואָס זיך צו שעמען... יעקב אָבינו איז דאָך אוודאי געווען אַ ווילערנער אַ בחור, און אַ פרומער, לכל הדעות, האָט ער זיך אויך נישט געשעמט צו זאָגן צו לבן הארמי: אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה: זיבן יאָר וועל איך דיר דינען, נאָר גיב מיר דיין טאָכטער רחלען די ייִנגערע... און דו ווערסט רויט, ווי אַ בוראַק, אַז איך רעד אויס אַ וואָרט וועגן דיין כלה. אלא, וואָס דען וועל איך זאָגן, דיר געפעלט זי אפשר גאָרנישט? איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס געפעלט זי דיר נישט? — אפשר האָסטו אַ חסרון געפונען, די כלה איז צו שיין? ניין, כאָטש איך האַלט דיך נישט פאַר אַזאַ גרויסן חכם, האַלט איך דיך פונדעסטוועגן נישט פאַר אַזאַ שוטה דו זאָלסט געפינען אַ חסרון אין דעם, וואָס פייוולס מיידל איז אַ יפת תואר. נמצא, מוז איך דאָך זאָגן, אַז געפעלן געפעלט זי דיר דווקא, אַי, וואָס? נאָכאַמאָל, וואָס? פאַרוואָס ביזטו שטענדיק אַזוי צעטראָגן און קאָנסט נישט אויסהערן ביזן סוף, ווען איך רעד וועגן

דיין כלה? איז דער תירוץ גאָר פּשוט: דו ביזט אפשר מטיל ספק אין דעם גאַנצן ענין. דיר גלויבט זיך נישט כּפי הנראה, צי קאָנסטו איר, די כלה דיינע, אַזוי שטאַרק געפעלן, ווי זי געפעלט דיר? זעסטו, בנוגע צו דעם — ביזטו גאַנץ גערעכט. וואָרים באמת איז דאָס ביז היינט ביי מיר אַליין אויך געווען אַ האַרבע שאלת תשובה, נאָר איצט ווייס איך שוין אויף קלאָר, ווו איך האַלט מיט איר אין דער וועלט, און דאָס טאַקע וויל איך דיר דערציילן. הער זיך נאָר איין מיט קאָפּ.

אַלטערן דאַכט זיך, אַז פישל לערנט עפּעס אַ „הוה אמינא״ פון גמרא, וואָרים ער דרייט מיט זיין גראָבן פינגער און זינגט צו מיט אַ גמרא־ניגון.

— נאָר איידער איך וועל דיך צופירן צום גוף הענין, — רעדט פישל ווייטער מיט דעם אייגענעם גמרא־ניגון,—מוז איך דיר מקדים זיין אַ שטיקעלע געניטקייט אין דעם ענין פון שדכנות. זיי וויסן, אַלטער, אַז אין דער וועלט בכלל זענען דאָ צווייערליי מינים כלות. בוגרותן, אַלטע מיידן פאַרזעסענע און מכוערותן, און כלות יונגע, שיינע און געראָטענע. די טבע פון דיביידע מינים כלות איז גאָר פאַרקערט. איז די כלה אַ בוגרת שהגיע כבר פּרקה להנשא, אַריבער כ״ה, און ווער רעדט, ווען שוין לאחר שלושים, איז זי פאַרן שדכן אַ מחיה נפשות! קום איך צו אַזוינע מיט עפּעס אַ ענין, בין איך אַ אָנגעלייגטער גאַסט, זעצט זי מיך אויבנאָן. בראָנפן, לעקעך, אפילו טיי מיט וואַרעניע קאַרגט זי פאַר מיר נישט. איך זע, אַז מיט מיין קומען האָב איך איר ממש אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. אמת בתור סחורה עוברת לסוחר, איז אַזאַ שטיין אַ שווערער. מען דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען, ביז מען ברענגט אַזאַ אויס, אָבער כל זמן מען רעדט, האָט זי פון שדכן נחת און דער שדכן פון איר נאָכמער — מיט אַזאַ כלה רעד איך אָפן, איך פרעג: וואָס זאָגסטו כלהשי־לעב, געפעלט דיר דער חתן? אפילו אַז זי ענטפערט אַמאָל נישט אַזוי קלאָר, שווייגט זי אָבער אַזוי קלוג, אַז דער שדכן פאַרשפּאָרט גאָר איבערצופרעגן.

פישל האָט געמאַכט אַ קליינע הפסקה און האָט ווייטער גערעדט:

— דער היוצא מדברינו פון אַזאַ רעדן, אָדער פון אַזאַ שווייגן איז, אַז דער שדכן ווייסט שטענדיק, ווו ער האַלט אין ד״ר וועלט, און אַז מען ווייסט, ווו מען האַלט אין דער וועלט — בלאָנדזשעט מען

נישט. לא כן אָבער, נישט אַזוי געפינען מיר ביי יענעם מין כלות, וועלכע זענען יונג, שיין און געראָטן. מיט אַזאַ כלה איז קיין סך מחזקות נישט צו מאַכן. וואָס יונגער און וואָס שענער איינע איז, אַלץ מער בעל־גאַווהטע איז זי. עס דערגייט אַמאָל אַזוי ווייט די גאַווה ביי אַזאַ בחורטע, אַז זי איז דעם שדכן אַ דם שונא, קוקט אויף אים מיט אַזאַ רוגזא, גלייך ווי דער שדכן וואָלט באמת מיינען איר עפּעס שלעכטס צו טאָן, און דיין כלה, וואָס איז דאָך טאַקע די גרויסע יפת תואר, האָט זי מיך טאַקע פיינט, וואָס פיינט הייסט. פרעג זי, פאַרוואָס? אין פלוג וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז איר געפעלט נישט דער חתן, וואָס איך גיב איר, איז זי דערפאַר אויף מיר אין כעס. זאָג איך צו איר אַמאָל: ווייסטו וואָס, כלהשע, טאָמער ווילסטו נישט אַלטערן, וועל איך דיר געבן אַן אַנדערן חתן, נאָר זיי מיר קיין שונא נישט! מאַכט זי צו מיר: וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן, צי איך בין אייך אַ שונא, צי נישט? — ענטפער איך: ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, כלה נאה, האָב מיך פיינט וויפל דיין האַרץ גלוסט, האָב נאָר ליב דעם חתן, וואָס איך גיב דיר, מער ווי דאָס וויל איך נישט! — גיט זי נאָך אַ בייזערן קוק אויף מיר און גייט גאָר פון שטוב אַרויס... היינט גיי זיי אַ קלוגער און ווייס, ווו דו האַלטסט מיט איר אין דער וועלט? — קלער איך מיר אָבער בעת מעשה: קלוג ביזטו אַפילו, אָבער איך, פישל שדכן, בין נאָך קליגער! וואָס איך וויל נאָר דערגיין, וועל איך שוין דערגיין, מעגסט לויפן, מעגסט פאַר־שליסן דיין מויל מיט זיבן שלעסער. אויף דיין שטערן, אין דיינע אייגעלעך וועל איך איבערלייענען, וואָס ביי דיר אין דיין הערצל טוט זיך! — און ווייסטו, אַלטער, עס איז מיר געגאַנגען, חוץ אַלע זאַכן, אַ ביסל אויך אין נצחון. אַזאַ טבע האָב איך: אַ שטיקל עקשן בין איך פון מיינע יונגע יאָרן אָן. אָט האָב איך מיך אָנגעקעגט צו דערגיין דעם ענין אויף קלאָר. נו, כל זמן די מאַמע איז דערביי, איז קיין פעולה נישט. רעדט זי, די מאַמע, מיט מיר. קער איך מיך אַפילו אַמאָל גלייך צו דער כלה מיט אַ שאלה, פסקנט ווידער די מאַמע פאַר איר, און דאָס איז מיר כלל קיין קלאָרע תשובה נישט. וואַרט איך שוין אויף אַזאַ רגע, איך זאָל מיט דער בעל־גאַווהטע אַליין בלייבן, און טאַקע היינט האָט זיך מיר אַזאַ רגע געטראָפן.

פישל האָט אויפסניי געמאַכט אַ קליינע הפסקה און האָט ווייטער דערציילט:

— ווי איך זיץ אַזוי מיט דער מחותּנתטע און שמועס גלאַט אין דער וועלט אַריין, דערזעט זי דורכן פֿענסטער, אַז אַ גוי פֿירט אַ וואָגן אוגערקעס. זאָגט זי צו מיר: האָט נישט קיין פּאַריבל, ר׳ פֿישל, איך האָב נאָך קיין איגערקעס נישט געזאַלצן און אָט פֿירט מען אוגערגעס, — און זי כאַפּט אַ פּאַטשיילע אויף זיך און לויפֿט אַרויס צום גוי און צו די אוגערקעס. בלייב איך מיר דערווייל אַליין מיט דער בחורטע. קלער איך: איצט, טאַכטערל, וועל איך אַ טאַפּ טאָן דעם דופּק, און איך גיב שוין אַ זאָג: ווייסט, כּלה נאה, דיין חתן אַלטער, איז... יאָ, איז — נאָר האָב קיין צער נישט, ער וועט געזונט זיין! — שטעלט זי אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן, און איך זע, ווי זי ווערט בלאַס. נאָר וואָס עקשנות איז, — פֿרעגן: וואָס איז אים, פֿרעגט זי נישט. אָבער איך לייען אויף איר פּנים, אַז דאָס הערצל אירס צאַפּלט זיך שוין דאָרט, ווי אַ פֿיש אין נעץ, געפּאַקט, מער דאַרף איך נישט!.. הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין עד היכן הדברים מגיעין?..

אַלטער איז פֿאַרטראַכט און הערט כּמעט נישט פֿישלס ספּור המעשה, נאָר פֿישל קוקט נישט דערויף און דערציילט ווייטער:

און מיינסטו, זי האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט מגלה געווען איר צער דער מוטער? קלוג, דאַכט זיך אַן עקשנות, אָבער פּאָרט אַן אשה מיט אַ ווייך האַרץ. אַרויסגייענדיק שוין אַהערצו מנחה דאַוונען, באַגלייט מיך די מחותּנתטע, כּלומרשט זי וויל גיין אין מאַרק, כאַטש עס רעגנט. גייענדיק, נעמט זי מיך אויספֿאָרשן, וואָס דו מאַכסט. זי האָט כּלומרשט געהערט, אַז דו ביזט נישט געזונט. וואָס איז דיר? צי האָסטו זיך, חלילה, נישט צוגעקילט, אָדער אַזוי עפּעס קראַנק, חלילה? און מוטשעט מיך אַזויפֿיל מיט אירע שאלות, ביז איך האָב איר געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז איינגאַנצן געווען נאָר אַזאַ מין אָנשטעל, אַ פּראָבע, צו דערגיין, ווו האַלט איך מיט דער כּלה אין דער וועלט — גלויבט זי מיר נאָך אַלץ נישט, שווער איך איר אויף יידישקייט. און, מיינסטו, זי האָט עפּעס באַדאַרפֿט אין מאַרק? אַן אויסרייד נאָר, וואָרים תּיכף, ווי איך האָב איר געשווירן, אַז דו ביזט געזונט, ווי אַ מויער, האָט זי גאָר פֿאַרגעסן וווהין זי גייט, און נעמט און קערט זיך אום צוריק אַהיים.

— היינט געדענק-זשע, אַלטער, — פֿירט פֿישל אויס דעם סכום פֿון זיין לאַנגן שמועס, — געדענק-זשע, ווו האַלטן מיר. האָב איך

איר אַ ליגן געזאָגט, אַז דו ביזט פלומרשט נישט געזונט, איז זי בלאָס געוואָרן. אַ סימן, אַז זי האָט דיך נישט פיינט... ווארים אַז מען האָט עמעצן פיינט, דערשרעקט מען זיך נישט אפילו, אַז מען זאָגט אָן, אַז יענער איז געשטאָרבן... און טאָמער איז דיר דאָס נאָך וויניק, האָסטו נאָך אַ סימן, אַז זי האָט תיכף זיכער אָנגעבעטן די מוטער, זי זאָל ביי מיר אויספרעגן וואָס איז דיר אַזוינס. אחר הדברים האלה, טוט מיר די גאַנצע מעשה אַ משונה הנאה. ערשטנס, האָב איך אויסגעפירט מיין נצחון, און זי איז געבליבן אַ נאַר. צווייטנס, זענען מיר אַראָפּ אַלע ספקות און איך ווייס איצט זיכער, אַז עס וועט פון דער כלהס צד קיין מניעה נישט זיין, עס זאָל כאָטש מאָרגן זיין תנאים, ווארים אין היינטיקע צייטן האָבן אַזעלכע בחורטעס אויך אַ דעה צו זאָגן. פאַרשטייסטו שוין, אַז דיר האָט אַ גליק גע-טראָפן, וואָס דו ביזט עס גאָרנישט ווערט?

אין בית-המדרש זענען דערווייל אונטערגעקומען נאָך עטלעכע יידן און פישל איז צו צום פענסטער, אַרויפגעטאָן די שפּיצן פינגער איבער דער פאַרשטויבטער שויב און האָט אָנגעהייבן צו זאָגן קטרת: הצרי והצפורן, החלבנה והלבונה... אַלטער האָט גאָט געדאַנקט, וואָס ער איז פון אים פטור געוואָרן.

נישט תמיד אָבער פלעגט פישל אַזוי פריינטלעך און ליבלעך שמועסן מיט זיך, אָדער מיט אַלטערן. האָט זיך אים נאָר אַ טרונק בראָנפן געוואָלט און ער האָט אין קעשענע אַ קאָפּיקע נישט געהאַט, פלעגט ער אויסלאָזן כל חמתו צו אַלטערן. אַזוי איז ער אַמאָל צו-געגאַנגען צו אים, בעת אַלטער איז איבערן משניות געזעסן, עפּעס פאַרטיפט אין תוספות-יום-טוב.

— האמת נתנה להגיד, — האָט פישל, ווי זיין שטייגער, מיט אַ הקדמה אָנגעהייבן, — לערנען משניות מיטן תוספות-יום-טוב איז אַ גאַנץ פיינע מדה, אָבער וואָס קומט אַרויס פון די רייד, אַז איך, פישל שדכן, וואָס איז תמיד אַ קלוגער ייד געווען, האָב מיך היינ-טיקס מאָל שטאַרק אָפּגענאַרט. ווארים איך האָב מיט דיר מיאוס נישט געטראָפן.

אַלטער קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט, נאָך נישט טרעפנדיק, צו וואָס וועט פירן אַזאַ הקדמה.

— דו פרעגסט: מיט וואָס האָב איך נישט געטראָפן? —דערקלערט פישל זיין הקדמה.—וועל איך דיר זאָגן. שטעל דיר פאָר, אַז במקום

דיר — גיב איך דיין כלה אוועק אַן אַנדער חתן, נו, וואָלט איך באַדאַרפט איצט דאגהן: ווי נעם איך אויף אַ טרונק בראָנפן נאָכן דאַווענען? — דו לערנסט זיך משניות און מיינסט, אַז דערמיט וועל איך יוצא זיין! פע, מיאוס אַריינגעפאַלן! איך גיב דיר אַ כלה אַ צוקערל, דאָס שענסטע קאָרעפּירער אתרוג! פון מיין גאַנצן גבול, און דו האָסט קיין יושר און קיין שכל נישט מיר אַליין יעדן פרימאָרגן צוצוטראָגן כאָטש אַ גילדן, אַ האַלבן גילדן אויף אַ שנאַפּס!

אַלטער זעט שוין, אַז פישל וועט אים היינט דאָס בלוט אויסזאַפּן, און אום גיכער אַ סוף צו מאַכן, קערט ער זיך צוריק צום משניות.

— איך רעד דאָך מיט דיר, דו חמור-קאָפּ! — בייזערט זיך פישל.

— לאָזט מיך לערנען, ר׳ פישל, דער עולם צעגייט זיך. איך וועל באַלד קיין מנין נישט האָבן אַ קדיש דרבנן צו זאָגן, — בעט זיך אַלטער.

— משניות איז נישט קריאת שמע, — שטייט פישל פון אים נישט אָפּ, — מען איז נישט עובר זמן, און אַ קדיש דרבנן קאָן מען צו מנחה אויך זאָגן. דו הער בעסער דערוויילע, וואָס איך זאָג דיר. איך וועל היינט נישט עסן איבער דיר אַ גאַנצן טאָג, ווארים אַזאַ הרגל איז שוין ביי מיר: האָב איך נישט אַ טרונק בראָנפן תיכף נאָך שחרית, איז שוין ביי מיר געהרגעט דער אַפּעטיט און אַ ביסן קריכט שוין אין האַלדז נישט אַריין... על כן גאָר אָן אַ שום תירוץ מוזטו מיר שאַפן כאָטש אויף איין קווערטל.

— נעמט די נשמה מיינע! — רעדט אַלטער אַרויס מיט הארץ. — איר ווייסט דאָך, כל זמן איך האָב געהאַט, האָב איך אייך געגעבן. איצט אַז איך האָב נישט, וואָס קאָן איך אייך העלפן?

— וואָס טויג מיר דיין נשמה, דו נאַרישער בן אדם איינער? — רעדט פישל ווייטער. — קיין מלאך המות בין איך נישט, ביי דיר דיין נשמה צוצונעמען, בפרט אַז אַ אַפילו אַ טרונק בראָנפן וועט מיר קיינער פאַר איר נישט געבן.

— וואָס איז די פעולה פון די רייד, ר׳ פישל, איר ווייסט דאָך, ווען איך וואָלט געהאַט, וואָלט איך אייך אָן רייד געגעבן, — בעט זיך אַלטער.

— די פעולה איז, ווייל איך ווייס אָן עצה, ווי דו קאָנסט באַקומען איצט עטלעכע גילדן. הער-זשע, וואָס איך וויל דיר ראטן, —

רעדט שוין פישל ווייכער. פארמאַך דעם משניות, טו אַ שפּרונג צו דער אַלטער רייזלען און בעט זי לייען דיר נאָך אַ האַלב קערבל. זי וועט דיר זיכער לייען, און קום טאַקע תיכף צוריק, איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר.

— דברים בטלים, רייזל האָט, נעבעך, אַליין אויך נישט, — ענטפערט אַלטער.

— וועמען דערציילסטו מעשיות?—בייזערט זיך שוין פישל ווידער.— אַז איך זאָג דיר: רייזל האָט און וועט דיר לייען, ווייס איך וואָס איך רעד. ערשט נעכטן האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט צוליב דיר אירס אַ קניפּל אָפּגעבונדן, און האַלט דיך אויס דערווייל מיט דער הוצאה. דו וועסט איר אָוועקגעבן בתשואות חן, זאָג איר: מאָרגן, צי איבערמאָרגן וועט דאָך, סוף כל סוף, דיין מחותן קומען, שרייבן תנאים, ווערסטו אַן עושר, אַלטער. גיי, עס ציט מיר שוין דאָס האַרץ, אַזאַ הרגל האָב איך, איך טו זיך עפּעס וואָס!

די לעצטע רייד פישלס הערט שוין אַלטער נישט. די פּאָר ווערטער פישלס, אַז רייזל האָט איר קניפּל אָפּגעבונדן און האַלט אים אויס מיט דער הוצאה, זענען געגנוג געווען, ער זאָל זיך איינקוקן אין זיין אָרעמער לאַגע אַצינד. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז באמת האָט ער שוין אַ טאָג צען רייזלען איין קאָפּיקע אויף דער הוצאה נישט געגעבן, און זי גיט אים פונדעסטוועגן עסן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.—„אַ גזלן בין איך! האָט דאָס האַרץ אין אים געשריען. דאָס קניפּל קלויבט, נעבעך, די גוטע טייערע רייזל נדן פאַר איר פייגעלען, אַן אייניקל, אַ יתומה, וואָס דינט אינדערפרעמד, און פון דעם בלוטיקן געלט זאָל איך נאָך נעמען פאַר דעם שיכור אויף אַ טרונק בראָנפן?"...

— דו גייסט, צי נישט? — ווענדט זיך פישל ווידער צו אים. און אַלטער זעט שוין אין פישלס אויגן אַ פייער פון רציחה.

— ניין! — ענטפערט אַלטער באַהאַרצט.

— פאַרוואָס ניין?

— איך האָב קיין האַרץ נישט צו דעם אָרעם געלט זיך צוצורירן! ווען רייזל זאָל מיר אַפילו וועלן געבן!

— און צו פרעסן פון דעם געלט האָסטו אַ האַרץ? — פרעגט פישל.

אַלטער פילט דעם שטאָך. דאָס האַרץ ווערט אים פאַרקלעמט

און ער קאָן מער נישט ענטפערן. ער מאַכט צו דעם משניות, גייט פון טיש אַוועק, און גייט אום פאַרטראַכט איבערן בית-המדרש. פישל גייט אים נאָך.

— דו גייסט, צי נישט? — פרעגט פישל מיט כּעס.

— וואָס זענט איר מיר שופך דמים? — פרעגט אַלטער צוריק.

— מי שם פה לאלם? ווער האָט דיך אויסגעלערנט רעדן? דו גרויסער חמור-קאָפּ! —שרייט פישל. — אַ עצה דאָס האָט מיר צו זאָגן, אַז איך בין אים שופך דמים! — להוי ידוע לך. אַלטער, זאָלסט עס וויסן, אַז הפה שאסר הוא הפה שהתיר. כּשם, אַזוי ווי מיט מיין צונג האָב איך דיך אַריינגעשלייערט צו פייוולען, און דו ביזט ביי אים געוואָרן אַ גאַנצער אבן טוב, כּך קאָן איך דיך מיט מיין צונג מאַכן צו דער בלאָטע, אויס אבן טוב, אַ קוק טאָן אויף דיר וועלן זיי נישט וועלן! געדענק, אַז החיים והמות איז ביד הלשון!...

אַלטער ענטפערט אים נישט, נאָר דאָס האַרץ זיינס שרייט: הצילני נא מיד אחי מיד עשו! לייז מיך אויס, רבונו של עולם, פון דעם יידן, פון פישלען, וואָס ער האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין מיר!

10

אין דעמזעלבן אָוונט, ווען רייזל האָט מיט איר מאַן איר געשפּרעך געמאַכט וועגן פייוולס גראָבקייט, וואָס ער האָט אויף איר „גוט מאָרגן" קיין „גוט יאָר" נישט אָפּגעענטפערט, און וועגן זיין באַגיין זיך קעגן אַלטערן גופא, נישט ווי עס דאַרף צו זיין, זיצט זיך פייוול ביי זיך אינדערהיים אַליין — דאָס ווייב זיינס מיט דער טאָכטער זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען — און רויכערט זיך אַ גוטן ציגאַר פון יענע, וואָס ער האָט ביי זיין פריץ אַ פּאָר צענדליק געכאַפּט.

דער קאָפּ איז אים פול מיט פּלענער, ווי זיין שטיבל איבער-

צומאכן, ווי פון זיין עסשטוב א זאל צו מאכן און ווי א עסשטוב פוצובויען.

— א שאד, וואס עס גייט צו ווינטער, — רעדט ער צו זיך, — פון ימים־טובים שוין נישט א מייל ווייט, מען האט שוין שופר גע־בלאזן היינט... נישט כדאי ימים־טובים זיך וואלגערן אין א פרעמדער דירה! — גלייכער זאל דערווייל דאס געהילץ ליגן אין וואלד. אז עס וועט זיין א גוטער שליט־וועגס, וועט קאסטן דאס ברענגען אהערצו טאקע ווייניקער, און ערשט נאך פסח, אז גאט וועט לאזן לעבן, זיך נעמען צום איבערבויען.

אזוי, טראכטנדיק, דערמאנט ער זיך אן אלטערן.

דאס געהילץ האט ער ביים פריץ לכתחילה פאר אלטערן גע־בעטן. אוועקפארנדיק, האט ער אים הייליק צוגעזאגט, ווען דער עסק וועט אים נאר מצליח זיין, וועט ער דאס שטיבל אלטערס פאר א לייט מאכן, און איצט מאכט ער גאר פלענער, ווי דאס געהילץ פאר זיך צו באנוצן. פייוול פילט — עס ווערט אים עפעס שווער דאס הארץ, גלייך ווי ער וואלט א שווערע זינד באגאנגען.

— פריער איז עפעס אנדערש געווען, — הייבט ער אן זיך אליין צו פארענטפערן, — פריער איז מיר אלטער פאר מיין אייגן קינד גע־ווען פאררעכנט, אוודאי וואלט איך אים דאס געהילץ נישט געקארגט, אבער איצט, וואס פאר א שייכות איז ער מיט מיר? פארוואס זאל איך אים שענקען געהילץ, וואס איז אפילו פאר נישט א בעלן א מציאה ק"ן קערבלעך?

ער דערמאנט זיך זיין נעכטיק געשפרעך מיט זיין דבורהן, אז ער האט איר דערציילט, ווי דער עסק האט אים היינטיקס מאל אפ־געגליקט, און ער האט איר געוויזן דעם פאק הונדערטער, וואט ער האט אהיימגעבראכט, האט דבורה געזאגט: עס וואלט א יושר זיין שיקן עמעצן אנזאגן אלטערן, אז דו ביזט מיט מזל אהיימגעקומען, און דער עסק איז מיט מזל אויסגעפירט געווארן, ווי געוווּנטשן, זאל ער זיך אויך פרייען. פריער, שפעטער — פארט אונדזער אייגן קינד!

— אייל נישט, האב צייט! — האט ער איר געענטפערט. — וואס איז פריער גלייך און גוט געווען, איז איצט נ י ש ט גלייך אין נ י ש ט גוט! אלטערן וועט גאט צושיקן זיין באשערטע, און אונדזער חנהלען זאל גאט צושיקן, וואס בעסער איז און וואס געוווּנטער!

דבורה איז בלאָס געוואָרן, געדענקט ער, גלייך ווי ער וואָלט איר אַ בייזע בשורה אָנגעזאָגט.

— ניין! — האָט זי אַ געשריי געטאָן. — אַזוי טוט מען נישט, ווען מען האָט גאָט אין הארצן! געלט איז קיילעכדיק, היינט איז ביי דיר, מאָרגן קאָן דאָס געלט זיין ביי אַן אנדערן... ווי צו מיר! — האָט זי געבראָכן מיט די הענט. — איך וועל פאַר זיין אויס־געלייטערטער פרומער מאַמע, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, מיינע אויגן נישט קאָנען באַווייזן אויף יענער וועלט... „אַז גאָט האָט דיר געהאָלפן, דבורה, וועט זי טענהן, איז דיר שוין נישט אָנגעשטאַנען מיט מיר אַ מחותנתטע צו ווערן?“ ערשט נעכטן איז זי מיר צו חלום געקומען. זי האָט חנהלען אונדזערע, איר צו לענגערע יאָר, אויף די הענט געטראָגן, האָט זיך מיר געדאַכט, דערנאָך האָב איך אַ חופה געזען, חנהלע מיט אַלטערן שטייען אונטער דער חופה, אַלטערס מאַמע בענטשט זיי ביידן. עס איז מיר אַפילו אויפן זינען נישט גע־קומען, אַז יענע, אָפגעשיידט זאָל זי זיין, איז שוין לאַנג געשטאָרבן. ווי אַ לעבעדיקע האָט זי געטאַנצט מיטן קוילעטש קעגן חתן־כלה פון דער חופה. — ניין, פייוול, גאָט ברוך שטעלט דיר אַ נסיון, האָב שכל און שטיי ביי דעם נסיון!

— אַ יידענע איז באַלד מיט חלומות! — האָט איר פייוול גע־ענטפערט.—אַ חלום איז אַ נאַר. ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט. און דאָס, וואָס דו זאָגסט, אַז דאָס איז אַ נסיון, האָסטו אויך אַ טעות. ווען אַלטער זאָל כאָטש זיין אַ באַוואָרנטער, ווי איך האָב פריער גע־מיינט, וואָלט נאָך אפשר טאַקע זיין, וואָס זיך מיישב צו זיין. און ווייס איך, אפשר ווי דו זאָגסט, געלט איז קיילעכדיק, מען דאַרף צוליב געלט טאַקע נישט פאַרגעסן, ווער און וואָס מען איז פריער געווען. אָבער הערסט דאָך, וואָס מען רעדט צו דיר, עס איז דער שידוך מיט אַלטערן פון אָנהייב אָן אַ טעות; פישל זאָגט מיר „אַ באַוואָרנטער“... איך ווייס, אַז קיין קינדער חוץ אַלטערן האָט עוזר, עליו השלום, קיינמאָל נישט געהאַט, מיין איך, ער איז אַ בן יחיד מיט אַן ערשטער לגאַטע, און דאָס איז אַזוי גוט, ווי אַ באַוואָרנטער פון סאָלדאַטן... לאָזט זיך אויס, אַז ווייבאַלד עוזר איז געשטאָרבן נאָך פאַר אַלטערס פריזיוו, און אַ מאַמען האָט ער אויך נישט, איז ער אויס בן יחיד, אויס לגאָטניק, און ער וועט זיכער מוזן גיין דינען דעם קיסער. ביזטו אַ געטרייע מאַמע, גיי פאַרבינד חנהלעס יונגע יאָרן

מיט אים, טאָמער טרייבט מען אים אוועק אַזש קיין כינע אין דער מלחמה, עס טרעפט אים דאָרט אַ קויל, זאָל די שעה נישט זיין, ער ווערט געהרגעט, מען באַשיט אים, מען באַגראָבט אים, מען ווייסט אפילו נישט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען, און אונדזער איינציקע טאָכטער בלייבט זיצן מיט אַ קינד, אָדער מיט צוויי אויף די הענט, אַן אייביקע עגונה, קלאָגט און וויינט אויף איר פאַרשפּילטער וועלט און האָט נאָר טענות צו אונדז, וואָס מיר האָבן איר אַזאַ מאַן געגעבן, וואָס איז פון דעם אַלעם נישט באַוואָרנט געוועז?.. נו, יידענע, ווער איז גערעכט, איך צו דו?

— פייוול, צי איז דאָס אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטער תירוץ?— האָט דבורה אים חושד געווען. — זע, איך האָב מורא, אַז שונאים, דיינע, צי אַלטערס, האָבן דיר דאָס אָנגערעדט, און דו גייסט נאָך דעם יצר הרע און גלויבסט, ווייל איצט געפעלט דיר שוין אַלטער נישט?.. פאַר מיר איז דאָס אַ תירוץ, ווייל איך בין אַ יידענע, איך ווייס קיין זאַקאָנעס נישט, ווייל איך בין אַ מאַמע און וויל אוודאי מיין קינד זאָל, חלילה, קיין אומגליק נישט געשען... אים אָבער, וואָס מיר זענען נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאנען, וואָס ווערסטו ענטפערן?..

— אדרבה, זאָל ער טאַקע מיין עדות זיין, — האָט זיך פייוול אָנגעכאַפּט אַן דבורהס רייד, — זאָל טאַקע גאָט אַליין מיין עדות זיין, אויב איך האָב אַליין גאָר אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז אַלטער צו קיין אָדער צו אָרעם מיין קינדס חתן צו זיין! אַזויווי מיט דעם געלט, אַזוי האָב איך מיך געפרייט מיט דעם ביסל געהילק, וואָס דער פריץ האָט מיר געשאָנקען. מיט דעם האָב איך גערעכנט, וועל איך אַלטערס הייזל קאָנען איבערבויען, ווי איך האָב אים אַליין צוגעזאָגט. ערשט צוריקפאָרנדיק לשלום אַהיים, דאַרף אויף דער סטאַציע, ווו איך האָב געגעכטיקט, צורייד קומען וועגן פּריזיוו, יונגעלייט זענען צום רבין געפאָרן אויך מכוח דעם פּריזיוו... צווישן זיי איז גראָד געווען איינער, וואָס איז פון געבוירן טאָג אַלעמאָל געווען אַ בן-יחיד, און גראָד מיט אַ יאָר צוריק נעמט און שטאַרבט ביי אים די מוטער, נישט דאָ געדאַכט. אין אַ האַלב יאָר שפּעטער, מאַכט זיין פאָטער אויך אַ שטאַרב, און מיין בן-יחיד ווערט דורכדעם אויס בן-יחיד, פאַרלירט די לגאָטע און גרייט זיך איצט אַ סאָלדאַט צו זיין, פונקט די אייגענע מעשה, ווי מיט אַלטערן. איך האָב דאָס דערהערט איז מיר פינסטער געוואָרן

אין די אויגן. עס גלויבט זיך מיר נאָך נישט, און איך גיי תּיכּף אין שטאָט אַריין, און זוך אויס דעם בעסטן אַדוואָקאַט, לייג אים אַנידער אַ רובל און פרעג: ווי איז דער דין, אַז איינער, למשל, אַ חתן מיין טאָכטערס, זאָג איך, איז ביי זיין טאַטן און מאַמען כּל ימיו געווען אַ בן-יחיד, און איצט זענען זיי ביידע געשטאָרבן, צי האָט נאָך דער חתן דעם דין פון אַ בן-יחיד, צי נישט, — און דער אַדוואָקאַט עפנט מיר דעם סוואָד זאַקאָן, און ווייזט מיר שוואַרץ אויף ווייס, אַז מיט דעם טויט פון פאָטער און מוטער שטאַרבט אויך די לגאָטע, וואָס זייער בן-יחיד האָט געהאַט כּל זמן זיי האָבן געלעבט. דאָס הערנדיק, האָב איך אוודאי אַ טראַכט געגעבן, אַז אַלטער טויג מיר נישט מער... און, הערסטו, וואָס איך זאָג דיר, אָן עבירה די רייד! דאַנק גאָט, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, וואָס איך האָב גראַד אין יענע טאָג די גוטע דעפּעשע באַקומען פונם פּריץ, איך זאָל באַלד פאָרן, אַז נישט, וואָלט שוין זיכער לאַנג תּנאָים געווען... און, זעסטו, דעמאָלט וואָלט שוין די מעשה אַ סך, אַ סך ערגער געווען, ווי איצט! ערשטנס, איז ער טאַקע אַ יתום, אַ עלנטער און גיי פאַרטשעפּע זיך מיט אַ יתום; צווייטנס, אַפילו ווען נישט אַ יתום, איז אויך נישט קיין גרינגע זאַך תּנאָים צוצורייסן... ווי זאָגט די וועלט? „בעסער רייסן פאַרמעט, איידער פּאַפּיר!" איצט איז גאָרנישט, מאַלע, וואָס מען רעדט אַ שידוך, קיין וואָרט אַפילו נישט געמאַכט, און וואָס נעמסטו זיך דאָ אַזוי שטאַרק צום האַרצן?

— וואָס נעם איך מיר אַזוי שטאַרק צו האַרצן, פרעגסטו? — האָט דבורה געענטפערט. — ווייל עס איז מיר אַ שאָד אַלטערן! אַ עלנטער, נעבעך, עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ פאַר זיין עגמת נפש, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז מיר ווילן אים פאַר קיין חתן נישט. נאָר נאָכמער איז מיר מיין האַרץ אויסגעריסן אויף אונדזער חנהלען אַליין. דו ביזט אַ טאַטע און דו ווייסט איינס, איך בין אָבער אַ מאַמע און איך ווייס דאָס אַנדערע...

— וואָס ווייסטו? — האָט ער געפרעגט, אין כּעס ווערנדיק.

— איך ווייס, — האָט דבורה געענטפערט, אַז אונדזער חנהלען וועט עס אפשר אַ האַלב לעבן קאָסטן. זי האָט מיר אַפילו אַ וואָרט נישט געזאָגט, נאָר אַ מאַמעס האַרץ פילט... איך ווייס, אַז זינט זי האָט אַלטערן געזען, איז זי צו אים צוגעקלעבט געוואָרן מיטן גאַנצן

לעבן. הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, איך האָב מורא, אַז זי וועט פון אַן אַנדער חתן נישט וועלן הערן און געדענקען.

— וואָס האָט זי אין אים, אין דעם מלמד, אַזוינס געזען? — האָט ער מיט פּאַרדרוס איבערגעפּרעגט.

— וואָס האָסטו אין אים אַזוינס געזען, אַז ער איז דיר אַליין פריער אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן? — האָט זי צוריקגעפרעגט.

— ביזט גאָרנישט קלוג, פייוול, אַז דו פרעגסט אַזוינס. דאָס, וואָס עס געפעלט אַ מיידלשן האַרצן, קאָנט איר, מאַנסלייט, גאָרנישט פאַרשטיין. אַמאָל פלעגט מען זאָגן: „צוגעטרונקען", „אַ כּישוף אָפּ-געטאָן". היינט זאָגט מען: „אַן איינגליבענ ש", נאָר דאָס איז אויך נישט אמת. אַלטער ווייס נישט פון כּישוף, און אונדזער פרום קינד ווייסט נישט פון אַן איינגליבעניש. אַי, פאַרוואָס איז זי צו אים אַזוי צוגעקלעבט געוואָרן? רעכן איך, ווייל ער איז אפשר איר באַשערטער פון אָנהייב אָן, דעריבער ציט איר האַרץ צו אים און זי ווייסט אפשר אַליין נישט, פאַרוואָס.

— אָבער פונוואַנען ווייסטו עס, דבורה? — האָט ער מיט האַרץ אַ געשריי געטאָן.

— הערסטו דאָך, וואָס עס איז געווען, — האָט דבורה אים דערציילט. — אויף מאָרגן, נאָך יענעם אָוונט, ווען אַלטער איז ביי אונדז געווען, מאַך איך מיט חנהלען אַ רייד, און איך פרעג זי כּלומרשט: וואָס וואָלט זי אַן ערך זאָגן, ווען מען רעדט איר אַ חתן, וואָס ער זאָל זיין אַזויווי אַלטער? לאָזט זי אַראָפּ די אויגן און וויל מיר נישט ענטפערן, ווי איינע זאָגט: וואָס דאַרפסטו רעדן מיט משלים, פאַרשטעלט, רעד בעסער אָפן! פרעג איך זי איבער: און אַלטער, מיין טאָכטער, געפעלט דיר? ווערט זי פאַרשעמט, די באַקן צינדן זיך איר אָן און הייבן אָן שיינען, ווי צוויי שיינע רויזן, די אויגן הייבן אָן פייכט ווערן פון טרערן, און זי ענטפערט קיין וואָרט נישט... נו, דאַרף אַ מאַמע נאָך אַ קלאָרערע תּשובה? שפּעטער, אַז עס איז אַמאָל צו רייד געקומען, האָט זי ביינאַכט, ווען עס האָט זיך אונדז ביידן נישט גע-שלאָפן, מיר דעם גאַנצן אמת אַרויסגעזאָגט. אינדערפינסטער, ווען מען קאָן דעם אַנדערן גלייך אין פּנים נישט אַריינקוקן, רעדט זיך ביי אַ יונג מיידל אַמאָל אַרויס דאָס האַרץ פאַר אַן אייגענער מוטער גאָר אָן שעמעריי, און חנהלע האָט מיר דערציילט, אַז נאָך מיט צען יאָר צוריק האָט זי אַלטערן ליב געהאַט, ווי זי וואָלט אַן אייגענע

שוועסטער אים געזוען. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זיינע אויגן בעטן זי: „זיי מיר, חנהלע, אַ שוועסטער!" און כאָטש זי האָט אים כמעט צען יאָר כסדר נישט געזען, האָט זי אים נישט פאַרגעסן, און אַז זי האָט אים איצט ביי אונדז ווידער דערזען, האָט זי זיך מיט איר דערפרייט, גלייך ווי זי וואָלט טאַקע אַן אייגענעם פאַרפאַלענעם ברודער צוריק געפונען.

איך האָב בעת-מעשה אויף אַזאַ מין גזר נישט גערעכנט זיך, האָב איך איר נאָך צוגעגעבן פייער, און האָב אַלטערן געלויבט אין טאָג אַריין, געזאָגט, אַז איצט וועט זי אים קענען געטריי זיין, ווי אַ געטרייע שוועסטער, אים ליב האָבן נאָכמער, ווי אַ שוועסטער... שעמען זיך מיט דעם, האָב איך איר דערקלערט, איז נישטאָ וואָס. אדרבה, מיט אַזאַ געטריישאַפט און ליבשאַפט פרייען זיך גאָט און לייט... אַזוי האָב איך אַליין צוגעהאָלפן, אַז זי זאָל אַלץ מער און מער זיך צוגעוויינען צו דעם געדאַנק, אַז אַלטער איז איר חתן, אַז זי איז זיין שיינע כלה, אַז זיי זענען זיך איינער דעם אַנדערן באַשערט פון גאָט. פאַרשטייסטו שוין, וואָס איך האָב מורא?..

דבורה האָט בעת-מעשה אַ זאַק געשטריקט. פאַרנומען מיטן גאַנצן האַרצן אינם געשפרעך מיט איר מאַן, האָט זי נישט באַמערקט, ווי דאָס קליינע קעצל אונטערן טיש האָט דערווייל איר קנויל פאָדעם געכאַפּט, זיך געשפּילט מיט דעם און אָנגעמאַכט אַ פּלאָנטער, נישט פאַנאַנדערצוגעמען.

— איך האָב מורא, — האָט זי געזאָגט, — אַז אַזאַ פּלאָנטער האָבן מיר אַליין אָנגעמאַכט אין אונדזער קינדס געדאַנקען... אויפן גלייכן וועג וועסטו עס נישט קענען אָפּפּלאָנטערן, סיידן אָפּרייסן, סיידן איבערשניידן...

— אַ יידענע, כאָטש נישט קיין נאַר, האָט פּאַרט אירע ניין מאָס רייד! — האָט פייוול אויסגערעדט פאַרדריסלעך. — צו וואָס האָסטו, איידער וואָס ווען, גערדאַרפט מיט חנהלען מאַכן אַזאַ געשפרעך? דו האָסט טאַקע אַזויפיל שכל געהאַט, ווי דאָס קעצל, וואָס האָט דיר דיין פּלאָנטער געמאַכט... נאַר אויך מיר אַ דאגה! זעסטו, ווי מען מאַכט אויס אַ פּלאָנטער?

ביי די רייד האָט ער געכאַפּט דעם קנויל און אַ ריס געטאָן, אַ צי געטאָן—און עס איז געוואָרן אויס פּלאָנטער.

— דו פאַרגעסט אָבער צוויי זאַכן, — האָט אים דבורה באַמערקט,—

איינמאָל פאַרגעסטו, אַז אַ האַרץ איז קיין קנויל פאָדעם נישט, אַ האַרץ, אַז מען צערייסט, טוט וויי און גיסט זיך אָפּ מיט אייגן בלוט... צווייטנס, פאַרגעסטו, אַז אַפילו אַ פאָדעם אַ צעריסענעם קען מען נישט גאַנץ מאַכן, און מאַכט מען אַ קניפּל אַפילו, קומט שטענדיק דאָס קניפּל אויס אין רעכטן טריט, און דאָס שטערט אויך דעם גאַנג...

— לאָז מיך צעפּרידן מיט דיינע פעדעם, מיט דיין זאָק! — האָט ער זיך אָנגעבייזערט. — וואָס עס קען נישט זיין, מוז רעכט ווערן!.. איך אַליין וועל באַלד חנהלען זאָגן, זי זאָל זיך די נאַרישקייט פון קאָפּ אַרויסשלאָגן. אַ חתן וועל איך איר געבן אַ שענערן און אַ בע־סערן, מער מענטש פאַר אַלטערן אוודאי, אפשר נאָך מיט מער יחוס, מיט אַ פיינעם שווער, מיט אַ קלוגער שוויגער, מיט פאַמיליע... אַז גאָט, ברוך הוא, העלפט, פאַרוואָס נישט? טאָמער אַפילו וועט נאָך חנהלע מאַכן די קאָמעדיע, זי וויל נישט הערן, נישט געדענקען, ווי דו זאָגסט, איז נאָך אַ מתנה, גאָך אַ פינגערל, נאָך אַ בראַסלעטקע, וואָס איז? זי איז נישט חוהס אַ טאָכטער? פאַר אַ שיינע צירונג לאָזן זיך אייערע שוועסטער טרייסטן!.. גענוג די רייד! הערסט, דבורה, איך בעט דיך, דו זאָלסט מער וועגן דעם קיין רייד נישט מאַכן. וואָס עס איז נאָך דאָ אין דעם צו טאָן, וועל איך אַליין אָפּטאָן, און דו מיש זיך נישט אַריין.

דבורה האָט געשוווירן מיט כעס, אַז זי וועט זיך נישט אַריינ־מישן, און ער האָט באַשלאָסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט מיט זיין חנהלען זיך דורכצושמועסן אויף קלאָרע דבורים, איר געבן צו פאַר־שטיין, ווי גרויס עס האָט, חלילה, געקענט זיין איר אומגליק, ווען דער שידוך מיט אַלטערן וואָלט צושטאַנד געקומען, און פאַרקערט, ווי גרויס, אָן עין־הרע, איר גליק איז, וואָס זי קען איצט באַקומען אַ חתן פון פיינעם גראַד, האָבן מחותנים באַלעבאַטים, מיט נדן, מיט מתנות, אַ סך בעסער, ווי זי האָט זיך גאָר געקענט ווען ווינטשן.

קוים אָבער האָט זיך אַזאַ געלעגנהייט געמאַכט, האָט ער עפּעס געפּילט אַ רחמנות אויף איר, טאָמער האָבן טאַקע דבורהס רייד פאַרש אַ ממשות, טאָמער וועט איר די נישט גערעכטע בשורה טאַקע אַ שטיק געזונט קאָסטן?

אַגב, האָט ער זיך באַקלערט, וואָס דאַרף איך איילן? זי קלויבט

זיך צו גיין היינט מיט דער מוטער אויף אַ חתונה, זאָל זי גיין גע־זונטערהייט, טאַנצן דאָרט מיט אַ פריילעך הארץ. עס וועט צייט זיין מאָרגן, איבערמאָרגן מיט איר צו רעדן!

זיצנדיק איצט אַליין, נאָכדעם, ווי דבורה מיט חנהן זענען אויף דער חתונה אַוועק, האָט ער זיך צוריק דערמאָנט דבורהס ווערטער, און כדי צו פאַרטרייבן די שווערע געדאַנקען, צו וואָס די ווערטער האָבן אים צוגעפירט, האָט ער געמיט זיך אַ פּלאַן צו מאַכן, ווי דאָס הויז זיינס איבערצובויען.

אָבער דאָס געהט לך, וואָס ער וויל צו דעם באַנוצן, דערמאַנט אים ווידער אָן אַלטערן און דאָס הארץ ווערט אים נאָך שווערער, ווי פריער.

עס דאַכט זיך אים, אַז אָט דאָרט ביי דער טיר שטייט אַלטער אַזוי אומעטיק, אַזוי פאַרשעמט, ווי באַליידיקט עפּעס.

ער רעדט נישט, נאָר די שיינע, אָפענע, גוטע אויגן זיינע רעדן עפּעס אַזוי קלאָר, אַז פייוולען דאַכט זיך, ער הערט די ווער־טער: איז דאָס רעכט אַזוי? וואָס האָב איך קעגן אייך פאַרזינדיקט, אַז איך געפעל אייך שוין נישט מער? האָב איך פאַר אייך דען נישט גאָט געבעטן, אייך זאָל אייער עסק מצליח זיין? און אַז איך וועל אפילו זיין אַ סאָלדאַט און וועל געהרגעט ווערן, וועט דאָך מיר ערגער זיין פאַר אייך!.. און ווער ווייסט, וואָס עס קען זיין? איך האָב נאָך דריי יאָר צום פּריזיוו... אין דריי יאָר קען נאָך משיח קו־מען, אָדער עס קען נאָך אַ מאַנפעסט זיין, אַז מען זאָל גאָר קיין סאָלדאַטן נישט נעמען!..

— עס איז טאַקע אַלץ אמת, אַלטער, — ענטפערט פייוול אויף זיינע אייגענע געדאַנקען, — געפעלן, געפעלסטו מיר, געפאָלגט אונדז אַלעמען, אָבער ווער וויל עס מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריינקריכן? זעסט דאָך אַליין, אַלטער, אַז דו ביזט ביי חנהלען נישט באַשערט, אַז נישט, וואָלט נאָך דיין פאָטער געלעבט, דו וואָלסט נאָך אַ בן־יחיד געווען, און עס וואָלט אפשר גאָר היינט אָוונט תנאים געווען ביי דיר מיט חנהלען. גאָט, ברוך הוא, האָט עס אָבער נישט געוואָלט, האָט ער ביי דיר דעם טאַטן צוגענומען פאַר דער צייט, און וואָס בין איך שולדיק?

נאָר אַלטער, דאַכט זיך פייוולען, שטייט נאָך אַלץ און קוקט שוין אויף אים ברוגז, מיט כעס.

— פאָלג מיך, אַלטער, פאַרגעס דאָס אַלץ! — בעט זיך פישל אין זיינע געדאַנקען ביי אַלטערן. — בעט נישט אויף חנהלען קיין נקמה... זי איז אַוודאי נישט שולדיק, פון אירטוועגן וואָלט אפשר רעכט זיין כאָטש אַזוי אויך צו שרייבן תנאים. אויף מיר אָבער דאַרפסטו אויך נישט ברוגז זיין... וואָס קומט מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב אַ טעות געהאַט? פאָלג מיך, גיי דיר אַהיים, טראַכט בעסער וועגן דיין פריזיוו... אפשר קען מען זיך אַן עצה געבן באַצייטנס. בעט אויף אונדז קיין שלעכטס נישט, גאָט איז מיין עדות, אַז וואָס איך ווינטש דיר, מעג עס מיר אַליין אָנקומען! — רעדט פייוול ארויס, גלייך ווי אַלטער וואָלט דאָ באמת געשטאַנען פאַר אים.

די טיר האָט זיך געעפנט, פייוול האָט געמיינט, אַז דאָס עפנט אַלטער די טיר ארויסצוגיין, נאָר אין שטוב איז אַריינגעקומען פישל שדכן.

11

— ר׳ פישל! — האָט פייוול האַלב דערשראָקן, האַלב דערפרייט אויסגעשריען. — ברוכים הבאים!

— ערשטנס, נאָט אייך אַוועק מיין שלום־עליכם! — ענטפערט פישל און דערלאַנגט זיין רעכטע האַנט פייוולען. — און, צווייטנס, וויל איך אייך ווינטשן כל טוב סלה, וואָס אייער עסק, ווי לייט דערציילן, האָט אייך מצליח געווען. זאָל אייך גאָט געבן מזל ברכה אין אייער פאַרדינסט! אַ סך גלייכער, אַז אַ געמיינער באַלעבאָס ווערט רייך, איידער אַ גביר ווערט נאָך רייכער!..

— איך דאַנק אייך פאַר אייער ברכה! — זאָגט פייוול צופרידן.— אַ ברכה איז קיין קללה נישט! אַוודאי איז גלייכער, אַז אַ נאַש־בראָט ווערט געהאָלפן, איידער דאָס געלט פאַלט אַריין אין אַ פולן זאַק, ווו עס ווערט קיינעם נישט בעסער און נישט ערגער דערפון...

— מ'ען שמועסט ביי אונדז אין קליי'ל, — דערציילט פישל, — אז
איר האט געכאפט א מנה־יפה מעקלעריי. לויט שאצן אייער פארדינסט
אין כמה אלפים קערבלעך... כן ירבו, זאג איך, פארוואס נישט?

— צום רבונו של עולם דערלייגט מען נישט! — ענטפערט
פייוול. — א דאנק אים דערפאר! איך האב מיר אליין גאר מער נישט
געווונטשן.

פישל באמערקט אויפן טיש עטלעכע ציגארן, אין א בלויען
פאפיר איינגעוויקלט. ער שטרעקט אויס א האנט, קלויבט אויס א
ציגאר, טראגט אים צו צו דער נאז, שמעקט אים ארום פון אלע
זייטן און זאגט:

— פיינע ציגארן, אבער גאר פיינע... איך האב מורא, צי קאסטן
זיי נישט צו דריי קאפיקעס א שטיק.

— האט גאר קיין מורא נישט, — רופט זיך אפ פייוול, — זיי
קאסטן א סך, א סך טייערער, שעמט אייך נישט!

— פינף?

— נאך טייערער!

— צען?

— הייבט אויף א ביסל העכער! — שמייכלט פייוול גוטמוטיק,
נישט אן א ביסל גאווה.

— צו הייבן נאך העכער, האב איך שוין קיין כוח נישט, — ענט־
פערט פישל, — קיין השגה אפילו אויך נישט. איך אליין רויכער,
ווי אייך איז אפשר באקאנט, מאכארקע פאר זעקס קאפיקעס א פעקל,
נאר אז עס מאכט זיך, מען איז מיר מכבד מיט א ציגאר, זאג איך
מיך פון אזא כבוד נישט אפ. אנומלט האב איך געררויכערט א
ציגאר פאר דריי קאפיקעס א שטיק. נאר אמאל, עס איז שוין א
מעשה דערין א יאר עטלעכע און צוואנציק צוריק, בין איך אויף א
שמחה געווען ביי א גביר אין בערדיטשעוו, האט דער מחותן, נאך
דער חופה־וועטשערע, ארויסגענומען א קעסטל ציגארן, וואס האט גע־
קאסט צו צען קאפיקעס א שטיק, און האט געטיילט די געסט. איך
האב אויך איינעם באקומען; פארויכערן אים אבער האב איך זיך
נישט געקענט פארגינען, און אז איך בין אהיים געקומען, האב איך
אים אוועקגעגעבן אונדזער רב א מתנה.

— אמאל איז אפשר צען קאפיקעס פאר א ציגאר א סך געלט
געווען, — שמייכלט פייוול מיט גאווה, — היינט איז רעכט אפצוצאלן צו

פופציק און צו פינפאונזיבעציק רובל פאר א מאה, און אז עס מאכט זיך, פארגינט זיך גאר אזא איינפאכער באלעבאס, ווי איך, אויסצו-רויכערן צוויי-דריי א טאג, נישט דווקא נאך א חופה-וועטשערע, נאר נאך אן איינפאכער באלעבאטישער מיטוואכדיקער וועטשערע. קאסטן, קאסטן זיי דווקא אפילו א גראשן נישט ווייניקער, ווי צו פופציק קאפיקעס א שטיק. און איך רויכער שוין היינט, דאכט זיך, דעם פערטן ציגאר... דריי האב איך זיכער היינט שוין אויסגערויכערט.

— צו פופציק קאפיקעס א שטיק! — רעדט פישל איבער, נישט גלויבנדיק, וואס ער הערט.

— וואס גלויבט זיך אייך נישט? — פרעגט פייוול.

— ווייל עס קאן זיך מיר נישט גלויבן, אז איר וועט זיך פאר-גינען גאנצע צוויי קערבלעך מיטן רויך אוועקצולאזן! קרחס אוצרות דארף מען צו אזא פארגעניגן האבן!...

מיט די רייד נעמט פישל איבערציילן, וויפל ציגארן געפינען זיך אין בלויען פאפיר.

— מיט דעם, וואס איך האלט, איז צווייאונדרייסיק!—בארעכנט ער.—צווייאונדרייסיק האלבע קערבלעך האבן מיר טאקע א קיימא לן פון גאנצע זעכצן קערבן! א האלבן נדן פאר א ארעמער כלה און און א גאנץ שדכנות-געלט אפילו ביי א באלעבאטישן שידוך... און ווייסט איר, וואס איך וועל אייך זאגן — א ייד טאר עס גארנישט: מען איז פשוט עובר אויף „בל תשחית"!

— האט נישט קיין עגמת נפש! — טרייסט אים פייוול. — קיין עובר בל תשחית בין איך נישט, און אז זיי זאלן מיר דארפן געלט קאסטן, וואלט איך צו פינף קאפיקעס א שטיק אויך נישט באצאלט. פאר זיך פארגין איך מיר א פעקל ציגארן — צען שטיק פאר צען קאפיקעס, צו קאפיקע א שטיק, און גענוג פאר מיר. קום איך אבער אריין צו מיין פריץ און פארויכער מיין ציגאר, מאכט ער א גע-וואלט: איך פארפעסטע אים די לופט אין זיינע פאקאיעס. און אז ער זעט, אז זיין הוסטן און עפענען די פענסטער העלפט נישט, איך רויכער מיר מיין ציגאר ווייטער, שפרינגט ער אריין אין זיין קאבינעט, טראגט ארויס א האלב קעסטל ציגארן, פופציק שטיק, דערלאנגט מיר און זאגט:

— נא, איך שענק דיר, רויכער וויפל דו ווילסט, נאר פון אלע

טרעפ וועל איך דיך אראפוואַרפן, אז דו וועסט פרואוון נאַכאַמאָל צו מיר אריינקומען מיט דיין שטיקנדיקן מאַכאָרקע-ציגאַר, געדענק!

— פריצל, — ענטפער איך, — איך רויכער בפירוש נישט קיין מאַכאָרקע, אַט איז דאָס פעקל, נאַ זע, עס קאָסט אַ גאַנצע קאָפּיקע אַ שטיק!

— דורין, — שרייט ער צוריק, — פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיק מוז דער ציגאַר זיין פון מאַכאָרקע! מיינע קאָסטן צו פופציק קאָפּיקעס אַ שטיק! — ווי פאַרשטייט איר, ר' פישל, האָב איך זיי באַדאַרפט צונעמען ביי אים אָדער נישט?

— אַוודאי צונעמען! — זאָגט פישל. — פרווו ביי אַזאַ משוגענעם פריץ נישט צונעמען, קאָן מען נאָך כאַפּן אַ פּסק.

— איר פאַרשטייט אַן עסק, ר' פישל. איר האָט שוין, אַפּנים, מיט די אדונים געמוזט האָבן געשעפטן.

— אין מיינע יונגע יאָרן! — ענטפערט פישל. — עס זענען דעמאָלט גאָר אַנדערע פריצים געווען!

פישל בייסט דערוויל אָפּ דעם שפּיץ און נעמט זיך פאַררויכערן אָן דעם לאָמפּ.

— איר פירט איבער דעם ציגאַר! — שרייט פּייוול, — נאַט אייך אַ שוועבעלע.

ער רייבט גיך אָן אַ שוועבעלע און גיט פישלען פאַררויכערן. פישל ציט דעם ציגאַר, לאָזט אַרויס דעם רויך דורך זיינע גרויסע וואָנסעס און זאָגט:

— וואָס גוט, איז גוט! עס לאָזט זיך אַזוי גרינג רויכערן, אַ מחיה! נאָר פאַרוואָס קומט דאָ פופציק קאָפּיקעס אַ שטיק, ווייס איך נאָך אַלץ נישט.

— זענט איר קיין מבין נישט! — פּסקנט אָפּ פּייוול מיט גאווה. — ווילט איר וויסן, פאַרוואָס מען צאָלט אַזויפיל געלט פאַר אַזאַ ציגאַר? טאָ האָט געדולט אַ רגע... לייגט, זייט מוחל, אייער ציגאַר אַוועק, און איך וועל מיר נאָך איינעם פאַררויכערן, וועט איר עפּעס זען.

פישל לייגט זיין ציגאַר אַוועק, פּייוול קלויבט זיך אויס אַ ציגאַר, שנייט אָפּ דעם שפּיץ, ווי אַ געניטער, פאַררויכערט און לאָזט דעם רויך פון ווייטן גלייך צו פישלען.

— פילט איר איצט דעם ריח? — פרעגט פּייוול.

— טאַקע באמת אַ ריח ניחוח! — ענטפערט פישל. — פאַרוואָס האָב איך עס נישט געפילט, ווען איך האָב אַליין געראויכערט?

— ווייל די טבע פון אַ טייערן ציגאַר איז,—דערקלערט פייוול,— דעם רעכטן ריח צו דערפילן, ווען דער אַנדערער רויכערט. די גאַנצע טייערקייט ווידער פון אַ ציגאַר ליגט טאַקע נאָר אין דעם ריח, פאַרשטייט איר שוין?

— לערן איך דערפון אַפּ צוויי זאַכן, — זינגט זיך פישל אויס מיט אַ גמרא-ניגון. — איינמאָל לערן איך דערפון אָפּ, אַז אַ מענטש קאָן נישט זיין אַ מבין אויף די מעשים, וואָס ער טוט אַליין, נאָר אויף די מעשים, וואָס דער אַנדערער טוט!.. ווען איך האָב אַליין געראויכערט, האָב איך נישט אָנגעהייבן צו שפּירן גאָר אַ ריח. איצט, אַז איר רויכערט, שפּיר איך באמת אַ ריח, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים; און ווידער לערן איך דערפון אָפּ, אַז מען באַצאָלט פאַר דעם ריח פון אַ זאַך מער, ווי פאַר דעם עצם זאַך... איך מיין דערמיט, אַז ליט באַצאָלן אַמאָל פאַר דעם גוטן נאָמען פון אַ מענטשן, פאַר זיין יחוס, אָדער פאַר אַזוי עפּעס, וואָס האָט אין תוך אַריין קיין ממשות נישט, מער ווי פאַר דעם עצם מענטשן אַליין... בתור שדכן האָב איך שוין די פּראַקטיק אַ סך מאָל געהאַט, אַז נאָר פאַרן גוטן ריח גיט מען אַמאָל אַ סך נדן, כאָטש מען זאָל נעמער פאַנאַנדערבלעטערן דעם עצם קרן, קאָן זיך אַרויסווייזן, אַז ער אין אַ ביטערער טאַבאַק-בלאַט, גלייך ווי אַלע טאַבאַק-בלעטער, נישט זיסער אפילו אויף איין האָר...

— מיט אַ יידן, אַ למדן, איז טאַקע אַ מחיה צו רעדן! — רעדט אַרויס פייוול זייער צופרידן פון פישלס משלים. — דאַכט זיך אַ ציגאַר, אַ ריח, נאָר ביי דעם למדן קומט אַרויס אַלץ אויף אַ תורה, אויף אַן אָפּלערנעכטס, און עס ליגט אַ שטיק אמת אין דעם, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט! געוויס ווייסט איר אויך וואָס איר רעדט, כאָטש איך שטויס מיך נאָך נישט, וועמען און וואָס איר מיינט. נאָר דער משל אַליין איז טייער... איך דאַנק אייך, בנאמנות, וואָס איר זענט איצט אַריינגעקומען און איך קען טאַקע מיט אייך דעם אָוונט צוברענגען, בעת איך בין אַליין אינדערהיים געבליבן, און די מחשבות מיינע לאָזן מיך נישט צורו, ווי די קאָמאַרעס אין אַ הייסן זומער-טאָג אין אַ מיטן וואַלד אַליין. מיין דבורה מיט מיין הנהלען זענען אויף אַ חתונה געגאַנגען.

— מיר איז אַ חידוש אויף אייך, ר׳ פייוול, — ווונדערט זיך פאַרמרשט פישל, — וואָס האָט איר איצט פאַר אַ מחשבות, וואָס לאָזן אייך נישט צורו? חוץ אייער שאָדן, ר׳ פייוול, אויף מיר געזאָגט! העלפט מיר גאָט, ברוך הוא, מיט אַזאַ פאַרדינסטל פון כמה אלפים קערבלעך, וואָלט איך שוין גאָר קיין מחשבות נישט געהאַט!

— איר זאָלט דאָס זאָגן, ר׳ פישל? — ווונדערט זיך פייוול צוריק. — איר ווייסט דאָך יאָ, וואָס אין פרק שטייט: „מרבה נכסים מרבה דאגה״!

— וואָס פאַר אַ דאגה האָט איר? זאָל דער רובל פאַר אייך דאגהן!

— עס איז אָבער נישט אַלעמאָל אַ כלל, — ענטפערט פייוול. — אמת, דער רובל העלפט אין אַ נויט, אָבער אַמאָל מאַכט זיך, אַז דווקא ווייל דער רובל איז דאָ, קען מען זיך קיין עצה נישט געבן, ווי יוצא צו זיין פאַרן רבונו של עולם און ווי פאַר זיך אַליין אויך. אָט נעמט טאַקע דעם אייגענעם שידוך מיט אַלטערן, וואָס איר האָט מיר פאַר מיין נסיעה אָנגעשלאָגן, האָב איך גאָר פריער נישט געטראַכט. שיינע עלטערן האָט ער געהאַט. אַליין איז ער אַ גאַנץ שיינער בחור, יונג און געזונט, פרום און גוט. אַי, דאָס וואָס ער איז נאָך נישט אַזוי אויסגעריבן אין הייגטוועלטיקע ענינים, האָב איך פאַר קיין גרויסן חסרון נישט געהאַלטן. לערנען קען ער, האָב איך מיר געטראַכט, אַ גמרא-קעפל קען טויגן צו אַלץ, אַפילו צו שמד-שטיק, אַז מען דאַרף...

פייוול האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַוודאי איז ער מיר געפעלן, מיין ווייב געפעלן, אַפילו מיין טאָכטער געפעלן... דאַכט זיך אַלץ גוט, אַלץ כשורה. ניין, רוקט זיך אונטער מיין פריץ מיט אַ דעפּעשע, איך זאָל תיכף צו אים קומען, טאַקע וועגן יענעם עסק, וואָס איך האָב צוויי יאָר געפירט, געפאָרן צען מאָל אַהין און צוריק און האָב מיך שוין געהאַט, ווי מיאש געווען פון אים. לאָזט זיך אויס, אַז איך כאַפּ איבער דריי טויזנט קערבלעך מזומן מעקלעריי, חוץ אַלע הוצאות, און גאָט העלפט מיר אָנשטאָט צוגעזאָגטע שי״ן קערבלעך גדן, נישט האָבנדיק זיי, קען איך איצט לייגן גאַנצע טויזנט צו תנאים, כאָטש שוין אין קנאַקעדיקע הונדערטער. פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז דאָס, וואָס איך האָב גערעכנט פאַר שי״ן קערבלעך אַ מציאה, איז שוין פאַר טויזנט, און

נאָך מיט טייערע מתּנות דערצו, אַ ביטערער יקרות! איז גאָר אין גוטן מוט איצט אויך נישטאָ וואָס צו רעדן מכּוח דעם שידוך מיט אַלטערן. נאָר מיר זענען דאָך יידן, ווי זאָגט מיין דבורה, געלט איז קיילעכיק, היינט קייקלט עס זיך צו צו מיר, מאָרגן קען עס זיך אָוועקקוויקלען צו יענעם. אַ ייד גיט אויך אַמאָל אַ טראַכט: טאָמער איז דאָס אַ נסיון, גאָט פּרוּווט דיך אפשר, צי דו וועסט פאַררייסן די נאָז, צי נישט? זעט איר, אַז כאָטש ליט וואָלטן אפשר פון מיר געלאַכט און געזאָגט: אַ שיינע מציאה האָט פייוול פאַר זיינע טויזנט קערבלעך געקויפט, אַ מלמד, אַן עלנטן, אפילו קיין שווער און שוויגער פאַר זיין קינד נישט באַזאָרגט, אַפילו פאַר זיך אַליין קיין מחותּנים אין אַ מקום קדוש נישט איינגעקויפט... איך ווייס נישט, צי וואָלט איך דעם נסיון בייגעשטאַנען, צי נישט, אָבער איצט, אַז עס לאָזט זיך אויס איינגאַנצן אַ טעות, אַז אַלטער איז אַפילו קיין באַוואָרנטער אויך נישט, גאָר קיין בן־יחיד נישט, טאָ וואָס טויג ער מיר?

— ווי הייסט קיין בן יחיד נישט? — פרעגט פישל, כּלומרשט ער פאַרשטייט נישט, וואָס פייוול זאָגט אים. — די מאַמע זיינע אָדער דער טאַטע זיינער האָט אים אין קבר אַ ברודער געבוירן? וואָס רעדט איר, ר' פייוול? ווער קען נישט אַלטערן אין שטעטל? ווער ווייסט נישט, אַז זיין מאַמע, עליה השלום, האָט דריי קינדער געהאַט און זיי האָבן נישט מוציא שנתם געווען, און טאַקע דעריבער האָט זי דעם פערטן קינד אַ נאָמען געגעבן „אַלטער" פון אַ סגולה וועגן? ווער װידער ווייסט נישט, אַז זיין פאָטער, ר' עוזר, עליו השלום, האָט דערנאָך פיר ווייבער געהאַט און זיי אַלע האָבן אים אַפילו איין קינד נישט געהאַט? אַז איך האָב אייך געזאָגט, אַלטער איז אַ בן־יחיד, מעגט איר זיכער זיין — ער איז עס נאָך איצט אויך און וועט אַ בן־יחיד שוין בלייבן, ווי לאַנג ער וועט לעבן!

— נישט דאָס מיין איך, ר' פישל, — דערקלערט פייוול. — אַ בן־יחיד איז ער געווען, זאָגט דער זאַקאָן, ביי זיינע עלטערן, ווי לאַנג זיי האָבן געלעבט. צוליב זיי האָט ער אַן ערשטע לגאָטע געהאַט. איצט, אַז זיי זענען, נעבעך, געשטאָרבן, צוליב וועמען זאָל ער האָבן אַן ערשטע לגאָטע? ביים קיסר איז ער קיין בן־יחיד נישט! אַזוי האָט מען מיר אין וועג דערקלערט, און אַזוי האָט מיר אַן אַדוואָקאַט, אַ גרויסער זאַקאָניק, בפירוש פון סוואַד זאַקאָן אַרויסגעלייענט. איך זאָל אייך חושד זיין, ר' פישל, אַז איר האָט געוווּסט דערפון און

האָט דאָס געוואָלט פון מיר מעלים זיין, האָב איך גאָט אין האַרצן, אַ יידן אַ למדן אַזוינס נישט חושד צו זיין. איר האָט געוויס נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב אייך בפירוש געזאָגט, אַז מיט אַזאַ, וואָס האָט נאָך אַן עסק מיט זיין פּריזיוו, זאָלט איר נישט קומען צו מיר. נו, וואָס זאָגט איר איצט צו דעם אַלעם?

— ומשפטים בעל ידעום שטייט, ווי קום איך צו וויסן פון זייערע זאַקאָנעס? — פאַרענטפערט זיך פישל. —אַ שדכן בין איך פון לאַנג, אַ זאַקאָניק הייב איך ערשט אָן צו ווערן... איר זאָגט, אַז אַן אַדוואָקאַט האָט אייך געזאָגט, גלויב איך אייך, טאַקע גוט צו וויסן פון נאָכאַמאָל ווענן! אָט אַזוי לעבט מען אַמאָל אַליין אין טעות און מען פירט נאָך גאָר אומגערן דעם אַנדערן אויך אַריין אין דעם טעות... ה׳ ישמרני, באַהיט זאָל מען ווערן! דער אַנדערער קאָן טאַקע מיינען, אַז פישל איז אַ פלוט, אַ ליגנער, אַ קאָפּ-פאַרדרייער... גוט כאָטש, וואָס איר אַליין דערקענט, אַז איך בין דאָ גאָרנישט אויסן געווען. און וואָס קאָנט איר מיך חושד זיין? דאָס גרויסע געלט, וואָס אַלטער האָט מיר אפשר צוגעזאָגט? און אַ קאָפּיקע ביי זיין נשמה האָט ער, נעבעך? אוודאי איז איצט דערפון נישט כדאי צו רעדן... און וואָס נעמט איר זיך אַזוי צום האַרצן. אַז אייער קינדס מזל טראָגט אויס, אָן עין הרע, אויף שענערס און בעסערס? — טויזנט רובל מזומן איז אַ נדן אַ נגידישער, אייער מיידל, איך מיין אָן שום חניפה, איז אַ יפת תואר, ווי פון דער הייליקער תורה אַרויס... דערצו, ווי לייט זאָגן, מיט גוטע יידישע מידות, נישט אָפּצושאַצן... מיר אַזאַ יאָר, וואָס פּאַר אַ שיינעם און פיינעם חתן איך ווועל איר געבן!

— אָבער אַלטער ליגט מיר נאָך אין זינען! — איז זיך פייוול מודה. — איך האָב רחמנות פשוט אויף אים. ער האָט געמיינט, גאָט האָט זיין עלנט צוגעזען. ער האָט אוודאי די מינוטן געציילט, איך זאָל שוין קומען און שרייבן תנאים. צום סוף דאַרף ער איצט געוווּיר ווערן, אַז לא הא ולא הא, נישט קיין תנאים און נישט קיין לגאַטע האָט ער... און נאָך עפּעס ווועל איך אייך זאָגן, עס אַרט מיך טאַקע, טאָמער האָט זי, די כלה מיינע, מיין איך, אויך עגמת נפש דערפון?... אַ מיידל, זי האָט אים געזען, טאַטע-מאַמע האָבן געזאָגט: ער געפעלט אונדז, האָט זי זיך אפשר אין זינען אַריינגענומען, אַז ער איז שוין איר באַשערטער. דאָס האַרץ אירס איז שוין ווי צוגעטאָן געוואָרן צו אים... און ווי זאָגט מיין דבורה: „אַליין אָנגעמאַכט אַ פּלאָנטער, און

גיי נעם עס פאַנאַנדער, אויב דו קאָנסט, אַז נישט—צערייס דאָס האַרץ ביי דיין אייגן קינד, כאָטש עס טוט וויי, כאָטש עס גיסט זיך אָפּ מיט אייגן בלוט!..

— דאָס אַליין איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי! — מאַכט פישל אַוועק מיט דער האַנט. — קעגן אַלטערן האָט איר אוודאי נישט פאַרוואָס זיך שולדיק צו מאַכן. בסך הכל איז ער איינמאָל ביי אייך אין שטוב געווען, מיט אייער טאָכטער אַפילו אַ וואָרט נישט אויס-גערעדט... און אַפילו, אַז יאָ גערעדט, אַפילו, אַז ער געפעלט שוין איר גאָר און גאָר, גייט זיך דאַן אַ שידוך נישט פאַנאַנדער? און נאָך איינס, ר׳ פייוול, דאַרפט איר וויסן, אַז גאָר אין גוטן מוט האָב איך נאָך נישט געזען, אַז צום ערשטן מאָל רעדן אַ שידוך זאָל זיך דערפון עפּעס אויסלאָזן. ווי אַלטערן, אַזוי אייער מיידל איז דאָס דער ערשטער שידוך, וואָס מען האָט זיי גערעדט, איז דאָך דאָס טאַקע גלאַט דברים בטלים! „קשה לזווגן כקריעת ים סוף", זאָגן אונדזערע חכמים... עס איז שווער ביז אַ שדכן טרעפט צו דעם אמתן זיווג. אַ שדכן מוז זיך געגנוג אַנלויפן, גענוג דעם האַלדז אָנרייסן רעדנדיק. ער מוז איין שידוך רעדן און דריי אַנדערע האָבן גרייט ביי זיך אין קעשענע, און ווען ס׳איז גוט, טרעפט ער ערשט ביי אַ פערטן-פינפטן שידוך, וואָס ער שלאָגט פאָר. און באמת, ווען אַ שדכן זאָל תמיד אויספירן גלייך דעם ערשטן שידוך, וואָס ער קומט רעדן, וואָלט גאָר קיין גרינגערע פרנסה פאַר שדכנות אין דער וועלט נישט געווען!

פישל פאַרטראַכט זיך אַ רגע, שפּאַרט אָן דעם שטערן אָן דעם ווייזפינגער, ווי ער וויל עפּעס אַ נייס אויסטראַכטן.

— און מיינט איר אפשר, אַז אַלטער וועט אַזויווי ער שטייט און גייט איצט קיין כלה נישט באַקומען, כאָטש ער האָט נאָך זיין פּריזיוו נישט געפטרט? איך האָב נאָר אַ טראַכט געטאָן, איז מיר שוין אויפן זינען אַרויפגעקומען אַ שידוך פאַר אים, ווי אָנגעמאָסטן. טרעפט, אַדרבה, מיט וועמען וויל איך אים רעדן?

— איך האָב פיינט צו טרעפן! — ענטפערט פייוול.—זאָגט, וועל איך אייך ענטפערן — צי אַ גלייכע זאַך, צי נישט.

— מיט זלאַטקע דעם דינס מיידל!

— אַ שיינער אויסבייט! מיין גאָלדענע חנהלען אויף זלאַטקע דעם דינס טאָכטער!..—רעדט אַרויס פייוול מיט פאַרדראָס.—גאָר אָדער גאָר-

נישט... זלאַטקעס טאָכטער קען דאָך זיין אַ מצמע זיינע, זי איז נישט פֿיל ייִנגער פֿאַר מיין דבורהן. ניין, ר׳ פֿישל, נישט דאָס וויל איך פֿאַר אַלטערן!

— וואָס העלפֿט דאָס וועלן? — רופֿט זיך אָפּ פֿישל. — אַלטער וויל אַוודאי בעסער אייער חנהלען, כאָטש ער האָט מיר עס נישט געזאָגט, אָבער איך מעג אויף דעם שווערן. נו, העלפֿט אים עפּעס זיין וועלן? איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין, ר׳ פֿייוול, ווי אַלטער איז פֿריער געווען אַ חתן טיט א סך מעלות, אַזוי איז ער איצט אַ חתן דורכאויס מיט חסרונות; פֿריער, אַז מיר האָבן געמיינט — ער איז אַ באַוואָרנטער, ער האָט פֿאַרן פּריזיוו נישט מורא צו האָבן, איז אַ מעלה געווען, וואָס זיין פֿאָטער, ר׳ עוזר, איז אַ מלמד אַ למדן, אַ מעלה, וואָס אַלטער קען אַליין לערנען, נאָך אַ גרעסערע מעלה, וואָס ער איז געזונט און שיין, הויך און שטאַרק. איצט זענען די אַלע מעלות לויטער חסרונות. עוזרס תורה וועט אים פֿון פּריזיוו נישט אויסקויפֿן, אַ מלמד געווען כל ימיו, און אַז עס שטאַרבט אַ מלמד, לאָזט ער זיין קינד נישט איבער אַפֿילו אויף איינמאָל מיט וואָס אַ וואַרמעס אויפֿצוקאָכן. אַלטערס תורה צו זעלנערײַ טויג אַוודאי און אַוודאי נישט... בעסער וואָלט ער געווען אַ בעל-מלאכה, וואָלט אים אין פּולק אויך נישט שלעכט געווען. איך קען בעלי-מלאכות. וואָס האָבן אָפּגעדינט זייערע עטלעכע יאָר און האָבן פֿון דער סלוזשבע געבראַכט ממון קרח. ועל כולם, איז איצט אַ חסרון אַ גרויסער דווקא דאָס, וואָס ער איז אַזוי הויך און שטאַרק, אַזוי אייזן-געזונט... אַז מען וועט אים דערזען צום פּריזיוו, וועט מען אַ געשריי טאָן: „גאָדיען!“

פֿישל האָט פֿאַרגלאָצט די אויגן און צוגעגעבן:

— וואָלט ער איצט נישט אַזוי געזונט געווען, קליינגעוויקסיק כאָטש, וואָלט ער די מאָס נישט געכאַפּט, וואָלט ער כאָטש אַ שטיקל מום געהאַט ערגעץ אויף אַ האַנט, אַ פֿוס, אַ מיחוש אין האַרצן אָדער אויף די לונגען, זאָג איך, עס איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג, מען זאָל אים אויסבראַקירן און הייסן גיין אַהיים... איצט זע איך נישט איין בדרך הטבע, וויאַזוי קען ער נישט זיין אַ סאָלדאַט... אי, וועט איר דאָך פֿרעגן, וויבאַלד אַז יאָ אַזוי, טאָ וואָס טויג ער פֿאַר זלאַטקעס טאָכטער? איז דער תירוץ: זי האָט, נעבעך, קיין אַנדערע ברירה נישט. נעמען אַ פּשוטן בעל-מלאכה קען זי נישט, פֿאַרט אַ דינס אַ טאָכטער, נעמען ווידער אַ באַוואָרנטן פֿון באַלעבאַטישן גראַד, איז זי

שוין, ווי איר אליין זאָגט, לאחר שלשים... נישט איבעריק שיין, קיין סך נדן האָט זי אויך נישט... און היינטיקע צייטן קוקט מען נישט אויף יחוס אליין, מען וויל צום יחוס אויך אַ קרן, און צום קרן אויך נדן... דאָס אַלץ ווייסט זלאַטקע גאַנץ גוט, און דעם אמת זאָגנ־דיק, גייט איר דער עיקר דעם מיידל דעם קאָפּ צוצודעקן דערווייל... אַן אַלטע מויד ווערט וואָס אַ יאָר נאָך עלטער און אָפּגעפּרעגטער. זאָל זי דערווייל, קלערט זיך זלאַטקע, אַ חופּה שטעלן, זאָל איר טאָכטער מער קיין אַלט מיידל נישט זיין... אַי, וואָס שפּעטער וועט זיין? קימערט זי איצט נישט. וועט זי וועלן, וועט זי וואַרטן ביז איר מאַן וועט זיך אויסדינען, אַז נישט — וועט זי תיכּף בעטן אַ גט. ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל: פון אַן אַלטער מויד ווערט אַ יונג ווייבל. אַ ווייבל, אַפילו אַ גרושה, איז שוין נישט אַזאַ חסרון, ווי אַן אַלטע מויד.

— אָבער צו וואָס זאָל עס אַלטער וועלן? — פרעגט פייוול מיט פאַרדראָס. — ווער נויט אים איצט חתונה צו האָבן? ער איז נאָך יונג, קוים אַכצן יאָר, זאָל ער נאָך וואַרטן עטלעכע יאָר, טאָמער וועט זיין מזל בעסער ווערן און ער וועט נעמען אַזאַ, וואָס זאָל אים פּאַסן.

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה, ר' פייוול, — דערקלערט פישל,— וואָס איר ווייסט נישט ווער עס נויט אים! זאָל איך שטום ווערן, אויב איך וואָלט מיט אים אָנגעהייבן צו רעדן וועגן אַ שידוך, ווען ער אַליין דערציילט מיר נישט, אַז אים גייט נישט אַזוי אום חתונה צו האָבן, ווי אין דעם, ער זאָל זיך קענען אַ קנעלונג מיט אַ חדר מאַכן, ער זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן!.. איר פאַרגעסט, אַז ער האָט איצט נישט פּשוט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען... צו קיין אַנדער פּרנסה קען ער זיך נישט נעמען. מלמדות קען ער, און ער וועט זיכער די בעסטע קנעלונג האָבן, אָבער אַלץ נאָכדעם, ווען ער וועט זיין אַ באַווייבטער. פאַרשטייט איר שוין, ר' פייוול, אַז ער האָט נאָך ווייניקער ברירה פאַר זלאַטקען? דעריבער קומט ביי מיר אויס, אַז אַ גלייכערער שידוך, ווי דער, קען זיי ביידן גאָר קיינמאָל נישט טרעפן... און נאָך אַ זאַך וועל איך אייך זאָגן, עס דאַרף נישט אייער דאגה, נאָר מיין דאגה זיין. דער רבונו של עולם פירט די וועלט, זאָל ער פירן, ווי אים געפעלט... אין אַ שידוך איז קיינמאָל קיינער נישט שולדיק, נישט דער שדכן, נישט די מחותנים. וואָס

באַשערט דאָס וואָרט! נאָר וואָס קומט אַרויס פון די אַלע רייד? מיר איז שוין אין האַלדז טרוקן געוואָרן, און איר גיט גאָרנישט, ר׳ פייוול, אַפילו די ליפּן אָפּצונעצן.

— געטראָפן! — רופט זיך אָפּ פייוול. — אָט דאָס הייסט אָן אַ באַקעבאָסטע אין שטוב... אַליין האָב איך קיין שכל נישט געהאַט. און מיינט איר, איך ווייס שוין, צי איך וועל עפּעס געפינען אייך מכבד צו זיין?

— אַ ביסל בראָנפן האָט איר? — פרעגט פישל.

— און וואָס נאָך אַ מין ביסל בראָנפן! — באַרימט זיך פייוול.

— און טאַקע מער מיין איך גאָרנישט. און באמת, וואָס ברויך אַ מאַנסביל נאָך? — באַמערקט פישל.

— איך ווייס? אַ קשיה אויף אַ מעשה, — ענטפערט פייוול, — איר זיצט שוין ביי מיר שיינע עטלעכע שעה. אפשר ווילט זיך אייך צו-בייסן עפּעס?

— פון צובייסן האַלט איך נישט שטאַרק. אַ ביסל בראָנפן דער-קוויקט דאָס האַרץ! — זאָגט פישל שטאַרק אומגעדולדיק.

פייוול האָט באַלד געבראַכט אַ פלעשל בראָנפן מיט צוויי גלעזלעך.

— לחיים, לאָמיר טרינקען אויף שמחות! — האָט פייוול צוגע-ווונטשן.

— לחיים טובים ולשלום! — האָט פישל געענטפערט און אַריינגע-קערט זיין גלעזל.

— וואַזשנער בראָנפן, אָבער גאָר וואַזשנער! — סמאַקעוועט זיך פישל.

— ער שטאַמט פון דעם אייגענעם אָרט, פונוואַנען איך האָב די ציגאַרן...—דערציילט פייוול דעם יחוס פון זיין בראָנפן. — אַזאַ בראָנפן מעג טר נקען אַפילו אונדזער רב, זאָל לעבן, ווייל ער איז ישן, ווי דער פריץ זאָגט, איז דער בראָנפן אַלט אַ יאָר דרייסיק.

— כל-טוב איז נאָר ביי זיי! — רעדט פישל איבער ווי פאַר זיך. — זייערע אַ ציגאַר האָט אַ ריח גן-עדן, זייערס אַ ביסל בראַנפן איז מחיה נפשות, פאַרוואָס קומט עס נאָר זיי?

— איר פרעגט ביי מיר, ר׳ פישל? — וווּנדערט זיך פייוול. — אדרבה, זאָגט איר, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— אַלץ פאַר דער בכורה! — ענטפערט פישל.

— פאַרן טאָפּ לינזן, מיינט איר? — פרעגט פּיוול.

— יאָ, פאַרן טאָפּ לינזן, דאָס הייסט פאַר דער גאַנצער גוטס פון דער וועלט האָט יעקב אבינו אָפּגעקויפט די בכורה, דאָס מיינט מען: די תורה הקדושה, וואָס דורך איר וועלן מיר זוכה זיין צו קומען צו כל טוב פון עולם הבא! — דערקלערט פישל.

— אַז איר זאָגט, גלויב איך איך, מסתמא שטייט דאָך אַזוי געשריבן, דערווייל אָבער, ר׳ פישל, ווילט זיך אויף דער וועלט אויך אַ ביסל בראָנפן. מילא, אַ יידן פון „נאַש בראַט״, וואָס מיר האָבן קנאַפּ תורה אין זיך, איז קיין חידוש נישט, אָבער פאַרוואָס ווילט זיך אויך דעם למדן אַ ביסל בראָנפן? דער למדן דאַרף זיין צעפרידן מיט זיין עולם הבא.

— אדרבה, נאָר דער למדן דאַרף דאָס ביסל בראָנפן, און טאַקע צוליב זיין תורה! — רופט זיך אָפּ פישל. — אם אין קמח אין תורה. — זאָגן אונדזערע חכמים. — אַ ביסל בראָנפן איז אַ ענין גדול אפילו צוליב דער תורה. נעמט מען אַ קאַפּ, ווערט דער מוח גאָר קלערער. אַלע מחשבות זרות צעפליען זיך... אין ארץ ישראל, קאָן זיין, האָט מען טאַקע עס אפשר נישט באַדאַרפט. יידן האָבן קיין דאגת הפרנסה נישט געהאַט, איז דער קאָפּ קלאָר געווען צום לערנען. אין גלות אָבער, ווו מען איז ביזן האַלדז איינגעטונקען אין דאגות, רחמנא לצלן, מען זאָל נישט האָבן דאָס ביסל י״ש מיט וואָס די דאגות פון זיך אָפּצוטרייבן, וואָלט טאַקע נישט מעגלעך זיין דעם קאָפּ אריינצוטאָן אין אַ שווערן ענין פון דער הייליקער תורה.

— אַזוי, צי אַזוי, אַבי אַ ביסל בראָנפן איז אַ ענין גדול לכל הדעות! — זאָגט פּיוול. — דעריבער איז טאַקע אַ שאָד, וואָס עס איז אַזאַ אָוונט אַריבער און מיר האַלטן נאָך גאָר ביים אָנהייב.

— עוד היום גדול! — טרייסט אים פישל. — האָב איך דעם בראָנפן, וואָס מען קאָן נאָך אויסטרינקען ביזן דאַוונען!

— לחיים!

— לחיים!

און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האָבן זיי זיך איינאַנדער צוגעווונטשן „לחיים!״ און אַזוי האָבן זיי געטרונקען באַטעמט און געמיטלעך ביז עס האָט אָנגעהייבן צו באַגינען.

פּיוול, וואָס האָט פיל נישט באַדאַרפט אום שיכור צו ווערן, איז באַלד פריילעך געוואָרן. שיכורערהייט איז זיין טבע געווען, די

גאַנצע וועלט ליב צו האָבן, דערפאַר האָט ער איצט אויך אַלץ צו פישלען געשריען:

— איך האָב אייך ליב, ר׳ פישל. איך האָב ליב אַ יידן אַ למדן. ווו תורה, איז חכמה. איצט זע איך בחוש, אַז אין אַ ביסל בראָנפן שטעקט אויך אַ גרויסע חכמה. איך זע איצט, אַז איך האָב באמת גאָרנישט וואָס צו דאגהן... אַ, אַלטער? האָב איך אים אויך ליב. בנאמנות ליב פון גאַנצן האַרצן! אַז אפילו נישט אַ חתן, ווינטש איך אים פונדעסטוועגן כל טוב. דאָס שענסטע דרשה-געשאַנק וועל איך אים שענקען. זאָגט עס אים, ר׳ פישל. איך וויל נישט, ער זאָל אויף מיר ברוגז זיין. מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַן איידל קינד ער איז, כאָטש צו אַ ביסל בראָנפן טויג ער נישט.

— לחיים! — זאָגט פישל אַ פינפטן, צי אַ זעקסטן מאָל.

— לחיים! לשלום! — ענטפערט פייוול, קוים וואָס די צונג באַוועגט זיך נאָך. — טרינקט און זייט מיך אויך מוציא, איך קאָן שוין נישט, פול, ביזן גאָרגל פול, מער גייט נישט!

12

כאָטש רייזל איז שטאַרק אויפגעבראַכט געווען אויף פייוולען, וואָס ער האָט איר אויף איר „גוט מאָרגן" קיין „גוט יאָר" נישט געענטפערט, פונדעסטוועגן האָט זי דאָס איריקע געטאָן: צוגעקליבן דאָס שטיבעלע, טאָמער קומט דער מחותן געוויר ווערן וועגן אַלטערן, זאָל ער נישט זאָגן, אַז רייזל איז קיין באַלעבאָסטע נישט און האַלט איר חתנס שטיבל אָפּגעלאָזן.

זי האָט נאָכמער געטאָן: אָפּגעביטן נאָך אַ קערבל פון איר אָרימען קניפּל און האָט אָנגעגרייט בראָנפן און פאַרבייסן, פייוולען אויפצונעמען מיט כבוד, ווי עס פאַסט פאַר אַ מחותן, און זי האָט זיך יעדע רגע געריכט און מיט אומגעדולד געוואַרט, ער זאָל שוין קומען.

אז עס זענען שוין אָבער דריי טאָג אַריבער אַזוי וואַרטנדיק, און פּייווע קומט נישט, האָט שוין רייזל איר כּעס נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט איר האַרץ פאַר אַלטערן אויסגערעדט:

— בעסער אַ קווינט מזל, איידער אַ פונט גאָלד! — האָט זי געזאָגט. — אַז עס איז, חלילה, קיין מזל נישטאָ, ליגט דאָס גאָלד אין בלאָטע, און קיינער וויל עס נישט אויפהייבן... געפינט זיך שוין יאָ איינער, וואָס רויעט אויף די בלאָטע, איז דאָס „אַ דבר אחר"... זיי מיר מוחל, וואָס מען איז אַ ף גאָלד קיין מבין נישט... איך רעד דאָס, האָט רייזל דערקלערט, קעגן דיין מחותן, האָב קיין פּראַיבל נישט. וואָלט ער אַ מבין געווען, וואָס פאַר אַ חתן גאָט שיקט צו זיין קינד, וואָלט ער קיין שיהות נישט געמאַכט, געשריבן תּנאים, אָפּגעלייגט די חתונה אויף שבת בראשית, און האָב פון זיין פאַרפאַלק נחת! ניין, איז ער דאָך אָבער פּייווע, האָט ער צייט. טאַקע, ווי מיין שמואל זאָגט: „אַ ייד אָן תּורה איז אַ גוף אָן אַ נשמה" — צו אַ בהמה, יהבדיל, געגליכן.

אַלטערן געפעלט נישט רייזלס רייד, ער ווייסט שוין פון פריער, פאַרוואָס רייזל טראָגט אַ כּעס אויף פּייוועלן, און ער פּרוּווט זיך פאַרענטפערן אים, אַז עס קאָן זיין, פּייווע איז גאָרנישט שולדיק. ער האָט זי אפשר אין גאַס נישט דערקענט, אָדער אַזוי צוטראָגן געווען בעת-מעשה אין זיינע עסקים, און האָט זי גאָרנישט באַמערקט. נאָר רייזל נעמט עס נישט אָן פאַר אַ תּירוץ.

— דו ווערסט עס מיר נישט איינרעדן, אַלטער,—ענטפערט די אים,—וואָס גראָב איז נישט איידל... גאָט איז מיין עדות, אַז נישט צוליב זיין כּבוד האָב איך מיך אָנגעהאָרעוועט און דאָס שטיבל צוגעקליבן, כּבוד אָנגעגרייט, אים אויפצונעמען, ווי עפּעס רעכטס. ניין, נישט פון זיין כּבוד וועגן, נאָר פון דיין כּבוד וועגן, אַלטער. אין דיר וויל איך זען גוטס, און וואָס זאָל איך לייקענען, ביי אַלעם דעם, איז עס פאָרט אַ גוטער שידוך פאַר דיר. ווארים זי אַליין, דאָס מיידל זיינס, מיין איך, איז פאָרט אַ וואויל קינד, מיר אַזאַ יאָר. אויף איר רעד איך, חלילה, קיין רשעות נישט, כאָטש דעם טאַטן אירן פאַרגין איך גאָרנישט אַזאַ איידעם צו האָבן, ווי דו. נאָר ווי זאָגט די וועלט? מען פירט אַרויס די קו און מען פאַרברענט די שטאַל... אַי וואָס, טאָמער האָט זיך חנהלע אָנגעשמעקט דעם ריח פון איר גראָבן טאַטן? זאָלסטו מער קיין דאגות נישט האָבן, זי איז

נאָך אַ יונג קינד. אַ יונג צווייגעלע לאָזט זיך בייגן. זי וועט אַריינקומען אין אַ שטוב פון תורה, וועט זי גאָר אַן אַנדער מענטש ווערן. נאָר וואָס קומט אַרויס פון די רייד? ווערטן לענגער קאָנסטו נישט, על כן איז מיין עצה: זאָלסט מאָרגן, אם ירצה השם, אינדערפרי זיך זען ביים דאַווענען מיט פישלען און אים אַ פרעג טאָן: ווי האַלט עס? צי גרייט זיך דער מחותן אויף תנאים, צי מיינט ער נאָך צו ציען אַזוי—נישט אַהין, נישט אַהער? און אין וואָס איז די מניעה?

אַלטער האָט גוט געוווּסט, פאַרוואָס רייזל האָט אַזוי קיין צייט נישט, און טרייבט אים איבערצושמועסן מיט פישלען. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן אויף רייזלס אָרעמע עטלעכע רובל, וואָס זי לייגט פאָר פאַר אים, פונדעסטוועגן האָט ער מיט פישלען קיין רייד נישט געוואָלט מאַכן, און אַז ער האָט אים אויף מאָרגן אין בית-המדרש צום דאַווענען געזען, איז אַלטער צעפרידן געווען, וואָס פישל טשעפּעט אים נישט. ער האָט זיך רויִק אָפּגעדאַוונט, געלערנט זיין פּרק משניות, קדיש דרבנן געזאָגט, ווי אַלע טאָג, און שוין געוואָלט אַהיימגיין, נאָר אַז ער איז שוין ביי דער טיר געווען אַרויסצוגיין, האָט אים פישל אָנגעיאָגט און האָט אים געזאָגט:

— וואַרט אויף אַ רגע, אַלטער, איך האָב דיר וואָס נייס אָנצוזאָגן.

אַלטער האָט קיין ברירה נישט געהאַט און איז אין בית-המדרש געבליבן.

— איך לייג נאָר תפלין דרבינו ת"ם, וועל איך מיט דיר שמועסן, — זאָגט פישל, — האָב צייט אַ רגע.

— איך האָב קיין צייט נישט! זאָגט מיר, וואָס איר האָט צו זאָגן, איידער איר לייגט תפלין, — בעט אַלטער.

— וואָס האָסטו קיין צייט נישט? דער טייך ברענט? — לאַכט פישל. — האָב צייט. דער ענין, וואָס איך וויל מיט דיר רעדן, איז אַ ענין גדול, פאַרשטייסטו? אַ גרויסער ענין און מען דאַרף אים אַרומשמועסן מכל הצדדים. וואַרט אויס, וועסט אַ רגע עלטער ווערן, מה רעש?

פישל לייגט רבינו-ת"מס תפלין גאַנץ פּאַמעלעך, גיט אַ טאַפּ דעם „של יד", דערנאָך — דעם „של ראש", טוט אַ קוש די שפּיץ פינגער, זעצט זיך אַוועק גאַנץ געלאַסן אויף דער באַנק, און ווי אַ ייִד, וואָס האָט צייט, זאָגט ער „קריאת שמע" מיטן ניגון פון די טראָפּ.

— הלוואי זאָגט ער מיר, — ווינטשט זיך דערוויל אַלטער, — אַז פיוול בעט, איך זאָל היינט צו אים קומען!.. גלאַט אַזוי אַריינקומען צו אים געוואָר ווערן. נישט אויף תנאים, וואָס פאַר אַ תנאים? פּע, אַז מען וועט שרייבן תנאים, און חנהלע וועט וויסן, אַז איך בין איר חתן, וועל איך זיך שעמען פאַר איר, וועט זי זיך אַוודאי אויך שעמען, און איך וועל נישט קאָנען אַריינקוקן אין אירע געטרייע אויגן ווי אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק ביי מיין טאַטן, עליו־השלום, אין חדר...

אין דער רגע פילט אַלטער, ווי דאָס האַרץ הייבט אים אָן אַזוי זיסלעך צו קלאַפּן. עפּעס פילט ער איצט אַזאַ ליבלעך בענקען נאָך חנהלען, נאָך איר מוטער, אַפילו נאָך פיוולען, כאָטש דבורה האָט אויף אים געזאָגט: אַ „מענטש אָן תורה. איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה". עס ווערט אים די צייט לאַנגווייליק, ביז פישל וועט שוין אַמאָל אויסטאָן זיינע רבינו ת"מס תפלין. אין דער רגע איז ער רעכט אין כעס אויף דעם רבינו ת"ס, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט נאָך אַ פּאָר תפלין. „ווייניק פאַר אַ יידן רש"יס תפלין, רעדט ער פאַר זיך, דאַרף רש"י האָבן אָן אייניקל, וואָס מען רופט אים „רבינו ת"ם," און גאַ דיר נאָך אַ פּאָר תפלין, און גיי וואַרט ביז פישל וועט לייגן און אויסטאָן דידאָזיקע פּאָר תפלין!.."

נישט צו שטיין אַ ליידיקער און וואַרטן, ביז פישל וועט שוין אָנהייבן רעדן מיט אים, עפנט אַלטער אַ ספר. און קוקט אַריין אין אים. ער פילט אָבער, אַז דאָס האַרץ פלאַצט אין אים פון אומגעדולט, און ער זעט נישט די ווערטער אינם ספר. „מילא, רעדט ער צו זיך, וויל פיוול איך זאָל קומען צו אים היינט דווקא אויף תנאים, לאָז כאָטש זיין תנאים, אָבער זאָל עס מיר שוין פישל אַרויסזאָגן, וואָס ציט ער מיר די עצמות מיט זיין לאַנגן דאַווענען, מיט זיינע רבינו ת"מס תפלין?"

ער נעמט אַרויס די אויגן פונם ספר, טוט אַ פאַרגנבעטן קוק אויף פישלען. פישל זיצט נאָך אויף דער באַנק אין טלית און תפלין, זאָגט און זאָגט. עס דאַכט זיך אַלטערן: פישל וועט אַזוי זאָגן עד סוף כל הדורות.

די צייט, וואָס ציט זיך אים איצט אַזוי לאַנג, נישט צו באַמערקן, ווילט זיך אַלטערן איצט פאַרקירצן מיט עפּעס אַ מחשבה. ער פרוווט זיך עפּעס דערמאָנען, נאָר עס דערמאַנט זיך אים גאָר־

נישט. ער הייבט אָן מאַכן „אַ כּופל", עפּעס גלאַט אַזוי אַ חשבון, דעם מוח צו פאַרנעמען, נאָר ער קאָן עס היינט נישט.

— אַרויסגעפלויגן פון מיין מוח אַלע מחשבות, — רעדט ער צו זיך, — ווי די פייגעלעך פון אַ געעפנט שטייגעלע... און נאָר דאָס האַרץ מיינס, פיל איך, ווי עס וואַרפט זיך, ווי עס צאַפּלט זיך אין מיר. עס רייסט זיך געוויס אויף אַרויסצופליען, און פליען וויל עס אַהין... צו פייוולען, צו איר... אָך, חנהלע, ווי בענק איך עפּעס היינט מאָדנע מער ווי אַלעמאָל! וואָלסטו עס נאָר וויסן, וואָלט עס אַפילו דיין טאַטע וויסן, וואָלט ער נישט שיקן בעטן מיך קומען צו אייך, דורך אַזאַ אכזר, ווי פישל, וואָס ציט מיר די נשמה היינט אַרויס, איידער ער וועט אַרויסרעדן די פּאָר ווערטער: „ר' פייוול בעט דיך, דו זאָלסט קומען צו אים היינט אין אָוונט"...

— אַלטער! — הערט ער פלוצלונג, ווי פישל רופט אים. — נאָר ער רעכנט: עס פּאַסט נישט זיך באַלד אָפּצורופן. צו וואָס זאָל פישל וויסן, וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך? און ער מאַכט זיך נישט הערנדיק.

פישל גייט שוין צו צו אים און זאָגט:

— ווערט ביזט, איך זאָל אַפילו נישט וועלן גאָר רעדן מיט דיר, וואָרים דו באַגייסט זיך מיט מיר, פון אָנהייב אָן, שלא כּשורה... דו ווייסט עס אַליין, נאָר איך בין בכלל קיין נוקם ונוטר נישט, און איך בין דיר דווקא אַ גרויסער דורש טובה.

— ווי וואָלט איך וועלן, עס זאָל שוין זיין מאָרגן! — רעדט אַלטער צו זיך אין האַרצן. — פישל הייבט שוין אָן מיט זיין הקדמה, און איידער ער וועט קומען צום תוך, קאָן מיר די נשמה אַרויס.

— הער זיך נאָר איין מיט קאָפּ, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן! — הייבט אָן פישל. — נאָר עפּעס בין איך תופס אין דיר, אַז דו ביזט מיר אין דער רגע שטאַרק צעטראָגן. שוטה שבעולם! וואָס דאַרפסטו זיין צעטראָגן? שפּיי אויף אים מיט זיינע תּרפ"ט אַלפים קערבלעך. דו ביזט אַ גרעסערער בר מזל פאַר אים! אויף נאמנות, שווער איך דיר, אַלטער, אַז דו ביזט אַ גרויסער בר-מזל, אָן עין-הרע!

אַלטער פאַרשטייט נישט, וואָס פישל מיינט דערמיט, וואָס ער הייסט אים שפּייען אויף אים מיט זיינע תּרפ"ט אַלפים. „אויף וועמען שפּייען?" פרעגט ער זיך. ער דערמאַנט זיך זיין נעכטיקן שמועס

מיט רייזלען, און רייזל האָט עפּעס זיין מזל נישט אַזוי געלויבט, ווי איצט לויבט עס פישל, און ער פילט זיך אַ ביסל געטרייסט.

— אַ מענטשנס מזל דערקען איך, — זאָגט פישל זיין חקירה אין דעם ענין פון דעם מענטשנס זיווג.—פאַרשטייסטו, קשה לזווגן, שטייט, כּקריעת ים סוף, במה דברים אמורים, אַז דער מענטש איז נישט קיין בר מזל... אָט רעדט מען אים איבער הונדערט שידוכים, און גאָרנישט. יאָרן גייען אַמאָל אַריבער ביז מען טרעפט צו פּאָר אַזאַ שלים מזל זיין אמתע באַשערטע... מיינע שונאים זאָלן ביי אַזעלכן שדכנים זיין! איז אָבער יענער אַ בר מזל, איז דער ענין זיווג גאָרנישט אַזוי שווער, טרעפט מען נישט מיט דעם ערשטן שידוך, טרעפט מען שוין מיט דעם אַנדערן זיכער. און דו, אַלטער, ביזט אַ גרויסער בר מזל, איך מוז עס דיר מוחל זיין, כאָטש דו פאַרדינסט עס גאָרנישט ביי מיר. דו געפעלסט איטלעכן, צו אַלדע שוואַרץ יאָר! קום איך, למשל, אַריין צו פייוולען, מיט אַ חודש צוריק, און איך זאָג אים: „איך האָב אַ חתן פאַר אייער בתולה מיט אַלטער ר׳ עוזרס״, שפּרינגט אַרויס פייוועלעכע און זאָגט: „מיט אַלטער ר׳ עוזרס? אַ גלייכע זאַך, ער געפעלט מיר זייער!״ און פייוול רעדט אַ וואָרט נישט איבער און זאָגט: „ר׳ פישל, ברענגט אים צו אונדז מאָרגן, איך וויל אים אָנקוקן. דאַכט זיך, טאַקע אַ גלייכע זאַך, ווי איך האָב מיר געוווּנטשן!״ האָב איך דיך געבראַכט, און דו האָסט נושא חן געווען גאָר הפלה־דיק. נו, איז דאָס נישט אַ מזל? — איך קום ווידער נעכטן אַריין צו זלאַטקע, ר׳ לייבעלע דעם דינס אלמנה, און איך זאָג צו איר: „טאָמער איז אַ סברה צו רעדן איר בתולה אַ חתן אַלטער ר׳ עוזרס?״— כאַפּט זי זיך אָן מיטביידע הענט, ווי אָן אַן אבן טוב, און זאָגט: „עס איז אַזאַ גלייכער שידוך גאָרנישט געווען זינט די וועלט שטייט. גלייכע מחותנים דאָרט אויף יענער וועלט, און גלייכע חתן־כּלה אויף דער וועלט!״ דו אַ יתום, אַ בן טובים און זי — אַ יתומה, אַ בת טובים! און וואָס קאָן נאָך, באמת, גלייכער זיין? אָט זע אויך דיין מזל נאָכאַמאָל... איך האָב דערפון שוין אפילו איבערגעשמועסט מיט פייוולען גופא. אמת, ער האָט לכתחילה נישט באַלד מסכים געווען, נאָר דערנאָך, אַז איך האָב אים דערקלערט, אַז דער ענין פון זיווג איז משמים, און אַ מענטש ווייסט נאָך קיינמאָל נישט, וואָס פאַר אים קאָן בעסער זיין, האָט ער אויך מסכים געווען. מילא, פייוול איז נישט קיין בר אורין, האָב איך אים דאָך דאָס גוט געמוזט דער־

קלערן. אָבער דיר, אַלטער, דאַרף איך אַזוינס גאָרנישט דערקלערן, דו ווייסט פון דער גמרא: „ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת קול יוצאת ואומרת: בת פלוני לפלוני!" איז שוין דאָרט אויסגערופן געוואָרן: „בת ר' לייבעלע דין לאַלטער!" וועט פייוולען נישט העלפן זיין מסכים זיין, צי זיין נישט מסכים זיין! פאַרשטייסטו, אַז איך בין גערעכט?

אַלטער הייבט נישט אָן אַ וואָרט צו פאַרשטיין פון פישלס גאַנצן שמועס. וואָס איז דאָ שייך זלאַטקע? פייוולס הסכמה? צי האָט זיך פישל נישט אָנגעשיכורט נאָך פאַרן דאַווענען? — קלערט אַלטער, און פילט, ווי דאָס האַרץ ווערט אים עפּעס אַזוי שווער, אַזוי אָפּגעשוואַכט און פאַרשטאַרבן. ער קאָן פישלען קיין וואָרט נישט ענטפערן, און ווייסט טאַקע נישט, וואָס צו ענטפערן.

פישל לאָזט אים זיין פאַרטראַכט.

— ישוב הדעת שאַדט נישט! — זאָגט ער. — אדרבה, זיי זיך טאַקע גוט מישב, און גיב מיר דיין תשובה אַ ביסל שפּעטער. איך האָב צייט צו וואַרטן.

— וואָס פאַר אַ תשובה זאָל איך אייך געבן? — פרעגט אַלטער, ווי מיט אַן איבערגעריסענעם אָטעם.

— אַ תשובה אויף דעם, וואָס איך רעד דאָ מיט דיר, — דערקלערט אים פישל.

— איך ווייס קיין תשובה נישט! — ענטפערט אַלטער און וויל שוין פון פישלען לויז ווערן.

— איז דער היוצא מדברינו? — פרעגט פישל, אים נישט אָפּלאָזנדיק פון זיך.

— וואָס פאַר היוצא מדברינו? איך פאַרשטיי איין וואָרט נישט, וואָס איר רעדט, ר' פישל! — רעדט אַלטער אַרויס מיט פאַרדרוס און אַנגסט.

— דער היוצא מדברינו מכוח זלאַטקע ר' לייבעלע דינס, -רעדט זיך פישל איבער, — געפעלט דיר דער שידוך? וועלן מיר גיין היינט צו איר אָנקוקן די כלה נאה וחסודה? — פאַרגעס נישט, אַלטער, זי איז אַ בת טובים, אַ בת תלמיד חכם! „לעולם ימכור אָדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם",—זאָגן אונדזערע חכמים ז"ל — אוודאי איז פייוולס בתולה שענער פון זלאַטקעס... איך לייקן נישט, אפשר יינגער אויך, נאָר שקר החן והבל היופי, זאָגט שלמה המלך. ער איז

דאָך אוודאי געווען דער גרויסער הכם, און האָט געקאָנט זיך אויס־קלייבן אַ כלה אַ נאָך גרעסערע יפת תואר פאַר פייוולס חנהלען, פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט: אשה יראת ה׳ היא תתהלל. און אַ ייד, בפרט ווער עס איז מוכן ומזומן צו זיין אַ מלמד, מוז אוודאי האָבן אַ ווייב, וואָס זאָל זיין אַ גאָטספאָרכטיקע יידישע טאָכטער, און נישט אַ געזייפט פנימל, וואָס איז אַ סרסור ביים יצר הרע, רחמנא לצלן.

אַלטער פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט, וואָס פישל ברייעט דאָ אַזוי־פיל, און וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיינע רייד צו אים און צו פייוולען, נאָר עפּעס ווי דורך אַ טומאַן פילט ער נישט גוטס. נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָרט און אַזוי שטאַרק געוואָלט פון פישלען הייגט הערן — הערט ער איצט פון אים.

— און צו פייוולען וועלן מיר גיין היינט אָדער כאָטש מאָרגן? — רייסט זיך ביי אַלטערן אַרויס אַ שאלה, ווי איבער געוואַלט.

— וואָס וועסטו טאָן ביי פייוולען? — פרעגט פישל צוריק מיט אַ ביטער געלעכטערל. — וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו איצט נאָך מיט פייוולען?

— ווי הייסט? — פרעגט אַלטער פאַרווונדערט.

— פאַרגעס! בטל ומבוטל געוואָרן, אינגאַנצן דברים בטלים געווען!

אַלטער בלייבט שטיין בלאַס, ווי קאַלך.

— פאַרגעס! זאָג איך דיר. פאַרגעס לעולם ועד! — שרייט אים פישל אין אויער אַריין.

אַלטער גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן האַרץ, גלייך ווי מען וואָלט אים אַ שפּיז אַריינגעשטאָכן, קערט זיך אַוועק פון פישלען און לויפט אַרויס פון בית־המדרש, ווי פון פייער.

פישל בלייבט אַליין און וווּנדערט זיך אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט אַלטערן אָפּגעלאָזט.

— צי דער קאָפּ, צי דער בויך האָט אים אַ דריי געטאָן, צי גלאַט אַזוי פון זינען אַראָפּ? — רעדט פישל פאַר זיך. — איך רעד מיט אים אַ שעה כסדר, צום סוף זאָגט ער מיר: פייוול. אַזאַ שוטה! ווען פייוול וואָלט דיך וועלן, דאַרף איך זלאַטקען מיט איר בייז מויל אויף טויזנט כפרות! דער חסרון אָבער איז, וואָס פייוול וויל נישט, און זלאַטקעס מויד האָט זיך שוין געגוג אָנגעוואָרט אויף איר זיווג־וויפל איז אַ שיעור זי זאָל נאָך וואַרטן?

פישל פאַרטראַכט זיך, ער רעכנט עפּעס אויפן קאָפּ:

— נאָכדעם חשבון נאָך, אויב איך האָב קיין טעות נישט,—רעדט ער צו זיך, — איז זי שוין טאַקע אַ בוגרת, אַ בת שלשים וחמש, און אפשר נאָך עלטער. צייט, בנאמנות, איר אויך שוין דעם קאָפּ צו־צודעקן!

— און וואָס איז דאָס אַלץ? — רעדט ער ווייטער צו זיך, בעת ער לייגט צונויף זיין טלית.—דער נאַרישער יחוס זלאַטקעס! „סטייטש? רבי לייבעלע דינס אַ טאָכטער מיט מאירקע בלעכערס אַ זון!״ האָט זי געשריען און מיר געזאָגט, אַז איך בין נישט ווערט, מען זאָל מיך אין אַ יידישער שטוב אַריינלאָזן, וואָס איך האָב איר אָנגעמוט, מיט צוועלף יאָר צוריק אַזאַ שידוך... איצט איז שוין דער אייגענער מאירקע אַ ייד אַ באַלעבאָס, מיט אַ גרויסער אייזנקראָם, מיט קינדער, וואָס גייען שוין אין חדר, און דיין מויד זלאַטקע, זיצט נאָך און וואַרט אויף איר זיווג.

— אַז איך וואָלט אים נישט געקענט, איר ר׳ לייבעלע דין, — רעדט ער ווידער, — טאַקע אַ ייד אַ מופלג און אַ ירא שמים, געווען אָבער אַ פּתי, זאָל ער מיר מוחל זיין, וואָס מען זעט היינט זיין גלייכן נישט. און די אייגענע זלאַטקע, וואָס שרייט, זי וויל נישט פאַרשעמען איר מאַן אין קבר, געבן אים אַ מחותן נישט נאָך זיין כבוד נאָך — אַי, פלעגט זי עס אַ ביסל רייטן אויף אים!..

פישל האָט באַמערקט אַלטערס תפלין־זעקל מיט זיין סידורל.

— אַרויסגעלאָפן, אַפילו די תפלין פאַרגעסן צו נעמען! — זאָגט פישל און באַטראַכט דאָס אָרעם תפלין־זעקל.

— אפנים, פייוולס יפת תואר האָט אים גוט פאַרשמעקט... אַ פּרא אדם, דאַכט זיך, נאָר אויף אַ שיין מיידל, דאַרף מען קיין גרוי־סער חכם נישט זיין, זי זאָל געפעלן... בנאמנות, עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ אויף אים. הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, איצט האָב איך שטאַרק מורא, אַז זלאַטקעס בוגרת וועט אים קעגן יענער אויסווייזן בקוף בפני אדם און עס וועט מיר אַזוי גרינג נישט אָנקומען אים איינצורעדן, אַז דווקא זלאַטקעס טאָכטער איז פאַר אים, ווי געוווּנשן.— אַזוי, צי אַזוי, מען מוז זיך נעמען צום עסק אַ ביסל שטאַרקער, לאָז ער דערווייל לויפן, לאָז אים דער דוך פון פייוולס מיידל פון קאָפּ אַרויס, יועט ער קליגער ווערן און גיין אין שפּאַן, ווי גאָט האָט געבאָטן!

13

אַרויסלויפנדיק פון בית-המדרש, האָט זיך אַלטער אַ רגע אויף דער גאַס אָפּגעשטעלט.

— וווהין זאָל איך איצט גיין? — האָט ער זיך געפרעגט. — אַהיים צו רייזלען? ווי וועל איך איר קענען די אויגן ווייזן?

עס האָט זיך אים אין דער רגע געדאַכט, אַז מער ווי פאַר זיך אַליין דאַרף ער זיך איצט שעמען פאַר רייזלען. קעגן איר פילט ער זיך עפּעס שטאַרק פאַרשולדיקט. ער האָט פּלוצלונג אַ שרעקלעכן ווייטיק דערפילט אין זיין ברוסט, און דער ווייטיק האָט אים אָנגעהייבן טראָגן. ער האָט אַליין נישט געפילט, ווי זיינע פיס באַוועגן זיך, און ער גייט נישט, נאָר ער לויפט.

עס דאַכט זיך אים, עס איז עפּעס שרעקלעכס מיט אים געשען, וואָס ער האָט אין אָנהייב גאָרנישט פאַרשטאַנען און הייבט ערשט איצט אָן צו דערפילן. צי האָט זיך אין בית-המדרש אַ הענגלייכטער אָפּגעריסן און איז אים אין האַרצן געפאַלן, צי אַזוי עפּעס איז דאָרט געשען, וואָס האָט אים אַ לאָך אין האַרצן געמאַכט. נאָר אַ לאָך אין האַרצן האָט ער זיכער, און דער ווייטיק טרייבט אים צו ראַטעווען זיך. עס דאַכט זיך אים: אַלץ אַרום ציטערט, אַלץ לויפט און זוכט זיך צו ראַטעווען פון ערגעץ אַ גרויסער סכנה.

אַ האַלבע שעה כסדר איז ער אַזוי געלאָפן און האָט זיך ערשט אָפּגעשטעלט, ווען ער איז שוין הינטער דער שטאָט געווען, וווּ ער זעט שוין קיינעם נישט און וווּ קיינער זעט שוין אים נישט.

ער האָט זיין ברוסט אָפּגעדעקט און אַ קוק געטאָן, צי האָט ער באמת אַ ווונד אָדער אַ בייל אין האַרצן. ווי אים האָט זיך געדאַכט און ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט ערגעץ אויף זיין לייב אַפילו אַ סימן דערפון נישט געפונען.

— אינעווייניק איז די ווונד, — טראַכט ער, — טיף אין האַרצן, דאָרט גיסט זיך דאָס בלוט מיינס!

ער האָט זיך מיד און אָן כּוחות געפילט, און נישט ווילנדיק, האָט ער זיך אויפן גראָז אַראָפּגעלאָזן.

— וואָס איז געשען? — פרעגט ער זיך. — ווי קום איך אַזוי פּריי אַהערצו?

ער הייבט זיך אָן דערמאָנען, אַז ער האָט אין בית-המדרש היינט געדאַוונט, ווי אַלע טאָג און איז פון בית-המדרש גלייך אַהער געלאָפן.

— ווו האָב איך מיינע תפילין מיט מיין סידורל געלאָזט? — פרעגט ער זיך. — לעבן פישלען געוויס! וואָס האָט ער היינט געוואָלט פון מיר? לאַנג מיר קיין בלוט נישט געצאַפּט? נאָר אַזוי שלעכט, ווי היינט, איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען!

עס ווילט זיך אים דערמאָנען, וואָס אַזוינס האָט פישל דאָרט גערעדט מיט אים.

— אַ בר מזל, — זאָגט ער, — בין איך! אַ שיינער בר מזל, אין זיינע הענט אַריינצופאַלן! פון אָנהייב אָן האָב איך אים פיינט גע־האַט, און היינט נאָכמער. איך פיל, ער איז מיר אַ דם-שונא, פאַר וואָס? האָב איך אים נישט געגעבן, אַז איך האָב געהאַט?

דער קאָפּ מישט זיך אים, ער דערמאָנט זיך נאָר איינציקע ווערטער פישלס — זיין גאַנצן ספור-המעשה, קאָן ער בשום אופן נישט צוזאַמענשטעלן.

— פּייוולען און זיין ווייב ביזטו געפעלן גאָר הפלאדיק, — גע־דענקט ער, האָט פישל געזאָגט. — נו, אַז יאָ געפעלן, טאָ וואָס איז דאָס שייך צו זלאַטקען?

— איך וואָלט וועלן וויסן, ווער איז די זלאַטקע? — טראַכט ער. — ווי קומט זי אַהערצו? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי צו פּייוולס הסכמה? ממה נפשך, איז פּייוול מסכים, דאַרף ער מיך דאָך רופן צו אים, טאָ פאַרוואָס וויל פישל, ימח שמו, איך זאָל צו אים נישט גיין?

ער מוטשעט — זיך אַ צוזאַמענהאַנג און אַ פּשט צו פאַרשטיין אין פישלס רייד, און ער קאָן דעם פּשט פאָרט נישט פאַרשטיין.
„אַ בר מזל, זלאַטקע, אַ יידענע, ווער קען זי? ווער ווייסט זי?" — „געפּעקן", „מסכּים", אָנגעפּלאָנטערט מי יודע וואָס, עס קלעבט זיך אַ וואָרט צו אַ וואָרט נישט. איך מעג שווערן, פישל האָט זיך נאָך פאַרן דאַוונען אָנגעשיכּורט, און אומזיסט האָב איך גאָר זיך איינגעהערט זיין ספּור המעשה. נישט געדאַכט זאָל אַזאַ ייד ווערן, וואָס טרינקט זיך אָן נאָך פאַרן דאַוונען מיט בראָנפן און קומט אין אַ מקום קדוש נאָך לייגן רבינו ת"מס תפילין! אוודאי ביי זלאַטקען זיך אָנגעשיכּורט... זאָגט ער מיר — זלאַטקע, כאָטש זי האָט צו מיר קיין שום שייכות נישט. אַלערליי ברואים דאָ אויף דער וועלט, נאַ דיר גאָר אַ זלאַטקע!
אין אַזעלכע געדאַנקען פילט ער זיך אַ רגע באַרויקט און וויל זיך שוין אויפהייבן צו גיין צוריק אין שטאָט אַריין. אין דער רגע אָבער פילט ער, אַז דאָס האַרץ איז אים פאָרט שווער, און אַ באַהאַלטענער ווייטיק נאָגט אים נאָכאַנאַנד און ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.
— פאַרוואָס אָבער טוט מיר דאָס האַרץ אַזוי וויי? — פרעגט ער זיך. — דאַרף דאָס האַרץ אַזוי פאַרקלעמט ווערן פון אַ שיכּורס רייד?
פּלוצלונג דאַכט זיך אים, אַז עמעץ שרייט אים. אין אויער אַריין: „פאַרגעס"!
— ווער מען פאַרגעסן? וואָס פאַרגעסן?—פייניקט אים די שאלה.— בטל ומבוטל! דברים בטלים געוועז אינגאַנצן! וואָס מיינט ער דערמיט?
און ער דערמאָנט זיך נאָכמער: „וואָס פאַר אַ מחותּן ביזטו נאָך איצט מיט פייוולען"? — האָט פישל געפרעגט. — אָך, וועלכע ביטערע ווערטער האָט פישל אַרויסגערעדט, סם המות איז אויף זיין צונג!..
און וואָס מער ער טראַכט, אַלץ קלערער ווערט אים דער פּשט פון פישלס שמועס, און דאָס האַרץ ווערט אים פאַרשטאָרבן, דאָס בלוט פאַרקילט אים אין די אָדערן, וויינען ווילט זיך אים, נאָר קיין טרערן זענען נישטאָ. זיי זענען אויך, ווי אויסגעטריקנט אָדער אויסגעפרוירן געוואָרן.
— זאָל איך פייוולען פאַרגעסן? — שרייט עס אים אין האַרצן.—

ער איז דאָך אַ־ר פאָטער, און זי איז מײן גאַנץ לעבן איצט, װי זאָל איך אים פאַרגעסן? אפשר זי פאַרגעסן? קאָן איך דען מײן האַרץ פאַרגעסן, מײן לעבן פאַרגעסן? און אַלץ שװערער װערט אים דאָס האַרץ, אַלץ שטאַרקער פײניקט אים אַ באַהאַלטענער װײטיק אין זײן ברוסט. עס װערט אים פינסטער אין די אױגן, ער גראַבט דעם קאָפּ אײן אין גראָז, און עס דאַכט זיך אים, אַז אַ שװאַרצע כמאַרע האָט זיך פון הימל אַראָפּגעלאָזט איבער אים, אײנגעװיקלט זײן גאַנצן גוף, װי מיט שװאַרצן געװאַנט, װאָס מען דעקט צו אַ טויטן, און ער פילט, װי די כמאַרע שטרעקט אױס אַ פּאָר מעכטיקע, קאַלטע הענט און דריקט זײן ברוסט אומדערבאַרמלעך. אָט, אָט, װערט ער דערשטיקט.

עס רײסט זיך אַ שװערער זיפץ אַרױס פון זײן ברוסט. ער עפנט די אױגן, די זון שײנט, דער הימל איז קלאָר — נאָר די אױגן זײנען זענען פול מיט פאַרגליװערטע טרערן.

ער דערמאַנט זיך אין דער רגע, אַז אַזאַ מין פּײן האָט ער נישט לאַנג צוריק אין חלום געליטן. עס האָט זיך אים געחלומט: ער זעט דעם טאַטן קנעלן בײם טיש, דער טאַטע הוסט, פּונקט װי אַ לעבעדיקער. אַלטער װײסט נישט, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, און ער לױפט אין קיך פאַרן טאַטן ברענגען אַ ביסל קאַלט װאַסער. ער טראָגט צו די קװאָרט מיט װאַסער און ער דערזעט אונטער דעם טאַטנס קאַפּאָטע זײנע װײסע תכריכים. ער דערשרעקט זיך, ער װיל אַ געשרײ טאָן: „טאַטע, דו ביזט דאָך געשטאָרבן, גײ אין דײן רו!“ נאָר זײן קול איז פאַרשטיקט, הײזעריק, ער קאָן מיט אַלע כּוחות די שרעקלעכע װערטער נישט אַרױסרעדן. דער טאַטע קוקט בײז אױף אים. ער הײבט זיך אױף פון בענקל און ער גײט פון שטוב אַרױס. און דאָ דאַכט זיך אַלטערן, אַז ער זעט דעם טאַטן שװעבן אינדערלופטן, ער טראָגט זיך אַריבער איבער פאַרקנס, איבער הײזער און גערטנער און גלײך צום בית־עולם. אַלטער שטײט און שרײט מיט אַ דערשראָקענעם קול: „טאַטע, טאַטע!“ — און אַזױ שרײט ער לאַנג, ביז רײזל, װאָס האָט זײנע קולות דערהערט, האָט אים אױפגעװעקט.

און נאָכדעם, װען רײזל האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט דע־ריבער אַזױ פון שלאָף געשריען, װײל ער האָט מסתמא די האַנט אױפן האַרצן געהאַלטן, און ער איז שױן מיט אָפענע אױגן װאַך

געלעגן, האָט זיך נאָך אַלץ דאָס האַרץ געוואָרפן אין אים, און אים איז שווער געווען דעם אָטעם אָפּצוציען.

פונקט אַזאַ ווייטיק פילט ער איצט, און עס ווילט זיך אים גלויבן, אַז דאָס איז איצט אפשר אויך אַזאַ שווערער, ביטערער חלום — אַ חלום דער בית-המדרש, פישל, זלאַטקע, אַ חלום אויך דאָס וואָרט „פאַרגעס״!

— איך וואָלט שוין פישלען מוחל זיין די גאַנצע פיין מיינע,— טראַכט ער,—ווען איך כאַפּ מיך אויף און קוק זיך אַרום, אַז עס איז אַ חלום געווען. איך ליג נישט אויפן גראָז אין פעלד, נאָר אויף מיין בעט אינדערהיים!

עס ווילט זיך אים איבערציינן, צי איז ער וואַך, צי נישט? ער רייסט אָפּ אַ פּאָר בלימעלעך, וואָס וואַקסן דאָ לעבן אים, טראָגט זיי צו צו דער נאָז, און שפּירט און פילט דעם ריח.

— עס איז נישט קיין חלום! נישט קיין חלום! — טרייסט זיך נישט נאַרישער מענטש!—עס דאַכט זיך אים, אַז עמעץ שרייט אים אין אויער אַריין: — זע, אָט איז דאָס וועלדל, וווּהין דו האָסט געוואָלט אַרומבלאָנדזשען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, נאָך יענעם אָוונט, ווען דו האָסט דיין חנהלען געזען... און אָט דאָרט איז דעם קאַפּיטאַנס סאָד, ווו דו האָסט געהערט, ווי דאָס פייגעלע זינגט דאָרט, און דאָ־ט, זעסטו, ציט זיך אַ וועג, ווי אַ גלייכע סטעזשקע צווישן צוויי וועלדער, ווייט, ווייט אַוועק... און אָט איז דער וויאָרסט-סלופּ מיט די שוואַרצע און ווייסע פּאַסן, און אַפילו די ציפער 32 איז אויף אים— עס איז אַלץ אויפן וואָר, אַלטער, עס איז אַלץ אמת, אַלץ, אַלץ, אַפילו דאָס וואָרט „פאַרגעס״ איז אמת!..

— אמת, אמת! — רעדט ער איבער זיינע אייגענע געדאַנקען, וועלכע אים דאַכט זיך, אַז עמעץ שרייט אים אין אויער אַריין. — אמת, פאַרגעסן הייסט מען מיר, אַלץ פאַרגעסן, חנהלען פאַרגעסן... און פאַרגעסן, אַז איך האָב זי געזען... און איך האָב געמיינט: איך האָב שוין אַ שוועסטער, אַ ליבע, אַ געטרייע... איצט פאַרשטיי איך אַלץ: ווי לאַנג פּייוול איז נישט רייך געווען, איז אים אָנגעשטאַנען מיר אַ פעטער צו ווערן, און זי חנהלע זאָל מיר אַ שוועסטער זיין. איצט איז ער רייך געוואָרן, זאָגט רייזל, זאָגט די גאַנצע וועלט. איצט שטייט אים שוין נישט אָן, אַז דער קבצן, אַלטער, זאָל צו אים אין שטוב אַריינקומען, כאָטש אַזוי נאָר אַריינקומען, אַ קוק טאָן אויף

איר, און באַלד אוועקגיין... האָב איך דען ווען מער געוואָלט, ווי אַ קוק טאָן? ער האָט מיר געזאָגט, ער וועט מיין שטיבל מאַכן פאַר אַ לייט. איך בין עס אים מוחל, מיר איז גוט אַזוי, נאָר לאָז דיין חנהלען מיר אַ שוועסטער זיין!.. פאַרוואָס ווילסטו דווקא, איך זאָל זי פאַרגעסן? פישל ווייסט וואָס ער רעדט...

— און דו, חנהלה, — ווענדט ער זיך פלוצלונג אין זיינע געדאַנקען צו איר, גלייך ער וואָלט זי איצט פאַר זיינע אויגן זען.—דו הייסט אויך, איך זאָל דיך פאַרגעסן?.. דו שווייגסט? דו ענטפערסט מיר נישט? אָבער וואָס באַטייטן די טרערן אין דיינע שיינע אויגן, דורך וועלכע דו קוקסט אויף מיר? — וויין נישט, מיין טייערע שוועסטער, איך וועל דיך נישט פאַרגעסן. איך קען דיך נישט פאַרגעסן. פאַרגעסט דען אַ ברודער זיין איינציקע, טייערע, ליבע שוועסטער?

אין אַזעלכע געדאַנקען פילט ער נישט, ווי זיינע טרערן גיסן זיך איבער זיינע באַקן, און עס וויינט זיך אים אַזוי לייכט, אַזוי זיס. ער באַמערקט נישט, אַז פון אַ זייט גייט צו צו אים אַ קריסטלעך קינד, אַ שיין מיידעלע פון צוועלף-דרייצן יאָר מיט אַ קערבל בלומען, וואָס זי האָט דאָ אָנגעריסן אויפן פעלד. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן אים, זי דערזעט די טרערן זיינע און האָט רחמנות אויף אים.

— וואָס וויינט איר? — פרעגט אים דאָס קינד אויף רוסיש און קוקט אויף אים מיט רחמנות.

אַלטער דערזעט זי און פילט זיך פאַרשעמט.

— איר האָט דאָ געוויס וואָס פאַרלוירן? — פרוווט זיך דאָס קינד טרעפן די סיבה פון זיינע טרערן. — איך וויל אייך העלפן זוכן. זאָגט, וואָס האָט איר פאַרלוירן?

אַלטער פאַרשטייט יעדעס וואָרט, וואָס דאָס קריסטלעכע קינד רעדט אַרויס, נאָר ענטפערן אויף רוסיש קען ער נישט, און קוקט אויף דעם קינד מיט דאַנקענדיקע אויגן.

— וואָס דען וויינט איר? — טרעט דאָס קינד פון אים נישט אָפּ.

אַלטער כאַפּט זיך ערשט, אַז ער וויינט, און ערווישט אָפּ באַלד די טרערן זיינע.

— איך זענט קראַנק אפשר? צי אַ מוטער אָדער אַ שוועסטער איז ביי אייך געשטאָרבן? — פרוווט זיך דאָס מיטליידיקע קינד נאָכאַמאָל טרעפן, אום פון אים כאָטש אַ וואָרט אַרויסקריגן.

— אַ שוועסטער! — רעדט אַלטער אַרויס מיט אַ שווערן זיפץ.

— אָרעמע! ווי פאַרדריסט מיך, וואָס זי האָט אַזאַ געטרייען ברודער געלאָזן, ער זאָל אַזוי וויינען נאָך איר! — רעדט אַרויס דאָס מיידעלע, צושאָקלענדיק דאָס קעפל מיט רחמנות, און גייט זיך איר וועג ווייטער אוועק.

אַלטער האָט איר נאָכגעקוקט.

— קליינע קינדער, — רעדט ער צו זיך, — זענען נישט אַזוי שלעכט, ווי די גרויסע. אַפילו אַ קליין שיקסל, פיל איך, האָט אויך רחמנות געהאַט אויף מיר, נאָר די גרויסע זענען שלעכט, האָבן גאָר קיין האַרץ נישט דעם אַנדערס ווייטיק צו פילן!

ער דערמאָנט זיך ווידער אין חנהלען, ווידער זעט ער זי אין זיינע געדאַנקען, ווי אַמאָל, ביי זיין טאַטן אין חדר. דעמאָלט האָט זי אויף אים אויך אַזוי געקוקט מיט רחמנות, ווי דאָס קליינע גוישע מיידעלע איצט, און ער פילט, אַז דאָס האַרץ ווערט אים אַ ביסל גרינגער.

— דו ביזט נאָך אַלץ אַ גוטע, אַלץ די אייגענע געטרייע חנהלע, כאָטש דו ביזט עלטער געוואָרן, מיין שוועסטער! — רעדט ער צו איר אין זיינע געדאַנקען. — דערפאַר זע איך דיך נאָך אַלץ, ווי דעמאָלט, בעת דו ביזט אַ קליין מיידעלע געווען, טייערע חנהלע!

— און אפשר איז דאָס גאָר אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטער שקר פון פישלען? אפשר איז גאָר קיין „זלאַטקע", קיין „פערגעס" אויף דער וועלט נישטאָ? פישל אַליין האָט עס אַלץ באַשאַפן, זיך נוקם צו זיין אָן מיר, ווייל איך האָב אים נישט געוואָלט פאָלגן, בעטן רייזלען ליבן אַ האַלב קערבל, אים אויף אַ טרונק בראָנפן צו געבן? יאָ, אוודאי אַזוי, דאָס איז אינגאַנצן פישל! — טרייסט ער זיך — ער מיינט, איך האָב פאַרגעסן, אַז ער האָט געזאָגט: הפה שאסר הוא הפה שהתיר... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ רכילות ער האָט דאָרט אָנגערעדט אויף מיר?

געשטאַרקט מיט זיינע לעצטע געדאַנקען, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט נאָך אַ האָפענונג: האָט אַפילו פישל אָנגערעדט עפּעס אַ רכילות, וועט זיך דער אמת באַלד באַווייזן. זאָל ער זיך נאָר זען מיט פייוולען, — באַשליסט ער ביי זיך, — וועט ער אים צום ערשטן „שלום-עליכם" זאָגן:

— גלויבט נישט פישלען, ער איז מיר אַ דם שונא! גלויבט אים נישט! מיין האַרץ איז אייך אַזוי געטריי, ווי פריער, און נאָכמער ווי פריער!..

און וואָס מער ער טראַכט אַזוי, פילט ער, ווי ער שעמט זיך במעט פאַר זיך אַליין, וואָס ער האָט פייוולען חושד געווען, וואָס ער האָט די גוטע חנהלען חושד געווען, אַז זי איז איצט אים שוין נישט אַזוי געטריי, ווי אַמאָל, און ער נעמט זיך פאַר, איר מחילה צו בעטן פאַר זיין שלעכטע מחשבה אַ רגע.

גייענדיק אַהיים אַזוי געטרייסט, פרעגט ער זיך:

— אָבער, פאַרוואָס טוט מיר נאָך דאָס האַרץ אַזוי ווײ?

14

דו הערסט, רייזל? — האָט שמואל געזאָגט זיין ווייב אין יענעם פרימאָרגן, ווען אַלטער איז פון פישלען מיט אַזאַ צעבראָכענעם האַרצן אַנטלאָפן. — דו הערסט, איך האָב היינט גרויס עגמת-נפש!

— וואָס איז געשען? אפשר האָט מען אין בוינע אַן אַקט גע-מאַכט? — פרעגט רייזל.

— וואָס ליגט דיר עפּעס אַן אַקט אין זינען? — ענטפערט ער. — אַן אַקט איז דאָס, אָבער נישט אין בוינע. אַזאַ אַקט, אַזאַ אַקט! — זיפצט שמואל.

— זאָג שוין, וואָס איז? — שרייט רייזל. — די נשמה נעמסטו מיר אַרויס!

— איך האָב היינט צום דאַוונען אַ שמועס געמאַכט מיט פייוולען, — זאָגט שמואל, — ווייסט דאָך, ער דאַוונט אויך אין קצבישן בית-המדרש. נו, אַ גאַנץ יאָר, ווי אַ גאַנץ יאָר, היינט איז דאָך שוין אלול, ברוך השם, אָט קומט ער אויך דאַוונען ותיקין.

— נו, וואָס האָסטו מיט אים גערעדט? — פרעגט רייזל אומגע-דולדיק.

— ווייסט וואָט איך וועל דיר זאָגן, רייזל, — ענטפערט ער, — גרייט דו דערווייל צום טיש, איך וועל זיך וואַשן, און בעתן עסן

וועל איך דיר אויסדערציילן דברים כהויתן, פון אָנהייב ביזן סוף. איך האָב היינט שטאַרק קיין צייט נישט, זיך פאַררעדט צופיל מיט פּייוולען דאָרט. פאַרשטייסט? און אין בוינע וואַרט מען אויף מיר.

רייזל דעקט דאָס קליינע טישל, לייגט ברויט, זאַלץ מיט גאָפּל-מעסער, שמואל וואַשט זיך און זאָגט: „שאו ידיכם".

— נו? — מאָנט רייזל, ער זאָל שוין דערציילן.

— איך האָב נאָך די המוציא נישט אָראָפּגעשלונגען! — ענטפערט ער און קייט ווייטער. בעת מעשה איז ער זיך טאַקע מסדר, ווי און וואָס איר צו דערציילן.

— דערווייל איר נאָר דערציילן איינס, — באַשליסט ער ביי זיך. — צופיל צער ביידע זאַכן מיטאַמאָל איר אָנזאָגן; אַגב, וועל איך גע-וויר ווערן, צי דער זאַקאָן איז טאַקע אַזוי, ווי ער זאָגט.

— נאָכן דאַוונען גיי איך צו צו פּייוולען, — דערציילט שמואל זיין עגמת-נפש, — גיב איך אים אַ וועק שלום עליכם און מאַך צו אים: ווען בעט איר אונדז אויף תנאים? ענטפערט ער מיר: נאָך גאַנץ ווייט פון תנאים, ר' שמואל!

— ער האָט צייט, — כאַפּט זיך רייזל אַרויס אָנגעצונדן פון כעס, — דער זאַטער גלויבט נישט דעם הונגעריקן! האָסטו אים געזאָלט זאָגן: „איר, ר' פּייוול, צי פּייוול, האָט צייט, ווייל גאָט האָט אייך געהאָלפן, איר האָט אייער פּרנסה, אָן עין הרע, אָבער אַלטער, נעבעך, איז עלנט, קיין מאַיאָנטקעס האָט דער טאַטע זיינער אים נישט גע-לאָזן, צייט אים שוין אויך אויסגעלייזט צו ווערן פון זיין נויט און פון זיין עלנט!

— דו לערנסט מיך רעדן? אַ קינד בין איך? — באַמערקט שמואל מיט אַ פאַריבל. — וואָס איך האָב צו רעדן, דאַרף מען מיך, ברוך השם, נישט צו לערנען, פאַרשטייסטו, רייזל?

— נו, נו, אָנגערירט די קרוין! לאָם איך הערן, וואָס האָסטו, אדרבה, אים געענטפערט?

— ווי האָלט איך? — פרעגט שמואל.

— נאָך גאַנץ ווייט פון תנאים! — דערמאָנט אים רייזל.

— יאָ, נאָך גאַנץ ווייט פון תנאים, ר' שמואל, — ענטפערט ער מיר.

— פאַרוואָס עפּעס פּלוצלונג נאָך גאַנץ ווייט! פרעג איך אים, ענטפערט ער מיר: „ווייל מען האָט נאָך גאָר די באָד נישט געהייצט!"

פארשטיי איך שוין גארנישט, וואס ער מיינט דערמיט. — וואס איז דער פשט: די באד נישט געהייצט?—פרעג איך.—„די באד נישט געהייצט, איז דער פשט,—זאגט ער,—אז פריער מוז איך,—זאגט ער, — ארויסטרייבן דעם קבצן פון מיין גבול. אז גאט, ברוך הוא, האט מיר געהאלפן, פארוואס נישט אנהייבן צו לעבן מעשה נגיד? און דערנאך, אז איך וועל שוין זיין מיט לייטן גלייך,—זאגט ער,—וועט מען מיין טאכטער אנהייבן צו רעדן פיינערע שידוכים, ווי ביז אהער. נדן גיב איך איר א נגידישן: טויזנט קערבלעך! איז טויזנט ווייניק,—זאגט ער, און עקשנט זיך יענער איין: נאך פינף הונדערט, וועט מוזן ווערן נאך פינף הונדערט״,—זאגט ער.

— און אלטער? — שרייט אויס רייזל.

— יא, און אלטער? — טו איך אים א פרעג. — „א נעכטיקער טאג!״—ענטפערט פייוול, און מאכט אוועק מיט דער האנט, ווי א לאנג פארגעסענע זאך.

— אלדע בייזע חלומות צו זיין קאפ!—בייטלט רייזל, ציטערנדיק פון כעס.

-- ס'טייטש, ר' פייוול, גאט איז מיט אייך!—זאג איך שוין א הארעלע שארפער.—ווי שיקט זיך עס? וואס געפעלט אייך שוין נישט מיטאמאל אלטער?—„ווער רעדט פון געפעלן?—מאכט ער צו מיר. — געפעלן געפעלט ער מיר גראד, אפילו מיין ווייב געפעלט ער, און וואס דארפט איר מער? איך ווינטש מיין קינד, אז איר אמתער באשערטער זאל איר אזוי געפעלן, ווי אלטער געפעלט איר. זינט איך האב איר געזאגט,—דערציילט מיר פייוול,—אז דער שידוך מיט אלטערן איז דברים בטלים, איז זי אויס מענטש. רעדט נישט מיט מיר אפילו...״— אם כן, ווען יא אזוי,—רוף איך מיר אפ מניה וביה,—וויבאלד אז געפעלן געפעלט אלטער יא, און אייער בתולה, ווי איר אליין זייט מודה, האט אויך תרעומות, וואס איר האט איר געזאגט, אז דער שידוך מיט אלטערן איז דברים בטלים, איז דאך טאקע נאכמער די קשיה: וואס דארף זיך אייך גלוסטן בעסערס, אז דער אליין איז גוט, ווי די גאנצע וועלט?

— פייוול האט אפילו עפעס אנגעהייבן צו זאגן א תירוץ, נאר איך האב אים נישט געלאזט רעדן, — דערציילט שמואל ווייטער. — און טאקע תוך כדי דבור האב איך אים א זאג געטאן: און איר מיינט, ר' פייוול, אז מען זוכט בעסערס, געפינט מען שוין? איינמאל,

איז מיר גלאַט אַ ספק גדול, צי איז גאָר בכלל דאָ אַ בעסערער, אַ פרו־מערער און איידעלער בחור פאַר אַלטערן? און לאָמיר אַפילו אָננעמען די סברה, אַז אַ בעסערער פון אים איז יאָ בנמצא, דאַרף אַ ייד גלאַט אַזוי נישט ווערן אַזאַ בעל־גאווה, ווען גאָט, ברוך הוא, העלפט, פאַרגעסן גאָר ווער ער איז און זיך אָנמעסטן אַ שטריימל, וואָס אים פּאַסט לחלוטין נישט, כאָטש ער האָט דעם מטמון מזומן אין קעשענע... ר׳ פּייוול,—האָב איך געזאָגט שוין אַ ביסעלע צעהיצט מיט זיין גאווה,—מיר זענען דאָך היגע יידן, איר זענט נישט פון מרחקים געקומען, איך האָב נאָך אייער פאָטער, עליו השלום, געקענט, אַ פרומער ייד געווען אייער פאָטער, ער וואָלט אַזאַ גאווה פון אייך נישט סובל זיין. און בפירוש זאָג איך אייך, אַז חוץ אַלעם נעמט איר אַ גרויסע זינד אויף זיך, וואָרים „את מוצא שפתיך תשמור!״ שטייט, און האָב איך אַליין פון אייער מויל נישט געהערט, האָט מיין רייזל געהערט, ווי איר האָט געזאָגט: „בעט גאָט פאַר מיר, אַלטער, דער עסק זאָל מיר מצליח זיין, וועל איך קומען, אם ירצה השם, וועלן מיר שרייבן תנאים, און איך וועל דיר דיין שטיבל פאַר אַ דייט מאַכן!״ מיין רייזל, דאַרפט איר וויסן זיין, זאָג איך, זאָגט קיין ליגן נישט! נישט שיין, ר׳ פּייוול, זאָג איך, עס גע־פעלט מיר נישט אייער חרטה, און דעם רבונו של עולם, וואָס האָט דאָך אוודאי געהערט אייער נדר, קען אַזאַ חרטה נאָך ווייניקער גע־פעלן. איר ווייסט נישט אפשר, וואָס אַ נדר איז? מיט פייער שפילט איר זיך, ר׳ פּייוול!—האָב איך אים געזאָגט.—נו, רייזל, דאַרף מען מיר לערנען, ווי מיט אַ מענטשן צו רעדן? — לאָזט שמואל אויס זיין ספור, ווי פּייוול האָט גערעדט און ווי ער האָט געענטפערט.

— איך ווייס דען נישט, אַז דו קאָנסט רעדן מיט אַ מענטשן?— פאַרענטפערט זיך רייזל. — אָבער וואָס איז דער תכלית פון די רייד? האָט ער כאָטש צוגעזאָגט אײַנגיכן תנאים צו מאַכן?

— פון תנאים ווער שמועסט שוין? אויס תנאים! דער שידוך אויס שידוך, אַלטער איז אויס חתן, און פּייוול איז אויס מחותן, פאַרשטייסטו שוין?

— טאָ וואָס האָבן דיר געהאָלפן דיינע רייד? קלוג, קלוג, און זיך פאַרט באַנאַרישט! — זאָגט רייזל מיט גרויס גרימצאָרן. — און איך, זעסטו, וואָלט אים געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך. האָסטו אים כאָטש געזאָגט, אַז אַלטער איז אים דאָס נישט מוחל? אַז פאַר זיין שפיכות דמים וועט אים גאָט באַצאָלן?

— צו וואָס זאָל איך עס אים זאָגן, — ענטפערט שמואל, — אַז פּיזול איז פּאַרט געַרעכט?

— אַזוי גערעכט זאָל קומען — איך וויל פון מיין מויל נישט אַרויסרעדן ווער, — אויף יענער וועלט פאַרן כּסא הכּבוד! רבונו של עולם, ווי קאָנסטו עס שווייגן? ווי קאָנסטו עס דערלאָזן, מען זאָל זיך אין דעם עלנטן יתומס בלוט אַזוי באָדן? — האָט רייזל צו גאָט געשריען פון גרויס כּעס און עגמת נפש.

— שריי נישט, שעלט נישט! — בייזערט זיך שמואל אויף זיין אַלטער. — דו ווייסט נישט די סיבה. וואָלסט וויסן, וואָלסטו אַליין פּייוולען געבן גערעכט, וואָרים עס איז פון אָנהייב אָן געווען אַ טעות גדול.

— וואָס פאַר אַ סיבה? וואָס פאַר אַ טעות? — שרייט רייזל אויסער זיך

— דאָס וועל איך דיר ערשט שפּעטער דערציילן, — רופט ער זיך אָפּ. — דערווייל לאָז מיר אָפּבענטשן און לאָמיך לויפן אין בוינע אַריין. עס וועלן שוין דאָרט זיין קולות, וואָס איך האָב מיך היינט פאַרשפּעטיקט.

15

— איך ווייס גאָרנישט, וואָס זענען דאָס פאַר אַ מינים וברואים די מאָנסלייט? — האָט רייזל פאַר זיך איבערגערעדט מיט עגמת-נפש, ווען איר שמואל איז אינמיטן רייד פון שטוב אַרויס. — עפּעס קאַלטע לונג און לעבערס, נישט דאָ געדאַכט, חית אין וואַלד זענען זיי, אָן אַ האַרץ צו פילן יענעמס צער, יענעמס עלנט? נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן, ווי לעבט מען גאָר מיט אַזוינע ברואים אויף דער וועלט? — עס איז דאָך פון זיי איינער אַ רעכטער נישטאָ! נאַ דיר מיין שמואל-ער גיט שוין גאָר פּייוולען, דעם גראָבן פליגל, גערעכט און ווייטער נישט

זיי דאגה!.. נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די מאַנסלייט, האַרציקער פאָטער!

פונדעסטוועגן גייט רייזלען פון קאָפּ נישט אַרויס שמואלס ווערטער: „דו ווייסט נישט די סיבה".

— וואָס פאַר אַ סיבה? וואָס פאַר אַ טעות? — לעכערט איר אין קאָפּ די פראַגע. — סיידן דעם מיידל האָט עפּעס אַן אומגליק פּאַסירט!..

אַז די סיבה איז נישט אין אַלטערן, דערין איז זי זיכער. פאַר אַלטערן וואָלט זי גרייט געווען כאַטש אין שול מיט וואַקסענע ליכט צו שווערן, אַז ער ווייסט פון קיין שום שלעכטס נישט. וואָרים איז גאָר אין דער גאַנצער וועלט דאָ אַזאַ כשרע נשמה, ווי ער? — רעדט אַלץ רייזל צו זיך.

— סיידן דאָס מיידל האָט זיך אפשר באַנאַרישט!.. — טראַכט רייזל מיט עגמת נפש. — ווער קאָן פאַר אַ יונג קינד, בפרט פאַר אַ שיין קינד, שווערן היינטיקע צייטן? זאָל מען נישט געפּרוּווט ווערן, ווער קען זיי? אפשר אַ כּישוף אָפּגעטאָן, אפשר אַזוי צוגעטרונקען, באַהיט זאָל מען ווערן!... אָט אַזוי ווייס מען נישט וועמען דער שוך קוועטשט... און דערפאַר אפשר קאָן דער שידוך מיט אַלטערן נישט ווערן...

— און עס איז ביים וועג, — קומט רייזל צו דער דעה,—וואָרים באמת איז נישט צו פאַרשטיין, ווי ווערט עס אַ ייד פּלוצלונג אַזוי רייך? אַ פריץ האָט פאַרלוירן און פייוול האָט געפונען? פאַרוואָס געפינט מיין מאַן נישט? פאַרוואָס געפינט נישט אַן אַנדער ייד, וואָס האָט נישט אַזאַ טאָכטער אַ בילד, וואָס איז זיך צו שפּיגלען אין איר ליכטיקן פּנים?...

— ניין, ניין! — האָט רייזל באַלד חרטה אויף אירע שלעכטע געדאַנקען.—מען טאָר אַ יידיש קינד נישט חושד זיין. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז חנהלע איז אַ פרום קינד, ווי גאָט האָט געבאָטן, ריין, ווי גאָלד, קלאָר, ווי ריינער קריסטאַל און האָט אויף איר כשרה נשמה אַ שפּרינקעלע נישט... אַי, וואָס איז די סבה? פשוט, א בויטש געטאָן מיין נאַרישן שמואלן: אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי, מילא בכן קען דער שידוך קיין נישט זיין מיט אַלטערן... און מיין אַלטער נאַר שמואל גלויבט, און מאַכט שוין פייוולען גערעכט, אַזוי גערעכט... איך וויל אים נאָך נישט שילטן ביז

וואַנען וואָס, ווען, איך וועל נאָך צייט האָבן דעם גראָבן פּליגל אָפּ-צוצוצאָלן וויפל אין אים וועט אַריין.

נאָר אינמיטן דערמאַנט זיך רייזל אָן פּייוולס ווייב, דבורהן.

— אוי, ווען גאָט טראָגט זי מיר אָן אויף די הייסע צייַן, — ווינטשט זיך רייזל,—וואָלט איך מיט איר אַנדערע דבורים רעדן. נישט אויף איר מאַן, וואָלט איך זאָגן, ליגט די זינד, ער איז אַ מאַנספּערשוין, אַ בריאה אָן אַ האַרץ, אָן יושר און אָן רחמים. דערצו נאָך פּוסט, אָן אַ ברעקל תורה, נישטאָ אַפילו אויף וועמען פאַריבל צו האָבן... אָבער זי, דבורה, איז אַן אשה, זי דאַרף האָבן גאָט אין האַרצן, זי איז אַ מאַמע און וויל נישט, גאָט זאָל איר קינד פאַר אירע זינד שטראָפן.

— וואָס בין איך שולדיק,—וועט זי מיר ענטפערן,—אַז מיין מאַן וויל נישט, כאָטש ברעך אים און בראָט אים. — אַ ליגן זאָגסטו! וועל איך איר זאָגן, נישטאָ אַזאַ זאַך אין דער וועלט, וואָס אַ קלוגע אשה קאָן נישט אויספירן ביי איר מאַן, ווען זי וויל נאָר עפּעס רעכסט טאָן! און לאָז זי מיר פּרוּוון נאָך עפּעס ענטפערן, וועל איך איר זאָגן אַלץ, וואָס ביי מיר אין האַרצן איז: נאַרישע אשה, וועל איך איר זאָגן, ווי טוסטו עס נישט אַ קלער, אַז דיין איינציקע טאָכטער, די ליכטיקע חנהלע, איז אויך אַ אשה? און אַ אשה, דבורה, וועל איך איר זאָגן, איז יעדע רגע אין דעם, וואָס לעבט אייביקס, האַנט. מאַכט זיך — דיין יונג ווייבעלע גייט צו קינד, ווערן דאָרט אויבן די ביכער אויפגעעפנט און די מצוות און די עבירות ווערן געוויגן אויף לעבן און טויט, חלילה. פונוואַנען ווייסטו, דבורה, וועל איך איר זאָגן, אַז אין אַזאַ רגע וועט נישט קומען אַלטערס אויסגעלייטערטע מאַמע טענהן פאַרן בית דין של מעלה, מען זאָל אָפּצאָלן פאַר איר צער, פאַר דאָס שפיכות דמים, וואָס דער געווי-נערינס טאַטע און מאַמע האָבן אַלטערן אומזיסט און אומנישט שופך געווען?... אוי, דבורה, וועל איך איר זאָגן, נישט אויף אַלטערן האָב רחמנות, נאָר אויף דיין אייגן ליכטיק קינד! צו וואָס זאָל זי איר יונג לעבן, חלילה, פאַרשפּילן און פון דער וועלט אַוועק-גיין אָן אַ צייט איבער דיינע זינד, איבער דיין גראָבן מאַנס נאַ-רישער גאווה?

— דבורה איז אַ מאַמע, נישט קיין טאַטע אָן אַ האַרץ, ווי אַלע מאַנסלייט... זי וועט מיינע אמתע רייד פאַרשטיין און זי וועט

די וועלט איבערקערן, אַז דער שידוך מיט אַלטערן זאָל זיין שידוך. זיי זאָלן מאַן און ווייב ווערן און זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, אמן!

גלויבנדיק אין דעם כוח פון איר מענה-לשון, וואָס זי וועט אפשר נאָך היינט, אַז נישט — כאָטש מאָרגן רעדן מיט דבורהן, האָט זיך רייזל אינגאַנצן באַרויִקט און איז זיכער געווען, אַז נאָך די טעג וועט זיין אַלטערס תנאים מיט פּייוולס מיידל. דעריבער, אַז די טיר האָט זיך געעפנט און אַלטער איז אַריינגעקומען, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ פריילעכער מינע:

— הערסטו, אַלטער, — האָט זי געזאָגט, — עס קאָן נישט טאָג און ליכטיק ווערן, איידער עס ווערט נישט פריער רעכט פינסטער. נישקשה, אין אונדזערע פענסטער וועט אויך באַלד די זון אָנהייבן צו שיינען!..

אַז זי האָט אָבער דערזען, ווי חושך אַלטער איז געווען, האָט איר אין הארצן אַ ריס געטאָן. זי האָט אים נאָך נעכטן אָנגעזאָגט אַ רייד צו מאַכן מיט פּישלען, און פּישל האָט אים געוויס געמוזט דאָס אייגענע זאָגן, וואָס פּייוול אַליין האָט מיט איר שמואלן גערעדט.

— גלויב נישט פּישלען, — האָט זי אים אָנגעהייבן טרייסטן נאָך איידער אַלטער האָט מיט איר אַ וואָרט אויסגערעדט. — פּישל מעג זיך זאָגן אַזוי, אָבער דער, וואָס זיצט אויבן—פירט די וועלט... אפילו פּייוול אַליין ווייסט נישט וואָס ער רעדט. געדענק מיינע רייד!

אַלטער וווּנדערט זיך: פונוואַנען ווייסט שוין רייזל, וואָס פּישל האָט אים היינט געזאָגט?

— פּישל איז דען דאָ געווען היינט? — פרעגט אַלטער.

— וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? — פרעגט רייזל צוריק.

— פונוואַנען דען ווייסט איר, וואָס ער האָט היינט מיט מיר גערעדט?

זעסט דאָך, אַז איך ווייס! — ענטפערט רייזל.

זאָגן אים, אַז זי איז עס משער פון די רייד, וואָס פּייוול אַליין האָט מיט איר שמואלן גערעדט, האָט רייזל קיין הארץ נישט געהאַט. צוואָס זאָל זי אים אומזיסט מצער זיין? פונדעסטוועגן ווילט זיך איר זייער וויסן, וואָס פּישל האָט אים אַזוינס געזאָגט היינט, און זי פרעגט:

— און וואָס האָט דען מיט דיר פישל אַזוינס גערעדט, וואָס דו צעמסט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן?

— דעם אמת זאָגנדיק, ווייס איך אַליין נישט, וואָס ער האָט היינט פון מיר געוואָלט, — ענטפערט אַלטער. — עס דאַכט זיך מיר נאָך איצט, אַז אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך נישט געקלעבט פון די גאַנצע ניין מאָס רייד זיינע אפשר אַ שעה דורכאַנאַנד כסדר... איך ווייס נאָר, אַז איטלעכס וואָרט זיינס האָט מיך, ווי אַ שפּיז געשטאָכן, בעת ער האָט גערעדט, און נאָך איצט פיל איך, טוט מיר ווי דאָס האַרץ... אַ דם-שונא איז ער מיר, דער פישל!

— אַ שונא איז ער דיר דווקא נישט,—דערקלערט אים רייזל,— נישט אָן אים ווענדט זיך דאָס. ער מיינט נאָר זיינע שדכנות, דאָס איז דאָך זיין פּרנסה. ער וואָלט אוודאי וועלן, אַז דער שידוך, וואָס ער פירט, זאָל גיין כשורה, נאַרעלע... נאָר אַראָפּפּאַקן ביי זיך, וואָס עס דאַכט זיך פישלען, אַז דאָס גייט נישט כשורה, דאַרפסטו נישט. קיין שידוך ווערט נישט גרינג אויסגעפירט. עס דאַכט זיך אַמאָל, שוין אינגאַנצן אויס, אינגאַנצן נישטאָ מער וואָס צו רעדן דערפון, און דער שדכן מיינט שוין — ער דאַרף פאַר דער כלה זוכן אַן אַנדער חתן, און פאַרן חתן זוכן אַן אַנדער כלה, קומט גאָר אַ זייטיקער מענטש און וואַרפט אַריין אַוואָרט און פאַרריכט מיט דעם וואָרט די מערכה אינגאַנצן און דער שידוך ווערט געשלאָסן. און אַז די מחותנים קוקן זיך אַרום, ווייסן זיי אַליין נישט, וואָס איז דאָס מיט זיי געשען, אַז זיי האָבן פריער אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס גוט איז און וואָס רעכט איז. איך גיב דיר מיינעביידע הענט, אַלטער, אַז דאָ מיט דיינע מחותנים וועט אויך אַזוי זיין! איך דאַרף נאָר אַריבערגיין צו זיי, דיין מחותנתטע אַ זאָג טאָן, וואָס איך האָב איר צו זאָגן, וועט שוין אַלץ פאַרריכט ווערן, און נאָך אפשר קומענדיקן שבת-צונאַכט וועט זיין תנאים אין אַ מזלדיקער שעה.

אַלטער קוקט זי אָן מיט זיינע גרויסע, גוטע אויגן, וואָס דריקן איצט אויס זיין צער און זיין דאַנק אינאיינעם.

— זיי זשע אַ מענטש, אַלטער, וואַש זיך און עס, ווי גאָט האָט געבאָטן, און זיי פריילעך! עס וועט זיך אַלץ צום גוטן אויסלאָזן!

רייזל גרייט צום טיש, אַלטער וואַשט זיך, מאַכט אַ המוציא, נאָר איידער ער שלינגט דעם ערשטן ביסן אַראָפּ — רייסט זיך פון זיין ברוסט אַרויס אַ טיפער און אַ שווערער זיפץ.

עס קומט אים אין דער רגע אויפן זינען ארויף דער פסוק פון איוב: „כי לפני לחמי אנחתי תבא" — און עס דאכט זיך אים, אז ערשט איצט פארשטייט ער דעם רעכטן פשט פונם פסוק. — אזוי פול מיט צער און פיין, ווי מיין הארץ איז מיר איצט, איז איובס הארץ געווען. ווארפט מען עפעס אריין אין א פולער כלי מיט וואסער, מוז זיך דאס וואסער אריבערגיסן, און דאס מיינט דער פסוק...

פונדעסטוועגן האט ער זיך געווארגן מיט איטלעכן ביסן. ער וואלט גערן איצט נישט געגעסן, ווען אים זאל זיך נישט דאכטן, אז ריזל וועט דערפון עגמת-נפש האבן, און רייזלען איז ער איצט אזוי דאנקבאר, אז עס איז אים כדאי אלע יסורים איצט שטיל צו פארטראגן פון אירעטוועגן.

רייזל באמערקט אבער, אז דאס עסן קריכט אים אין האלדז נישט, און זי זאגט:

— דאס הארץ איז דיר, נעבעך, פול, דו קענסט איצט נישט עסן... איך וויל דיך נישט נייטן, וועסטו שפעטער עסן, נאר געדענק, אלטער, אז מיר וועלן דאס נאך אלץ באלד אין פריידן דערציילן.

אלטער פילט, ווי טרערן קלויבן זיך אין זיינע אויגן און ער קערט אפ דאס געזיכט, רייזל זאל זיינע טרערן נישט דערזען.

16

רייזל האט נישט געקענט רוען א גאנצן טאג. אלטערס עלנט פנים האט זי אזוי צעגומען, אז ווען נישט דער שלאקסרעגן אויפן גאס, וואלט זי שוין געלאפן צו דבורהן — איר גאל און ביטער הארץ איר אין פנים אויסצוגיסן. צום אומגליק אבער, האט גאר צו רעגענען אנגעהייבן, רעגנט און גיסט, ווי מיט עמער, א מבול א גאנצן איבערן שטעטל, און ווי גייט מען אין אזא רעגן? ווי פאלט מען

עס אריין פלוצלונג אין אזא מבול צו יענעם און שטוב זיך קריגן, זיך אויסטענהן מיט יענעם?

● אלטער איז פונדעסטוועגן געגאנגען אין בית-המדרש אריין מנחה דאווענען, דארט שוין געבליבן ביז נאך מעריב, און אז ער איז אהיימגעקומען, א דורכגעווייקטער פון רעגן, האט ער זיך געפילט עפעס אזוי מיד און צעבראכן, אז תיכף, ווי ער איז אין שטוב אריין, האט ער זיך אויף זיין בעט אויסגעצויגן און איז באלד אנטשלאפן געווארן.

— נישט אומזיסט בעט מען גאט אויף האבן קינדער זכרים,—האט רייזל איבערגערעדט פאר זיך, אז זי האט אלטערן פון דאווענען קומענדיק אזוי דורכגעווייקט דערזען פון רעגן. — צוליב א קדיש נאך זיין טאטן איז רעכט אין אזא גאס-רעגן צו לויבן, כאטש עס איז איצט אויפן גאס א הונט נישט ארויסצוטרייבן. איך וואלט נאר וועלן וויסן, צי וועט זיך דער טאטע זיינער דארט אויך אזוי מיען פאר אים, ווי אלטער מיט זיך דא, אפילו איינמאל קדיש נישט צו פארפעלן? צו עסן און צו טרונקען פארגעסט אלטער פון גרויס צער, א קדיש נאכן טאטן פארגעסט ער אבער נישט. נו, רבונו של עולם, דארפסטו אים אזויפיל צער אנטאן, פרעג איך דיך?

דער רעגן האט שוין אפילו אויפגעהערט, נאר גיין איצט צו דבורהן איז שוין צו שפעט. עס איז א מהלך ווייט, העט הינטער דער גויישקער גאס, און פינסטער איז כאטש אנצוטאפן. און עס בלייבט ביי רייזלען מארגן צו גיין. אגב, ווילט זיך איר שוין אויסהערן פון איר שמואלן די סיבה: פארוואס? גלייכער צו וויסן אלע זייערע טענות און אנצוגרייטן א תירוץ אויף זיי, — באשליסט זי און ווארט אויף איר שמואלן.

באלד איז טאקע שמואל געקומען, און רייזל האט זיך גענומען אים תיכף אויספרעגן: וואס פאר א סיבה האט אים פייוול אויסגעטראכט?

— אויסגעטראכט, זאגסטו? — רופט זיך אפ שמואל. — עס איז שוין גארנישט אויסגעטראכט, נאר אן אמת גמור! אינדערפרי, איך לייקן נישט, האב איך נאך אליין מטיל ספק געווען, געקלערט: אפשר איז עס טאקע אן אויסגעטראכטע מעשה, פון יוצא וועגן, פון א פתח חרטה וועגן, און טאקע דערפאר האב איך דיר באלד די סיבה נישט געוואלט דערקלערן, דו זאלסט נישט זאגן אויף מיר דעם פסוק:

„פתי יאמין לכל דבר". איצט אָבער, אַז איך האָב וועגן דעם אַ שמועס געמאַכט מיט מענטשן, וואָס האָבן אַ שטאַרקע ידיעה אין די זאַקאָנעס, און זיי האָבן מיר געזאָגט קלאָר כּהַ אחד, אַז די מעשה איז טאַקע אַזוי, גלויב איך, און איך קען מער צו פּייוולען קיין פּתחון פּה נישט האָבן, אים צו זאָגן, אַז ער איז נישט גערעכט. פאַר־שטייסטו אַ מעשה?

— וואָס זאָל איך פאַרשטיין? וואָס פאַר אַ זאַקאָנעס? וואָס ציִטסטו מיר די נשמה אַרויס און רעדסט נישט קיין קלאָרע ווערטער, וואָס און ווען? — שרייט רייזל מיט כּעס.

— הערסט דאָך וואָס די מעשה איז, — רעדט זיך שמואל גע־לאַסן, נישט דערשראָקן ווערנדיק פון זיין ווייבס קולות, — אונדזער אַ ...ער, לאָזט זיך אויס, איז שוין גאָר קיין בן־יחיד נישט... וואָלסטו עס גאָר געגלויבט?

— וואָס רעדסטו, שמואל? ביזטו ביי דיין קלאָרן שכל, צי רעדסטו אויסן וועג? — שרייט רייזל. — ווי הייסט קיין בן־יחיד נישט? זיין מאַמע, אָדער זיין טאַטע האָט אים אויף יענער וועלט אפשר אַ ברודער געהאַט?

— שריי נישט, ליאַרעם נישט. איך ווייס, וואָס איך רעד, און שיכּור בין איך, ברוך השם, אויך נישט! — ענטפערט שמואל. — אַ בן־יחיד איז ער, אַלטער, ביי זיין טאַטן און מאַמען, פאַרשטייסטו? אָבער ביים זאַקאָן איז ער אויס בן־יחיד פון דער רגע אָן, ווי ר' עוזר איז געשטאָרבן... פאַרשטייסטו, וואָס מען מיינט: ער איז שוין קיין בן־יחיד נישט?

— און אַז נישט קיין בן־יחיד, דעריבער קאָן ער קיין גוטער חתן נישט זיין פאַר פּייוולס מיידל? אַ נדר האָט זיך פּייוול געטאָן, אַז ער מוז פאַר זיין מיידל נעמען דווקא אַ בן־יחיד ביי אַ טאַטן און מאַמען, וואָס לעבן? ער האָט דען פריער נישט געוווּסט, אַז ר' עוזר איז געשטאָרבן? — פרעגט רייזל נאָכאַנאַנד איין קשיה נאָך דער אַנדערער.

— דו ביזט אַ יידענע, רייזל! — זאָגט זיך אָפּ גאַנץ געלאַסן ר' עוזר.

— אַ דאַנק גאָט, וואָס נישט קיין ייד! — ענטפערט רייזל. — וואָס דען, זיין ווי איר, מאַנסלייט, זענט די פיינע ברואים מיט די

קאַלטע לונג און לעבערס, צו קאָנען קוקן, ווי עס גיסט זיך יענעמס בלוט פון האַרצן, עס זאָל אייך גאַר אַ טשעפּע טאָן?

— נישט דאָס מיין איך אַ יידענע, — דערקלערט שמואל. — אַ יידענע האָט לאַנגע האָר און קורצן שכל. א•יידענע הערט נישט אויס, וואָס מען רעדט צו איר, פאַלט אַריין אינמיטן די רייד, און פרעגט קשיות. שלאָג מיר נישט איבער מיינע רייד, וועלן דיר אַלע דיינע קשיות ממילא פאַרענטפערט ווערן.

— רעד שוין ווערטער, איך בין דיר מוחל דעם כבוד פון אַ מאַנסביל, נאָר רעד אָן משלים, לאָם איך הערן, וואָס דו מיינסט! — שרייט רייזל.

— פאַרשטייסטו, דער זאַקאָן זאָגט, אַז אַ בן-יחיד איז אַ יחסן, וואָס דאַרף קיין סאָלדאַט נישט זיין, — דערקלערט ענדלעך שמואל,— כל זמן דער טאַטע אָדער די מאַמע לעבט. און איצט זע איך טאַקע, ווי דער זאַקאָן איז מיט חסד און מיט יושר. ווארים באמת איז אַן אכזריות אָפּצונעמען ביי עלטערן זייער איינציקן זון, ער זאָל גיין דינען. טאַקע גרויסע לייט מיט שאַרפע קעפּ האָבן, אַפּנים, די זאַ-קאָנעס געמאַכט. במה דברים אמורים, דאָס איז טייטש, ווען איז דער זאַקאָן חס אויף די עלטערן און נעמט ביי זיי זייער איינציק קינד נישט צו, כל זמן עס איז דאָ אויף וועמען חס צו זיין, דאָס הייסט: כל זמן עס לעבט נאָך אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, אָדער גאַר ביידע צוזאַמען; אָבער ווען טאַטע-מאַמע שטאַרבן, חלילה, קודם דעם פּריזיוו— אויף וועמען זאָל נאָך דער זאַקאָן חס זיין? נו, קאָן דאָס דיין ווייבערשער שכל תופס זיין?

— איך ווער גאַר ביי מיר נישט אַראָפּגעפּאַקן, וואָס איך קאָן מיט מיין ווייבערשן שכל דאָס נישט פאַרשטיין, — ענטפערט רייזל מיט כעס. — אַז מען וואָלט מיט ווייבער לערנען אַזויפיל גמרא, ווי מיט אייך, דאָס גאַנצע לעבן פון קינדווייז אָן, וואָלטן די ווייבער אפשר נאָכמער פאַרשטיין פאַר אייך, קאַלטע לונג און לעבערס! אָבער וואָס טויג מיר דאָס צו פאַרשטיין, אַז צו אַלטערס שידוך איז דאָס אַלץ, דאַכט זיך, גאָרנישט שייך?

— און ווי נאָך שייך! — ציט שמואל דורך די ציינער אַרויס.— אַלץ הייסט שייך! וואָלט אַזוי נישט זיין שייך, ווי עס איז שייך, געבעך, יאָ שייך...

— וואָס שייכסטו צען מאָל נאָכאַנאַנד, און זאָגסט נאָך אַלץ

נישט אַרויס, וואָס איז שייך? — שרייט רייזל און ברענט פון אומ־געדולד.

— דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס עס איז שייך, — זאָגט זיך שמואל ווייטער, נישט נתפעל ווערנדיק פון רייזלס כעס און אומגע־דולד. — צוליב דעם, וואָס ר׳ עוזר איז געשטאָרבן פאַר אַלטערס פריזיוו — פאַרשטייסטו? — האָט ער שוין קיין ערשטע לגאָטע נישט, און אַז ער האָט קיין ערשטע לגאָטע נישט, וועט ער זיין אַ סאָלדאַט. הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר? און דערפון האָט פייוול לכתחילה גאָרנישט געוווּסט. איצט, אַז ער ווייסט שוין דאָס אויף קלאָר, וואָס קומט אים דערפאַר, אַז ער וויל זיין טאָכטער נישט פאַרבינדן מיט אַ מאַן, וואָס דאַרף נאָך גיין דינען פיר־פינף יאָר, ווי זיין מזל וועט אויסטראָגן?

— אַ דונער האָט מיך איינגעשלאָגן, אַלטער וועט זיין אַ סאָלדאַט!? נאָך דאָס האָט אים געפעלט? — כאַפּט זיך רייזל פאַרן קאָפּ אָן.—ווי איז מיר, ווי דערהאַלט מען אַזאַ צער, אַזאַ פיין?!

— גאָט גיט כוחות און מען מוז דערהאַלטן! — ענטפערט שמואל.

רייזלען ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט, זי קאָן שוין מער נישט שרייען, און שמואל דערציילט איר ווייטער:

— פונדעסטוועגן, מייַנסטו, האָב איך שוין פייוולען תיכף מסכים געווען, אַז דער שידוך מיט אַלטערן זאָל צוליב דעם בטל ווערן? האָסטו אַ טעות, מיין ווייב! איך האָב אים דווקא געזאָגט, אַז וויבאַלד, אַז דאָס איז אַ גזרת המלכות, אַזוי דאַרף צוליב דעם אַ שידוך נישט בטל ווערן. וואָס טוען אַנדערע עלטערן, — האָב איך אים געפרעגט,— וואָס האָבן נישט קיין בן־יחיד? גייען דען זייערע קינדער נישט דינען? — פרעג איך אים.

— יאָ, עס איז אַלץ אמת, — האָט מיר פייוול געענטפערט, — איר פאַרגעסט אָבער צוויי זאַכן, ר׳ שמואל, טענהט ער: איינמאָל פאַרגעסט איר, אַז איך האָב פון אָנהייב אָן בפירוש אָנגעזאָגט פישלען, דעם שדכן, אַז מיט נישט אַ באַוואָרנטן פון פריזיוו זאָל ער מיר גאָרנישט אָנהייבן צו רעדן. דאָס קאָנט איר פרעגן פישלען, צי איך זאָג אייך ליגן. נו, שווערט זיך איצט פישל, אַז ער האָט דעם זאַקאָן נישט געוווּסט, איז דאָך דאָס טאַקע געווען אַ מקח טעות פון אָנהייב אָן. און נאָכאַמאָל מוזט איר געדענקען, ר׳ שמואל, זאָגט ער, אַז עס איז נאָך צווישן אונדז גאָרנישט געטאָן געוואָרן, נישט קיין תנאים.

נישט קיין קנין, קיין ראשי פרקים, אָדער אפילו אַ וואָרט נישט גע-
וועז, הייסט עס דאָך, זאָגט ער, קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ
קראַנק בעט אַריין – ווער הייסט עס מיר? ווער קאָן עס מיך נייטן?
— יאָ, און נאָך אַ זאַך זאָגט מיר פּייוול, — דערמאַנט זיך
שמואל פּייוולען אינגאַנצן געךעכט צו מאַכן, — ווי מיר שטייען אין אַ
מקום קדוש, שווערט ער מיר, ווען איך זאָל נאָר מורא האָבן פאַר
דעם, וואָס ער׳ וועט דאַרפן גיין דינען עטלעכע יאָר און מיר איבער-
לאָזן מיין ליב קינד, אפשר נאָך מיט איין אָדער מיט צוויי קינדער
אויף די הענט, ווען דאָס אַליין זאָל מיין גאַנצע מורא זיין, ר׳ שמואל,
זאָגט ער, — וואָלט איך נאָך אַ ישוב הדעת האָבן — אַזוי געפעלט
מיר אַלטער, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן איז ער מיין ווייב און מיין
קינד. איך האָב אָבער מורא פאַר עפּעס נאָך ערגערס — עס הערן
זיך איצט גרויסע מלחמות, זאָגט ער, און ער זאָגט טאַקע אמת. אין
בית-המדרש שמועסט מען אויך פון מלחמות אין כינע, פונוואַנען מען
ברענגט דעם טיי צו אונדז: אַלע מלכי מזרח און מעריב גייען אַרויס
אויף מלחמה מיט דער כינע. נו, וואָס טוט מען, פרעגט מיך פּייוול,
אַז איך מאַך חתונה מיין טאָכטער מיט אַלטערן, עס גייט אַריבער אַ
יאָר, צי צוויי, אַלטער ווערט אַ טאַטע פון איין אָדער צוויי קינדער,
און אָט גיט מען אים אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט, מען טרייבט אים אַוועק
אַזש קיין כינע אין דער מלחמה אַריין, דאַרף טרעפט אים, חלילה,
אַ קויל, צי אַ באָמבע, ער ווערט געהרגעט, חלילה, מען באַגראָבט
און מען באַשיט אים מיט טויזנט אַנדערע הרוגי מלחמה, מען ווייסט
אפילו נישט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען, און מיין חנהלע, מיין
גאָלדן קינד בלייבט מיר אַן אייביקע עגונה, חלילה, נאָך מיט צוויי
קינדערלעך אויף די הענט?!

— זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי עס האָט שוין געטראָפן
אַזוינס אין דער וועלט! — ענטפערט רייזל. — די מומע עטל, אַ גוטע
בעטערין זאָל זי זיין, איז טאַקע אַ פינסטערע עגונה געבליבן ביזן
טויט אַריין נאָך פון סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה. אומזיסט איז זי, נעבעך,
צו רבנים אומגעפאָרן, ווהין די וועלט האָט אַן עק.

— טאַקע אַן דיין מומע עטל, עליה השלום, האָט איך מיר בעת
מעשה דערמאַנט, ונסתתמו טענותי, און אַלע מיינע טענות קעגן פּייוולען
האָבן זיך אויסגענומען, — זאָגט שמואל. — זעסט, רייזל, מען טאָר באַלד
אויף אַ מענטשן נישט אָנפאַלן מיט כעס און רוגזא, ווי דו ביזט

אויף פייולען אָנגעפּאַקן, איידער דו האָסט די אמתע סיבה געוווּסט! געשוווירן האָט מיר דער אייגענער פּייווּל, אַז ווען עס גייט אים אין אַ שאָדן פון געלט, וואָלט ער זיך גאָרנישט אַזוי מצער זיין; נאָר עס גייט אים אין אַ שאָדן פון אַ נפש. אַלטערס צער, וואָס ער וועט האָבן, שווערט ער, קאָסט אים געזונט. ער האָט שוין אָפּגעשניטענע יאָרן פון זיין ווייב, אפילו די כלה אַליין איז שוין פון עגמת-נפש, זאָגט ער, אַ העלפט געוואָרן. ער האָט געמיינט, דערציילט ער מיר, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, ס'וועט זיין שמחה וששון אין זיין שטוב, צום סוף איז צוליב דעם טעות טעות — געוויין און קלאָג אין זיינע פיר ווינקעלעך... נו, רייזל, וואָס זאָגסטו צו דעם אַלעם?

מה נאמר ומא נדבר? — ענטפערט רייזל, ווי אַ וווילגעלערנטע אשה. — וואָס זאָל איך זאָגן, וואָס זאָל איך רעדן? איך זאָג נאָר, אַז דעם, וואָס לעבט אייביקס דרכים, איז נישט צו פאַרשטיין. טשע-פּעט ער זיך צו מיט זיין שטראָף צו אַ מענטשן, גיסט ער אויף אים אויס די, גאַנצע תוכחה פון זיין הייליקער תורה, און יאָזט אים נישט אָפּ פון געבוירן-טאָג ביז דער רגע פון זיין טויט, חלילה. אַז אַלטער איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען, האָט ער זיין געטרייע מאַמע ביי אים צוגענומען; איז אים וויניק געווען געפּייניקט צו ווערן פון פיר שטיפמאַמעס — שלאָגנגען, איינע ערגער פאַר דער אַנדערער, האָט ער צום סוף אויך דעם טאַטן זיינעם ביי אים צוגענומען, אים גע-לאָזן עלנט, ווי אינמיטן ים אַליין, אָן אַ שילינגער אַ טאָג איבער-צולעבן. געמיינט: גאָט האָט שוין זיין עלנט צוגעזען, אים אַ שידוך צוגעשיקט, ווי געוווּנטשן, אַ מיידל אַ גאָלד מיט אַלע מעלות, אַלטער וועט פאַר עלנט כאָטש מיט אַזאַ ווייב באַלוינט ווערן — ניין, נאַ דיר אַ גזרה, אַ דונער אין אַ העלן ליכטיקן טאָג, וואָס האָט זיך גאָר קיינעם נישט געחלומט אפילו! אויס חתן פאַר אַ כלה אַ ברייליאַנט, אויס טרייסט און נחת, און דו ביזט נאָך מיט דיין יונג לעבן נישט זיכער... נו, פּלאַצט נישט אַ מענטשנ'ס גאַל אין זיך? קאָן מען נאָך אַלץ מקבל באהבה זיין און דאַנקען און לויבן זיין ליבן נאָמען פאַר זיין חסד און פאַר זיין רחמים מיט זיינע באַשעפעניש? טאַקע כחמר ביד היוצר זענען מיר ביי אים, וואָס ער וויל... טוט ער מיט אונדז ניין, שמואל, מיין מוח באַנעמט עס נישט, מעגסט זיך זאָגן וואָס דו ווילסט!

— רייזל, זינדיק נישט! — בייזערט זיך שמואל. — וואָלט איך

נישט ווייסן, ווי גרויס זיין צער איז, וואָלט איך דיר ענטפערן, ווי איוב האָט זיין ווייב געענטפערט: כדבר אחת הנבלות תדברי, האָט ער איר געזאָגט, דאָס איז טייטש: ווי איינע פון די שאַלקהאַפטיקע ווייבער טוסטו רעדן... ווייל אָבער איך קען דיין ווייך האַרץ און איך פאַרשטיי, ווי גרויס דיין צער איז, נעבעך, אויף אַלטערן, זאָג איך: אין אדם נתפס על צערו, מען דאַרף אַ מענטשן נישט דן זיין, אַז ער זינדיקט, חלילה, מיט זיין מויל פון גרויס צער, און גאָט, ברוך הוא, זאָל דיר דיינע רייד מוחל זיין. הערסטו, גרייט צום טיש און גיב וועטשערע!

17

רייזל טראָגט אַ שווערן שטיין אויפן האַרצן. זי ווייסט, אַז זי איז מחויב אַלטערן אָנצוזאָגן אַ טאָפּעלן צער, און זי האָט אָבער נישט אַזאַ גזלניש האַרץ אים אַזאַ צער אָנצוזאָגן. מילא, דעם צער, וואָס ער איז אויס חתן, דאָס הייסט, וואָס זיין שידוך מיט פּייוולס מיידל איז קאַליע געוואָרן, וואָלט זי שוין מוחל זיין. ווי זאָגט איר שמואל: אַ שידוך איז אַ גאָט-זאַך, מסתמא וויל דאָך דער רבונו של עולם נישט, אַז דאָס זאָל זיין אַ זיווג — יעדענפאַלס האָט זי, רייזל, מיט וואָס אים צו טרייסטן, ער זאָל זיך צום האַרצן נישט נעמען. מיט וואָס אָבער קאָן זי אים טרייסטן אויף דעם, אַז זי וועט אים אָנזאָגן, דאָס ער דאַרף גאָר מורא האָבן פאַרן פּריזיוו, ער זאָל, חלילה, אינמיטן דערי־נען גאָרנישט ווערן אַ סאָלדאַט?

זאָגן אים אָבער, מוז זי, זאָל ער וויסן. אַז דער חולה ווייסט, ווי קראַנק ער איז, זוכט ער אַ רפואה צו זיין קרענק. זאָל אַלטער אויך זוכן, צייט האָט ער נאָך גענוג, זאָל ער עפּעס טאָן דערצו. לייט טוען דאָך עפּעס, זיי גיבן זיך אַן עצה און זייערע קינדער גייען אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט. אַנדערע קינדער האָבן זיך אויף וועמען

צו פאַרלאָזן, אַז זייערע עלטערן וועלן פאַר זיי טאָן. אויף וועמען האָט ער, נעבעך, זיך צו פאַרלאָזן? און אַ פינגער אין קאַלט וואַסער וועט עמעץ וועלן אַריינשטעקן פאַר אים? אָבער ווי זאָגט מען עס אים אָן? די נשמה קאָן דאָך אַרויס, דערהערנדיק אַזאַ פּלוצלונגדיקן גזר־דין...

נאָך פיל טראַכטן איז ביי רייזלען געבליבן, אים נישט פּלוצלונג אָנצוזאָגן, נאָר מאַכן מיט אים עפּעס אַ שמועס גלאַט אין דער וועלט אַריין, און פון דעם שמועס ביסלעכווייז אַרויפצוקומען אויף דעם, ביז ער וועט זיך אַליין אַרומקוקן, ווי ער האָט, נעבעך, אין דער וועלט. דעריבער איז רייזלען גערן געווען, וואָס עס האָט היינט פון פרימאָרגן אָן גערעגנט, געגאָסן, און אַלטער האָט נאָך פרישטיק גע־מוזט צוליב דעם בלייבן זיצן אינדערהיים.

נישט ליידיק צו זיצן, האָט זיך אַלטער אַראָפּגענומען אַ חומש פון דער פּאָליצקע, וואָס איז איבער זיין בעט געהאָנגען, און האָט גענומען איבערקוקן דעם טראָפּ פון דער וואָכעדיקער סדרה. ער איז פון בר־מצווה אָן אין בית־המדרש אַ בעל־קורא געווען. פון זיין לייענען און פון זיין נגינה האָבן ווייבער די פינגער געלעקט.

רייזל האָט צוגערוקט אַ בענקל צום טישל, ווו אַלטער איז גע־זעסן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, צוגעהערט ווי ער לייענט די סדרה, און ווי די עברי שיט זיך, ממש ווי פּערל, פון זיין מויל. איר איז אַ שאָד געווען דאָס פאַרגעניגן פון זיין לייענען איבערצו־רייסן. קוים אָבער האָט אַלטער דעם חומש פאַרמאַכט, האָט רייזל פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, אַלטער, וואָס איך האָב אָפּגעקלערט?

— וואָס? — פרעגט ער, האַפנדיק, אַז זי וועט אים באַלד אַ גוט וואָרט זאָגן, נאָך וואָס זיין האַרץ בענקט אַזוי שטאַרק.

— איך האָב אָפּגעקלערט, — רעדט רייזל אַרויס פון אַ שווערן געמיט, — אַז עס איז אַ נאַרישע וועלט, אַ פּאַסקודנע און אַ פּוסטע וועלט!

אַלטער טוט אויף איר אַ קוק, און זיינע אויגן זאָגן רייזלען, אַז נישט דאָס האָט ער איצט געהאָפט צו הערן פון איר. עס טוט רייזלען ווי דאָס האַרץ פון רחמנות, נאָר זי מוז, זי טאָר איצט מער קיין רחמנות נישט האָבן, און זי רעדט ווייטער:

— יונג, אַלט, שיין, מיאוס, אַפילו אָרעם און רייך, איז נאָר אַ

חלום... הערסטו, וואָס איך זאָג דיר? אַ נאַרישער, פּוסטער חלום! נאָך איידער מען עפנט די אויגן זיך אַרומצוקוקן, צעפליט אַלץ, ווי אַ רויך... אָט איז מען שוין אַלט, אויס חשק צו די אַלע זיבן זאַכן... פאַרשטייסטו, מיין זון?

— קעגן וואָס זאָגט איר דאָס, רייזל? — פרעגט אַלטער פאַרוואונדערט.

— איך רעד עס טאַקע קעגן זיך אַליין, — ענטפערט זי. — ווי לאַנג, דאַכט זיך, בין איך אַ מיידל אַ ברען געווען, אַ שפרינגערין, אַ טענצערין און אַ זינגערין — און וואָס בין איך היינט?

— היינט זענט איר אַ קלוגע, פרומע און גוטע יידענע! — ענטפערט אַלטער און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס ער קאָן איר זיין דאַנק פאַר איר אמתער טרייקייט כאָטש מיט אַזעלכע ווערטער אַרויסזאָגן.

— נישט דאָס מיין איך, — באַמערקט רייזל. — קוקנדיק איצט אויף די קנייטשן, אויף די פאַלבן אויף מיין געל פּנים, וואָלסטו גאָר קאָנען גלויבן, אַז די אַלטע רייזל, די אויסגעטריקנטע, איינגעהושכטע יידענע איז מיידלווייז אַ פאַרשוין געווען, וואָס איז נישט געווען אין איר פּנים זיך אַריינצוקוקן? און אַ פאַר צעפ האָט די רייזל אַמאָל געהאַט, לאַנג ביז די קנעכל. פרעג ביי שמואלן — ער איז עס נאָך מחויב צו געדענקען — די גאַנצע וועלט האָט אים מקנא געווען, וואָס ער נעמט אַזאַ שיינע כלה, ווי איך בין דעמאָלט געווען... אַלץ, מיין זון, אַ חלום! אַלץ אַ פאַריאָריקער שניי די יונגקייט, די לעבעדיקייט, די שיינקייט און די אַלע נאַרישע קינדישע חלומות אויף דער וועלט — אַלץ גאַרנישט ווערט!

אַלטער קוקט מיט רחמנות אויף רייזלען. דאָס האַרץ טוט אים וויי, זעענדיק איצט איר צעקנייטשטע פאַרמעט־הויט אויף איר פּנים, אירע ביינערדיקע, אויסגעקרימטע פינגער פונם רעוומאַטיזם, וואָס זי ליידט, נעבעך, אַזוי אָפט, און ער פילט אַן אמתן צער, וואָס פון אַזאַ שיינער, ווי זי דערציילט, זיצט איצט אַ צעבראָכענער שאַרבן פאַר אים. עס ווילט זיך אים איר עפּעס אַ טרייסטוואָרט זאָגן. ער האָט זי אַלעמאָל ליב געהאַט, נאָר איצט האָט ער אויך מיטלייד מיט איר.

— אָבער אייער שכל, רייזל, אייער גוט האַרץ און גוטע מידות זענען איצט אייער צירונג, — רעדט אַלטער מיט האַרץ. — ווער עס קען אייך אַזוי גוט, ווי איך, קוקט נישט אויף די קנייטשן פון אייער

פנים, און האַלט אייך טייערער, אַ סך טייערער פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך נישט אַזעלכע קנייטשן!

— אַ דאַנק גאָט דערפאַר! — רעדט רייזל איבער מיט אַ שמייכל. — איך גלויב דיר, אַלטער, אַז דו רעדסט עס פון גאַנצן האַרצן. פון אַן אַנדערן איך זאָל אַזוינע ווערטער הערן, וואָלט איך נישט גלויבן, וואָלט איך זיי אָננעמען פאַר אַ חניפה אָדער פאַר אַ לצנות, נאָר דו ווייסט נישט פון אַזעלכע פוסטע זאַכן, און גוט וואָס איך הער דאָס פון דיר אַמאָל. אָבער מיין נישט, אַז איך מיין דערמיט זיך צו באַרימען פאַר דיר מיט דעם, וואָס איך בין אַמאָל געווען. וואָס טויג וועמען דאָס, וואָס איז געווען, אַבי עס איז שוין היינט נישטאָ... איך דערצייל עס דיר נאָר צוליב דעם, דו זאָלסט אַליין פאַרשטיין, אַז די וועלט איז אַ חלום, אונדזער לעבן אַ גראָשן ליכטל, עס גיט אַ פלאַם, אַ שיין, אַ לייכט אויף אַ רגע, און אָט פאַרלעשט עס זיך — און אויס!.. און זאָגן זאָג איך דיר דאָס אַלץ, דו זאָלסט שכל האָבן אַליין צו פאַרשטיין, אַז עס איז נישט כדאי זיך מצער צו זיין, ווען עס לאָזט זיך אויס אַמאָל עפּעס אַ זאַך אַקוראַט פאַרקערט, ווי מיר האָבן געוואָלט...

אַלטערן הייבט אָן דאָס האַרץ שווער צו ווערן. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז אַ וואָלקן פאַרציט זיך איבער אים, אַזאַ פינסטערער, נאַסער און קאַלטער וואָלקן, ווי עס האָט זיך איבערן גאַנצן שטעטל פאַרצויגן, און רעגנט און גיסט און האָט שוין אין שטאָט אַזאַ בלאָטע אָנגעמאַכט.

— נישט כדאי, זאָג איך, — רעדט רייזל ווייטער, ווי נישט צו אים, — נישט כדאי אפילו אָן איבעריקן זיפץ אַרויסצולאָזן, ווען עס לאָזט זיך אויס אַ טייך פון אונדזערע חלומות, פון אונדזערע גליקן. נישט אַלץ, וואָס שיינט, איז גאָלד, און אַמאָל, בעת דער מענטש מיינט — דער הימל לייגט זיך שוין גאָר אויף דער ערד און עס איז שוין גאָר קיין האָפענונג נישטאָ, ווייזט זיך באַלד אויס, אדרבה, אַז דאָס ערשט איז אַ גליק געוועזן פאַר אונדז.

— רייזל, — זאָגט אַלטער, — איך פיל, איך פאַרשטיי, איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן, נאָר איר האַלט אייך אָפּ... זאָגט בעסער אַרויס, אַזוי טוט דאָס האַרץ נאָכמער וויי.

— זאָל דיר דיין האַרץ גאָרנישט ווי טאָן, מיין זון, דו ווייסט נאָך נישט דיין מזל אַקוראַט. שוין-זשע וועט דיין אויסגעלייטערטע.

טרייע מאַמע דאָרט גאָרנישט קאָנען אויסבעטן פאַר דיר? און דיין טאַטנס תורה איז שוין דאָרט, חלילה, גאָרנישט ווערט? זיי זיכער, אַלטער, ער וועט דאָרט אויך נישט שווייגן.

— אָבער וואָס? וואָס, רייזל, האָט איר מיר צו זאָגן? — פרעגט שוין אַלטער מיט אַ שמערצלעכער שטימע.

— מיינסט, אַז איך אַליין גלויב אין דעם? — ענטפערט רייזל.— איך אַליין גלויב בעסער אין גאָט, ברוך הוא, און איך בעט אים, ער זאָל חסד טאָן... נאָר געהערט האָב איך דאָס פון מיין שמואלן און דו ווייסט דאָך, אַז מיין שמואל וועט נישט רעדן אַבי אין דער וועלט אַריין...

— וואָס האָט איר פון אים געהערט? איך בעט אייך — זאָגט שוין, וואָס טויג אייך די נשמה מיר אַרויסנעמען?

— דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך וויל דיר די נשמה נישט אַרויסנעמען, — דערקלערט רייזל, זיך צורוקנדיק נענטער צו אים.— זאָל מיר זיין די שלעכטס, וואָס איך וויל זען אין דיר, אַלטער. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין שמואל זאָגט, אַז ער האָט פאָרט געהערט, אַז ווען פאָטער און מוטער שטאַרבן, דאַרף זייער זון גיין דינען דעם קיסר און זיין אַ סאָלדאַט, כאָטש ער איז ביי זיי כל ימיו אַ בן־יחיד געווען. פאַרשטייסט, וואָס איך זאָג?

אַלטער דערמאָנט זיך ערשט, אַז די אייגענע רייד האָט פישל צו אים גערעדט ביי זיין ערשטן שמועס מיט אים, און ער וווּנדערט זיך, וויאַזוי איז דאָס געשען, אַז אַזאַ שרעקלעכע נייס, וואָס פישל האָט אים דעמאָלט געזאָגט, איז אים גאָר פון זינען אַרויס, און ער האָט אין דער גאַנצער צייט קיין איינמאָל נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם. דאָס האַרץ, פילט ער, ווערט אים פאַרשטאַרבן, כאָטש ער ווייסט נאָך נישט קלאָר, צי שרעקט זיך דאָס האַרץ זיינס, וואָס ער וועט דאַרפן אַמאָל זיין אַ סאָלדאַט, אָדער אַזוי פאַר עפּעס, וואָס איז אים שוין געשען אַ גרויס אומגליק, וואָס איז נאָך אפשר ערגער פאַר אים, ווי אַ סאָלדאַט צו זיין.

רייזל דערשרעקט זיך, אַ קוק טוענדיק, ווי אַלטערס געזיכט האָט זיך פלוצלונג אַזוי איבערגעביטן. זי האָט שוין חרטה, וואָס נאָך אַלע הקדמות האָט זי פאָרט אַרויסגעזאָגט דעם גאַנצן ביטערן אמת מיט איינמאָל.

— זעסטו, מיין זון, — האָט זי אָנגעהייבן פאַרענטפערן זיך, —

זעסטו, אַז איך האָב געהאַט פאַרוואָס מורא צו האָבן, דעם אמת דיר מיטאַמאָל אַרויסצוזאָגן? זיי מיר מוחל דיינע יסורים, אַלטער, פון דיין רפואה וועגן האָב איך דאָס געזאָגט. גאָט איז מיין עדות!

אַלטער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער ווייסט עס שוין פון פריער, אַז זי דאַרף אים קיין מחילה נישט בעטן צוליב דעם, נאָר דאָס האַרץ איז אים אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, אַז ער האָט אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

טרערן האָבן זיך אין זיינע אויגן געוויזן און ער האָט נאָר זיינע אויגן פון רייזלען נישט אַראָפּגענומען,

און ווי האָט זיך אים געוואָלט איצט אויסוויינען פאַר דער איינציקער געטרייער רייזלען! אויף וואָס וויינען — ווייסט ער נאָך אַליין נישט. נאָר עפּעס קלעמט און זאָגט אים דאָס האַרץ אָן נאָך ערגערס, נאָך ביטערערס, און ער ווייסט אַליין נישט וואָס.

— און מיינסטו, צוליב וואָס האָב איך דיר דאָס אָנגעזאָגט דעם גרויסן צער? — טרייסט אים רייזל. — ווייל איך וויל דו זאָלסט וויסן, ווי דו האָלסט אין דער וועלט און זען עפּעס וואָס באַצייטנס צו טאָן. אמת, דו האָסט נאָך צייט, אָבער די צייט האָט פליגלען און זי פליט אַריבער איידער, מען קוקט זיך אַרום. קוקט מען זיך דערנאָך אַרום — איז שוין קיין צייט נישטאָ.

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך טאָן? — האָט אַלטער אַרויסגעזיפצט.

— איך בין אַ יידענע און אין אַזעלכע זאַכן הייב איך נישט אָן צו וויסן וואָס מען טוט, — האָט רייזל געענטפערט. — גאָט האָט מיך אָפּגעהיט פון דעם צער. ער האָט מיר קיין יינגלעך נישט גע־געבן, נישט דעם נחת, נישט דעם צער, וואָס אַ מאַמע האָט פון זיי. איך האָב נאָר מיידלעך אויף דער וועלט געבראַכט. דעם צער, וואָס אַ מאַמע האָט, איידער זי איז זוכה איר טאָכטער צו דער חופה צו פירן, ווייס איך. יענעם צער אָבער, וואָס אַ געטרייע מאַמע האָט, אַז זי דאַרף, נעבעך, איר זון צום פּריזיוו פירן, זאָל דיין אויסגעליי־טערטע מאַמע וויסן דאָרט אין איר הייליקער רו, און זאָל זי פאַר דיר דאָרט אַ גוטע בעטערין זיין!

אַלטער האָט נישט געענטפערט. זיין מאַמע, ווייסט ער, האָט ביז איצט פאַר אים קיינמאָל נישט געבעטן.

ווייניק פיין און צרות האָט ער שוין אין זיין לעבן אַריבער־

געטראָגן, און זי, די מאַמע זיינע, זיצט זיך דאָרט אין גן-עדן, פֿאַר-ברענגט מיט די הייליקע אמהות גאַנצע טעג און פֿאַר אים טוט זי אַ פֿינגער אין קאַלט וואַסער נישט אַריין.

דעריבער האָבן אים רייזלס ווערטער איצט נישט געטרייסט, נישט געלינדערט דעם ווייטיק אין זיין האַרץ.

נאָר איינס וויל איך דיך בעטן, מיין טייערער אַלטער, — האָט רייזל אים פֿאַר זיין האַנט אָנגעמענדיק געזאָגט, — גיב מיר דיין האַנט תּקיעת-כּף, אַז וואָס לייט וועלן דיר נישט ראָטן צו דעם צו טאָן, זאָל דיר, חלילה, אַזאַ דעה אויף דיין זינען גאָרנישט אַרויפֿקומען, דו זאָלסט זיך לאָזן מאַכן ערגעץ אַ מום אין דיין גוף. פֿאַר דעם קיסר וועסטו אפֿשר דאָס קענען פֿאַרלייקענען, אַז נישט מיט דיין ווילן ביזטו אַ בעל-מום געוואָרן, אָבער נישט פֿאַר גאָט דעם לעבעדיקן! געדענק, אַלטער, מאָגען וועט גאָט ביי דיין נשמה די שיינע גאַנצע כּלי, וואָס ער האָט איר געגעבן און וואָס דו האָסט זי צעבראָכן. נעם נישט אַזאַ זינד אויף דיין לייב, און גאָט ברוך הוא וועט דיין צער צוזען און וועט מיט דיר חסד טאָן!

18

אינם בית-המדרש, ווו אַלטער דאַוונט, רעדט מען שוין פֿון די „ערשטע סליחות". צו מנחה-מעריב כאַפּן זיך שוין אַריין אויך אַזעלכע יידן, וואָס מען זעט זיי אין אַ מקום קדוש אַ גאַנץ יאָר נישט. זיי קומען נאָר צו אַ יאָרצייט.

די שרעק פֿון קומענדיקן יום-הדין פֿאַלט אַפֿילו אויף די עטלעכע משכּילים פֿון שטעטל. עס ווילט זיך זיי אויך איבערבעטן זיך מיטן רבונו של עולם, מיט הערן אַ „ברכו", כאַפּן אַ „קדושה", און אַמאָל אויך מיט אַן איבעריקן קאַפּיטל תּהילים נאָכן דאַוונען.

און מען דאַוונט, און מען זאָגט תהילים, און די פרומע גייען מיט אַן אַראָפּגעבויגטן קאָפּ, מיט הכנעה פאַר דעם, וואָס דאָס לעבן און דער טויט איז אין זיין האַנט.

און אַלץ שטאַרקער און דייטלעכער בלאָזט דער שופר אַלע פרימאָרגן און זאָגט אַן:

אָט גייט ער, דער יום-הדין, אָט קומט ער און אָט שטייט ער שוין הינטער דער טיר.

און עס גרייטן זיך צו צו אים, ווער מיט אַן ערנסט, מיט מורא און שרעק, און ווער — נאָר אַזוי פון געוויינהייט און פון יוצא וועגן...

אַלטער פלעגט זיך אויך תמיד צוגרייטן צו אים מיט תהילים, מיט לערנען גאַנצע נעכט און מיט סליחות, נאָר איצט קען ער עס נישט מער.

שוין צוויי וואָכן, אַז רייזל האָט אים ווי פון אַ שלאָף אויפגעוועקט, געזאָגט אים, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט פייוולען, מיט פישלען און מיט די אַלע גליקן, אויף וועלכע ער האָט געהאָפט, איז נישט מער, ווי אַ נאַרישער חלום געווען — אויס שידוך, אויס חתן... און דער חלום איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ זיך נישט צעפלויגן.

נאָך לעבעדיק שטייט אים חנהלע פאַר די אויגן; אַפילו חנהלעס מוטער, וואָס האָט אים אין יענעם אָוונט אַזוי מקרב געווען, זעט ער, ווי אַ לעבעדיקע, פאַר זיך.

— און פייוול אַליין? האָט ער דען אים נישט מיט אָפענע אויגן געזען דאָ אין זיין שטיבעלע? האָט ער אים נישט אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט אים, ווי אַ פאָטער מיט אַ זון? איז דאָס אַלץ אַ חלום געווען? — פרעגט ער זיך — איז חנהלע אויך אַ חלום? פאַרוואָס אָבער טוט דאָס מיר אַזוי וויי, אויב דאָס אַלץ איז נאָר אַ חלום געווען?..

אָן אנדערש מאָל איז ער אַליין מסכים, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ חלום געווען.

— רבונו של עולם, — טראַכט ער, — אויב דאָס איז אַ חלום, טאָ וואָס איז נישט קיין חלום?

און נאָך אַ לאַנגן טראַכטן קומט ער צו דער דעה, אַז גוטס און גליק רופט מען אָן „אַ חלום". „וואָך זיין" הייסט: צרות און פּיין —

איצט, ווייסט ער, איז ער וואך — אויס חלום, אויס גליק, אין די פיין. וואס ער טראגט אין הארצן, טראגט ער וואכערהייט, און דאס אלץ ברענגט אים נישט צעפרידן צו זיין מיט דעם רבונו של עולמס דרכים. — און דווקא אין דער צייט, וואס ער וויל פרומער זיין, ווי א גאנץ יאר, פילט ער, אז ער זינדיקט מיט זיינע געדאנקען. ער זעט, ווי יידן דאווענען אין בית-המדרש פרומער, ווי אלע טעג פון א גאנץ יאר, און ער איז זיי מקנא, וואס זיי קענען איצט פרומער זיין. ער נעמט זיך אויך זאגן תהילים, דאווענען און לערנען מיט כוונה, פארשרייען וויל ער יענס קול פון זיין צעבלוטיקט הארץ.

נאר וואס העכער ער הייבט אויף זיין קול, אלץ העכער שרייט ארויס דער קול פון זיין הארצן: פארוואס? פארוועו? האט ער זיך צוגעטשעפעט צו מיר, צו פייניקן מיך פון מיין קינדהייט אן ביז איצט? וואס האב איך אים שלעכטס געטאן? צי האב איך אים אמאל א דאווענען פארפעלט, א ברכה אדער אן אמן אפילו דורכגעלאזט? וואס אמת, איז אמת, ער פירט זיך מיט מענטשן שלא כשורה! אום יום-כפור אפילו וועל איך אים זאגן, אז ער פירט זיך מיט מיר שלא כשורה. אי, וואס? ער וועט מיך דערפאר שטראפן? זאל ער שטראפן! און אז איך שוויג און דאנק אים פאר זיין שטראף, שטראפט ער דען מיך נישט? אדרבה, זאל ער וויסן, אז מיר טוט וויי, און אז איך שריי פון גרויס ווייטיק!..

און פונדעסטוועגן דאווענט אלטער, זאגט תהילים, לערנט מוסר-ספרים, און ווען רייזל לאזט עס אים נאר, וואלט ער אויך געפאסט א פאר מאל אין וואך. נאר רייזל שרייט, אז זי וועט אים אום יום-כפור נישט מוחל זיין איר צער, וואס זי האט פון אים, בעת זי קאכט און מיט זיך, ער זאל האבן וואס צו עסן. צום סוף קומט ער פון שול און וויל אפילו איר עסן נישט פארזוכן. און אלטער מוז איר צוליב טאן, גייט זיך וואשן און עסט און קען נישט פאסטן, ווי אים ווילט זיך.

און פאסטן וויל אלטער נישט פון גאטס וועגן — מיט אים איז ער ברוגז — נאר פון זיין הארצס וועגן.

איין ווייטיק שטילט דעם אנדערן ווייטיק, ווייסט ער.

— אפשר וועט דער ווייטיק פונם תענית שטילן דעם ווייטיק פון בענקען נאך איר, וואס אפילו איר נאמען טאר ער שוין נישט דערמאנען, — זאגט רייזל...

גייענדיק אַמאָל פון בית-המדרש אַהיים, האָט ער פּלוצלונג דערפילט: עמעץ האָט אים אַ האַנט אַרויפגעלייגט אויפן אַקסל.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען — פייוול האָט עס אים זיין האַנט אויפן אַקסל אַרויפגעלייגט.

ער איז פאַרשעמט געוואָרן, בלאַס געוואָרן און האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער? — האָט פייוול געפרעגט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

אַלטער האָט געוואָלט אים געבן „שלום-עליכם", נאָר די האַנט, האָט ער געפילט, האָט אים אָנגעהייבן ציטערן. ער האָט געוואָלט ענטפערן: „געזונט!", נאָר דאָס האַרץ אין אים האָט אַזוי געקלאַפּט און זיך געוואָרפן, אַז ער האָט מורא געהאַט — ער וועט דאָס וואָרט „געזונט" נישט קענען אַרויסרעדן, דעריבער האָט ער בעסער גאָרנישט געענטפערט.

— ביזט ברוגז אויף מיר? — פרעגט. פייוול — זאָג דעם אמת!

— פאַרוואָס זאָל איך אויף אייך ברוגז זיין? — פרעגט אַלטער. וועלכער איז ביז אַהער נאָר אויף גאָט אַליין ברוגז געווען פאַר זיין צער, ווייל אַלץ וואַקסט פון אים, אָבער נישט פון פייוולען.

— אַ סימן, אַז דו פאַרשטייסט, אַז איך בין אין דעם גאָרנישט שולדיק! קיינער איז נישט שולדיק, דו אויך נישט, אַלטער, — זאָגט פייוול, שטאַרק צעפרידן, וואָס אַלטער טראָגט קיין שנאה נישט אויף אים. באַשערט אונדז אַלעמען אַ קאָפּפאַרדרייעניש און אומזיסטן צער — האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט. איך מאַך אין דעם אַלעם אפילו פישלען אויך נישט שולדיק. ער שווערט, אַז ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז נאָך דיין טאַטנס טויט ביזטו מער קיין בן-יחיד נישט, וואָלט ער דאָס גאַנצע געריידר גאָרנישט אָנגעהייבן.

— אַ ליגן, אַ גרויסן ליגן האָט אייך פישל געזאָגט! — האָט אַלטער אַרויסגערעדט מיט כעס.

— פונוואַנען נעמסטו, אַז ער האָט אַ ליגן געזאָגט?

— ווייל ביי דעם ערשטן שמועס מיט מיר האָט ער מיר עס שוין געזאָגט, — איז אַלטער מודה. — ביז יענער רגע האָב איך אַליין דערפון אויך נישט געוווּסט.

— מילא, זאָל זיין, ווי דו זאָגסט, — באַמערקט פייוול. — פישל איז אַ פּאַרך און אַ פּלוט, דאָס איז זיך אַ באַזונדערע מעשה. מיט

אים וועל איך מיך שוין אָפּרעכענען, אָבער ווי פאַרלייקנסטו פון מיר אַזאַ זאַך, וואָס אָן דעם ווענדט זיך אַלץ? פע, אויף דיר, אַלטער, וואָלט איך אַזוינס אוודאי נישט געגלויבט.

אַלטער ווערט אַ רגע פאַרשעמט. ער דערמאַנט זיך אָבער באַלד, אַז ער האָט גאָר נאָך פייוולען נישט געקאָנט זאָגן דערפון: ערשטנס, האָט פייוול ביי אים נישט געפרעגט מכּוח דעם; ווען ער וואָלט אַ פרעג געטאָן: ווי האַלטסטו, אַלטער, מיט דיין פּריזיוו, וואָלט ער אים מניה וביה געענטפערט: פישל זאָגט, אַז איך בין שוין קיין בן־יחיד נישט, און איך וועל מוזן זיין אַ סאָלדאַט, סיידן איך וועל אַרויס־ציִען אַ גרויסן נומר... און, צווייטנס, איז עס אים גאָר אינגאַנצן פון זינען אַרויס, פון יענער רגע אָן, וואָס ער האָט חנהלען דערזען. נאָר אַזוינס קאָן ער פייוולען איצט נישט זאָגן, דעריבער האָט ער בעסער צוגעשוויגן.

— גייט מען אַרויס מיט דער דעה אָפּצונאַרן דעם אַנדערן, נאַרט מען נאָר זיך אַליין אָפּ! — באַמערקט פייוול מיט אַ שטאָלצן טאָן. — נאָכאַמאָל הייס איך דיר קליגער זיין. פאַר אַ בחור, וואָס קאָן וויל לערנען, פּאַסט נישט אַזעלכע גענג!..

אַלטערן האָבן די לעצטע ווערטער, ווי מיט שפּיזן זיין פאַר־וווּנדעט האַרץ געשטאָכן. ער האָט אַזאַ באַליידיקונג נישט פאַרדינט, און פון פייוולען איצט אוודאי נישט דערוואַרט.

ער האָט פּלוצלונג אויפגעהייבן דעם קאָפּ, וועלכן ער האָט ביז איצט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, שעמענדיק זיך פייוולען אין פּנים צו קוקן.

ער האָט געעפנט זיינע שיינע בלויע אויגן און האָט אויף פייוולען אַזאַ קוק געטאָן, וואָס איז, ווי אַ פייל אים אין האַרצן אַריין, און נישט ווילנדיק האָט פייוול אַ ציטער געטאָן.

זיין גאַנצע רייד האָט פייוול איצט געמאַכט מיט אַלטערן צו־ליב דעם, ער זאָל זיך אַ ביסל פאַרענטפערן פאַר אים, וואָס דער שידוך קאָן קיין שידוך נישט זיין. אַ ביסל פּייניקט פייוולען זיין אייגן געוויסן, און נאָך מער פּייניקט אים זיין דבורה מיט אירע רייד: „גאָט וועט דעם יתומס צער נישט שווייגן!" אָט האָט זיך אים געוואָלט צעשיידן מיט אַלטערן, ווי גוטע פריינט, ער זאָל אויף אים קיין שטראָף נישט אויסבעטן; נעמט ער, פייוול, אַליין און מאַכט קאַליע מיט דעם מוסר, וואָס ער האָט אים איצט אַ זאָג גע־טאָן, וואָס ער האָט שוין אין אָנהייב רייד כּמעט אינגאַנצן געהאַט

פֿאַרריכט. דעריבער האָט ער באַלד געוואָלט צוריק זיך איבערבעטן מיט אַלטערן.

— ביזטו אויף מיר איצט אין כּעס? — פֿרעגט ער אים.

— אַוודאי! — ענטפֿערט אַלטער שטאָלץ און דרייסט.

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַר דעם, וואָס איר זענט מיך חושד, אַז איך בין אייך נע־גאַנגען אָפּנאַרן! אָפּנאַרן הייסט, אַז איר וואָלט ביי מיר געפֿרעגט, און איך וואָלט אייך געענטפֿערט אַ ליגן; איר אָבער האָט נישט געפֿרעגט, און אַליין האָב איך אייך דאָס נאָך נישט געקענט זאָגן.

— נו, האָב קיין פֿאַריבל נישט, מיין ליבער אַלטער, אויף נאמנות שווער איך דיר, אַז איך אַליין האָב עס אַוודאי נישט געוווּסט ביז איך בין אין וועג, אַהיימפֿאָרנדיק, געוואָר געוואָרן מכּוח דעם. אַ כּלל, באַשערט אַ טעות, באַשערט צער אונדז אַלעמען... דו האָסט צער, מיינסט, אַז דו זאָגסט מיר נישט, פֿאַרשטיי איך עס אַליין נישט? דיין פּנים זאָגט עס מיר אויף געננוג. איך האָב צער, מיין ווייב האָט אַוודאי צער... זי וואָלט געוויס פֿאַר דיר אַ זאַק ציבעלע נישט נעמען. און וואָס זאָל איך לייקענען? מיין חנהלען קאָסט שוין אויך אַ שטיק געזונט די גאַנצע געשיכטע מיט דער פֿאַרדרייעניש. נו, דאַרפֿסטו איר זיין אַ שונא? דאַרפֿסטו בעטן: גאָט זאָל זי, חלילה, שטראָפֿן פֿאַר דיין צער, מיין גוט קינד?

אַלטערן גייט דאָס האַרץ אָפּ פֿון כּעס

אַ געררוס פֿון חנהלען, אַז איר קאָסט שוין דאָס אַלץ אַ שטיק געזונט, האָט אים צוריק אַזוי ווייך און גוטהאַרציק געשטימט, אַז ער איז גרייט געווען פּייוולען אויפֿן האַלדז צו פֿאַלן און בעטן אים מיט הייסע קושן, ער זאָל זען חנהלען זאָגן, אַז ער, אַלטער, בעט נישט נאָר קיין שום שטראָף אָדער שלעכטס ביי גאָט פֿאַר איר, נאָר, אדרבה, ער בעט ביי אים פֿאַר איר כּל טוב שבעולם, ווארים זי איז אים טייערער, ווי זיין לעבן, ווי אַלץ, וואָס ער ווינטשט זיך אין זיין לעבן... אָבער אַרויסזאָגן דאָס אַזוי ווי זיין האַרץ פֿילט, קאָן ער נישט, דערפֿאַר האָט ער נאָר פּייוולען ליבלעך אָנגעקוקט, און האָט געזאָגט:

— איך בין איר קיין שונא נישט, איר דאַרפֿט עס איר גאָר־נישט זאָגן, זי ווייסט עס אַליין... אייער ווייב אויך נישט, אויך נישט!

צו די לעצטע ווערטער האָט שוין זיין קול געציטערט, די

טרערן האָבן אים שוין זיין האַלדז פאַרוואָרגן, און ער האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון נישט צו וויינען.

פייוול אָבער האָט באַמערקט, ווי אַלטערס שיינע אויגן ווערן אים פויכט, און ער האָט געפרעגט:

— און מיר, אַלטער, ביזטו אויך קיין שונא נישט?

אַלטער האָט שוין געוואָלט ענטפערן: אייך אויך נישט! נאָר אין דער רגע האָט פייוול פאַנאַנדערגעשפּיליעט זיין ראָק, אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשענע אַ געפּאַקטן טייסטער מיט געלט.

אַלטער האָט דאָס גאָלדענע קייטל דערזען, וואָס ציט זיך פון פייוולס האַלדז איבער זיין ברוסט. ערשט איצט האָט ער באַמערקט דעם טייערן גאָלדענעם רינג אויף פייוולס פינגער, דעם געפּאַקטן טייסטער געלט ביי אים אין האַנט, און עפּעס אַ כעס און אַ ווילדע שנאה האָט זיך נישט ווילנדיק אין אים דערוועקט צו דעמדאָזיקן יידן, וואָס שטייט דאָ פאַר אים.

גאָרנישט דער פייוול, גאָרנישט חנהלעס פאָטער, נאָר אַ פרעמדער ייד שטייט דאָ, וואָס צאַפּט אים זיין בלוט. און צערייסט זיין האַרץ אין שטיקער... און דעם יידן וואָלט ער כאָטש וועלן אַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין און זאָגן אים: איך האָב אייך פיינט, ווי אַ שפּין!

— טאָמער דאַרפסטו עטלעכע רובל, אַלטער, זאָג, שעם זיך נישט, נעם! זיי אַ מענטש און וויים, אַז „לעולם תקח" שטייט, מאַכט רש"י: און בעט ווייטער!...—האָט פייוול מעשה גוטער ברודער אַ זאָג געטאָן, פאַנאַנדערעפענענדיק דעם טייסטער און אַרויסנעמענדיק אַ פּאַק בילעטן, נישט אָן אַ שטיקל גאווה פון אָן אויפגעקומענעם נגיד.

אַלטערן האָט עס אַ ברען געטאָן, ווי מיט פייער.

— איך דאַרף נישט, איך וויל נישט אייער געלט! — האָט ער מיט אַ דרייסטקייט און גאווה אַרויסגערעדט. — האַלט אייך אייער געלט פאַר זיך. אַ גוטן טאָג!

מיט די ווערטער האָט ער זיך געשווינט אַ קער געטאָן אין אַ זייט און איז זיך זיין וועג געגאַנגען שטאָלץ, אינדערהויך דעם קאָפּ אויפגעהייבן.

פייוול איז איבערראַשט שטיין געבליבן מיטן אָפענעם טייסטער אין האַנט.

אזא סוף פון זיין געשפרעך מיט אַלטערן האָט ער נישט דער־וואַרט, נישט געוואָלט. ער האָט זיך געפילט אין דער רגע, ווי אַן אָפגעשמיסענער.

אַריינרוקנדיק צוריק דעם טייסטער אין בוזעם־קעשענע און אַ טאַפּ טוענדיק, צי ער ליגט דאָרט זיכער, איז ער ווי צו זיך געקו־מען, און האָט מיט עפּעס פאַר זיך איבערגערעדט:

— דו ווייסט נאָך נישט, ברודער, וואָס געלט באַטייט. דו ביזט אַ מלמד... אַ מלמד, ברודער, איז נישט מער ווי אַ מלמד, אָבער געלט? געלט איז אַלץ!...

19

אַלטער האָט קיין חרטה נישט געהאַט, וואָס ער האָט פּייוולס געלט נישט גענומען. אדרבה, עפּעס האָט ער זיך נאָכדעם אַזוי גוט געפילט, גלייך ווי ער וואָלט אַ שטיין אַראָפּגעקוילערט פון זיין האַרצן און עס אָטעמט זיך אים איצט גאָר פרייער.

און עס גייט זיך אים איצט גאָר אַנדערש, אַ פוס איז אַ פוס געוואָרן, און ער פילט זיין כוח אין יעדן טריט.

רייזל האָט באַלד, ווי ער איז אין שטוב אַריין, דערקענט, אַז אַלטערן האָט עפּעס א פריילעכע זאַך געטראָפן.

די באַקן זיינע האָבן זיך, פון זיין אויפגערעגט געמיט, נאָכאַנאַנד געריטלט, און די שיינע אויגן האָבן געבליצט און געשיינט.

— עפּעס שיינסטו מיר, אָן עין הרע, היינט, ווי די ליכטיקע זון אין הימל, אַלטער! — רעדט רייזל אַרויס און אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרגעניגן — וואָס איז געשען? דערצייל מיר, מיין זון!

אַלטער טוט אַ קוק אויף רייזלען. עס דאַכט זיך אים, אַז אַ געטרייע מאַמע איז זי אים. ער האָט זי ליב, און ווען ער זאָל זיך

נאָר נישט שעמען, וואָלט ער איר אין דער רגע אויפן האַלדז גע־פאַלן און אָנקושן די פּאַר איר געטריישאַפט. ער שעמט זיך אָבער, און זאָגט איר נאָר:

— איר זענט אַ גוטע, רייזל, בעסער פאַר אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט!

— דו קענסט דען שוין אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט!— שמייכלט רייזל. — די וועלט, מיין זון, איז אַ גרויסע וועלט, און אין איר זענען דאָ אַ סך בעסערע פאַר מיר.

— אָבער מ י ר, רייזל, זענט איר בעסער פאַר אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט, און איך ווייס בנאמנות נישט, ווי וואָלט איך איצט קאָנען לעבן, ווען איך וואָלט, חלילה, אייך אויך נישט געהאַט?

— מיין שמואל זאָל דאָס הערן, וואָלט ער דיר חושד זיין מי יודע וואָס, — זאָגט רייזל אַ גליכווערטל.

אַלטער פאַרשטייט נישט דאָס גלייכווערטל. ער ווייסט נישט, וואָס קאָן אים שמואל חושד זיין, און זי פרעגט נאָכאַמאָל:

— אָבער זאָג מיר, וואָס איז געשען, וואָס דו ביזט עפּעס היינט אַזוי אויפגערוימט?

— איך האָב מיך נאָר וואָס מיט פייוולען באַגעגנט,— ענטפערט ער, דערמאנענדיק זיך זיין כעס אויף אים.

רייזל האָט אָבער קיין צייט נישט, זי וויל שוין טרעפן די סיבה, וואָס אַלטערס געזיכט שיינט, און וואָס זיינע אויגן בליצן אַזוי שיין. זי לאָזט אים נישט דעררעדן, וואָס עס איז צווישן זיי געשען, און זאָגט:

— ער האָט דיר אוודאי געזאָגט, אַז נאָך אַלע זיינע גליקן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז קיין בעסערן חתן פאַר זיין הנהלען וועט ער נישט קריגן מיט זיינע טויזנטער, דעריבער וויל ער, מסתמא, מען זאָל פונדאָסניי דעם שידוך אָנהייבן צו רעדן.

איבער אַלטערס ליכטיק פנים ציט זיך אַריבער אַ טונקעלע כמאַרע, נאָר די אויגן זיינע שטראַלן נאָך אַרויס, ווי די בליצן דורך די פינסטערע וואָלקנס.

— ער האָט מיר געזאָגט, — דערציילט אַלטער, רייזלען פון איר שעות אַרויסצופירן, — אַז איך האָב אים געוואָלט אָפּנאַרן.

— מיט וואָס אָפּנאַרן? — פרעגט רייזל, נאָר האָפנדיק, אַז צום סוף וועט ער איר דערציילן, אַז פייוול וויל צוריק גוט־פריינט ווערן.

— וואָס איך האָב אים תּיכּף נישט געזאָגט, אַז איך בין נאָך נישט זיכער, איך זאָל קיין סאָלדאַט נישט זיין.

— אַ פֿאַרלאַנג דאָס איז אַ ביסל פֿון אַזאַ יידן! — כאַפּט זיך אַרויס רייזל. — אַז ער וואָלט עס מיר געזאָגט, וואָלט איך אים באַלד אָפּגעענטפֿערט: וויַיזט מיר, ר׳ פּייווע, יענעם נאַרישן חתן, וואָס קומט אַריין צום ערשטן מאָל צו אַ מחותּן אין שטוב, און ער זאָל זאָגן: הערט איר, מחותּן, איך האָב אַ געשמדטן טאַטן, אַ געהאָנגענעם ברודער, אַ לונגן-פּעלער, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, אָדער אַזוי חסרונות גרויסע, וואָס איר דאַרפֿט עס נישט וויסן! נאַרישער ייד, וואָלט איך אים זאָגן, און איר אַליין האָט מיר שוין אַלץ אויסגעזאָגט? פֿונוואַנען ווייס איך, אַז אייער טאָכטער האָט נישט נאָך אַ גרעסערן חסרון, וואָס איר מאַכט אַ שוויַיג? ווען איטלעכע חתן-כּלה זאָלן, ביים ערשטן באַ-געגעניש, זיך באַלד אַרויסזאָגן זייערע חסרונות, וואָלט קיין שידוך קיינ-מאָל נישט געשלאָסן געוואָרן, און די וועלט וואָלט שוין לאַנג קיין קיום נישט געהאַט!

— נו, און וואָס איז וויַיטער געווען? — ווענדט זיך רייזל ווידער צו אַלטערן.

— וויַיטער האָט ער מיך געבעטן, — דערציילט אַלטער, און זיין קול איז שוין געדריקטער און טרויעריקער, — איך זאָל זיין קינד, זיין וויַיב און אים אַליין אויך נישט זיין אַ שונא... איך האָב גאָר-נישט געקלערט קיינמאָל זיי צו זיין אַ שונא. איך האָב שוין אַפֿילו גע-וואָלט אים זאָגן: אדרבה, אַ גוטער פֿריינט וועל איך אייך זיין, — נעמט ער אינמיטן אַרויס אַן אָנגעשטאָפּטן טייסטער מיט געלט, און וויל מיר געבן עטלעכע רובל. און הערט איר, רייזל, ווי איך האָב דערהערט, אַז ער הייסט מיר נעמען געלט, האָט ביי מיר אין האַרצן עפּעס אַ קאָך געטאָן. איך ווייס אַליין נישט פֿונוואַנען האָט זיך אין מיר פֿלוצלונג אַזאַ שנאה צו אים גענומען? עס האָט זיך מיר געוואָלט אַ שפּיי טאָן אים גלייך אין פּנים אַריין, נאָר איך האָב מיין כּעס איינ-געהאַלטן און האָב אים נאָר געענטפֿערט: האַלט אייך אייער געלט פֿאַר זיך, איך דאַרף נישט אייער געלט, איך וויל נישט אייער געלט!.. און בין מיר אַוועקגעגאַנגען, אָט דאָס איז גאָר.

— אַ שאָד, אַלטער, וואָס איך בין נישט קיין מאַנסביל, — האָט רייזל מיט צעפּרידנקייט באַמערקט, — קושן וואָלט איך דיך דערפֿאַר, וואָס דו האָסט זיין געלט נישט גענומען! איצט האָסטו אים זיינע

גראָבע פליגלען אונטערגעהאַקט, און ער ווייסט שוין, אַז דיין כבוד און דיין צער פאַרקויפסטו נישט פאַר קיין געלט... אויף נאמנות, דו ביזט, ביי דיין אָרעמקייט, רייכער פאַר אים. תּורה און יחוס איז מיט קיין געלט נישט אָפּצושאַצן. דאָס האָסטו, דאָס איז דיינע, און קיינער קען עס ביי דיר נישט אָפּנעמען. געלט אָבער איז קיי־לעכיק, עס קויקלט זיך נאָך גיכער אַוועק, ווי עס האָט זיך צוגע־קויקלט... הערסט, אַלטער, אַז די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „אַ שמאַלץ־גרוב, רינט אויס דאָס שמאַלץ, בלייבט מען ביי דער גרוב", איז אַן אמת, וואָס מען זעט אַזוינס אַלע טאָג. ווי גאָט, ברוך הוא, פירט, אַזוי איז גוט. עס הייבט מיך איצט נישט אָן גאָר צו פאַרדריסן, וואָס דער שידוך מיט פייוולען איז בטל געוואָרן. דאָס שמאַלץ וואָלט אפשר גיך אויסגערונען, און דו וואָלסט געבליבן ביי אַ שווער, אַ גראָבן פליגל, וואָס קען נאָר אַ גוטן טרונק בראָנפן טאָן, און מער נישט. נישט מצער זיין זיך דאַרפסטו, אַלטער, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, אָבער אַ שבח דאַרפסטו אָפּגעבן דעם, וואָס לעבט אייביק פאַר זיין חסד... אַלץ טוט זיך מיט זיין ווילן, אַלטער, מיט זיין געגאָד, מיין זון! און אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבן, ווי גרויס די כּלה דיינע וועט זיין, וואָס ער וועט דיר נאָך צושיקן.

אַלטערס געזיכט פאַרוויקלט זיך שוין אינגאַנצן אין דער כמאַרע, וואָס האָט זיך נאָך פריער אָנגעהייבן קלייבן אויף אים.

אין זיינע אויגן לעשן זיך אויס די לעצטע פונקען, וואָס האָבן פריער אַזוי שיין געבליצט.

רייזל באַמערקט עס און וויל אים צוריק אויפמונטערן, צוריק זען אים אַזוי לעבעדיק און שיינענדיק, ווי פריער.

אין האַרצן אָבער ביי איר קאָכט אַ ווילדע שנאה אויף דעם גראָבן נפש, פייוולען, וואָס ער האָט אַזאַ ברילּיאַנט פון זיך פאַר־שטויסן, און דערמיט אַלטערס יונג האַרץ אַזוי פאַרשעמט. דעריבער, אנשטאָט אַלטערן צו טרייסטן, הייבט זי אָן פייוולען צו שעלטן:

— גאָט וועט אים נישט שווייגן, דעם גראָבן נפש, פאַר דיין צער, אַלטער! מיינע אויגן וועלן עס נאָך זוכה זיין צו זען, ווי ער וועט זיך די האָר פון קאָפּ רייסן, וואָס ער האָט דיך אַזוי מבייש געווען.

— איך בין אים מוחל, — רעדט אַרויס אַלטער, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז רייזל שעלט עס חנהלעס פאָטער. — צוליב איר, צוליב

זיין חנהלען, בין איך אים מוחל... איך וויל נישט, גאָט זאָל אים צוליב מיר שטראָפן.

— און ווער, מײַנסטו, איז זי? — פרעגט רייזל, וואָס וויל, אַז אַלטער זאָל חנהלען אויך פאַרגעסן. — וואָס איז זי אינגאַנצן, דידאָזיקע חנהלע? אַ מיידל, ווי אַלע מיידלעך! אַ האָרעלע שענער, אַ האָרעלע מיאוסער, אויף נאמנות, דאָס איז נאָר אויף אַ רגע. הינטער דער הויט פון שיינעם עפּעלע באַהאַלט זיך אַ וואָרעם, און הינטער דעם שיינעם פּנימל פון אַ שיין מיידעלע באַהאַלט זיך אַמאָל אַ גיפטיקע שלאַנג... דו קענסט גאָרנישט וויסן, וואָס פאַר אַ נחת, אָדער צרות וואָלסט פון איר געהאַט.

— רעדט נישט, רייזל, רעדט נישט אויף איר, — בעט זיך אַלטער, וואָס ליידט פון יעדן וואָרט, וואָס רייזל רעדט איצט וועגן חנהלען.

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זי פאַרגעסן, נישט טראַכטן און נישט דערמאָנען זי מער אין דיין לעבן, וועל איך אויף איר נישט רעדן! — ענטפערט רייזל, וועלכע ווייסט נישט, אַז מען קען נישט פאַרגעסן, וואָס עס פאַרגעסט זיך נישט.

— רייזל, קען מען אַ שוועסטער פאַרגעסן? רעדט אַלטער ארויס מיט אַ קול, וואָס גייט פון אַ פאַרוווּנדעטן האַרץ ארויס.

— אָבער חנהלע איז דיר קיין שוועסטער נישט, — ענטפערט רייזל, — נישט שיין גאָר, אַז דו דערמאָנסט דעם נאָמען אירן!

— אָבער, ווען זי זאָל מיר זיין אַ שוועסטער, וואָלט איך מעגן דערמאָנען דעם נאָמען אירן?

— ווען זי זאָל דיר זיין אַ שוועסטער, — ענטפערט רייזל, — וואָלסטו געמעגט אַפילו אינמיטן גאַס זיך צעקושן מיט איר און קיינער וואָלט אויף דיר קיין בייזע מחשבה נישט געהאַט. איצט אָבער איז זי דיר אַ ווילד פרעמד מיידל... און ווייסטו, אַלטער, פאַר וועמען עס פאַסט, צו טראַכטן און צו רעדן פון אַ ווילד פרעמד מיידל? פאַר אַ שאַלטאַק, פאַר אַ הולטיי, וואָס די וועלט איז אים הפקר, אָבער נישט פאַר דיר... דו מוזט זי פאַרגעסן, און איר נאָמען פון דיין האַרץ אַרויסרייסן.

— און ווי איז, אַז איך קאָן זי אָבער פאָרט נישט פאַרגעסן? — פרעגט אַלטער, זיין גאַנץ האַרץ כאָטש איינמאָל פאַר רייזלען עפענענדיק.

— ביזטו אַ ייד, אַלטער?

— וואָס דען בין איך?

— ביזטו אַ ייִד, — דערקלערט רייזל איר פּראַגע, — מוזטו קענען. כאָטש דו קאָנסט נישט! וואָס טו איך, אַז איך קאָן נישט פּאַסטן? פּאַסט איך דען נישט מיט מסירת נפש תשעה-בעב און יום-כּיפּור?

— רייזל, הונדערט תּעניתים וועל איך פּאַסטן, און חנהלען קאָן איך נישט פאַרגעסן! — רעדט אַלטער אַרויס מיט אַ פייערלעכן טאָן, און דורך דעם וואָלקן, וואָס פאַרדעקט זיין געזיכט, הייבן זיך אָן שיטן פייערדיקע בליצן פון זיינע אויגן.

— ביזטו פון זינען אַראָפּ! צו מיינע שונאימס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס! — שרייט אויס רייזל, ווי אַ קול וואָלט זי געטראָפן.

אַלטער ענטפערט נישט.

— אַ כּישוף, צי אַ דבוק סיידן! — שרייט רייזל און ברעכט די הענט. — איך בעט דיך, אַלטער, קום צו זיך, צו דיין שׂכל, דערמאָן זיך אָן גאָט, דעם לעבעדיקן! טו מיר צוליב, דו האָסט דאָס ערשט אַליין געזאָגט, אַז איך בין דיר, ווי אַן אייגענע מוטער געטריי... מיר, אַלטער, טו צוליב פאַר מיין טרייקייט, פאַר מיין צער, וואָס איך טראָג פון דיר, און לאָז די שלאַנג פון דיין זינען אַרויס!..

— ווי ווילט זיך מיר, רייזל, אייך צוליב טאָן! — רעדט אַלטער דירנדיק אַרויס,—אָבער נישט איך בענק, נישט איך טראַכט פון דער געטרייער חנהלען, נאָר דאָס האַרץ מיינס בענקט און טראַכט, און איך קאָן נישט דאָס האַרץ ארויסרייסן פון מיר. קאָנט איר דאָס, נאָט רייסט עס אויס. איך וועל שטאַרבן, אָבער איך וועל נישט אַ קרעכץ טאָן פאַרן טויט...

אַלטער האָט מער אַ וואָרט נישט גערעדט. נישט געגעסענער-הייט איז ער פון שטוב אַרויסגעלאָפן.

רייזל איז, ווי אַ צעמישטע געבליבן.

— וואָס מען לעבט מער, ווערט מען אַלץ מער געוואָר, — האָט זי פאַר זיך איבערגערעדט. — אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך יאָ געהערט רעדנדיק פון אַ פאַרליבעניש, אַ צוטרינקעכץ אָדער אַזוי אַ כּישוף, נישט דאָ געדאַכט, וואָס קאָן אַ יונג מיידל דעם קאָפּ פאַרדרייען, עס זאָל ביי איר רעכט ווערן, אָן גאָט דעם לעבעדיקן, אָן אייגענע טאַטע-טאַטע צו פאַרגעסן, און אוועקשלעפּן זיך נאָך אַן אָפּיצירל מיטן פּאָלק. איך האָב אָבער תּמיד געמיינט, אַז נאָר אויף דער זינדיקער אשה

האָט די קליפּה, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן, אַזאַ מאַכט... ערשט נאַ דיר, אַט זעסטו, אַז אַפילו אַ בחור, אַ ווילדלערנער, אַזאַ טייערער נפש איז אויך אין איר מאַכט, נעבעך, אַריינגעפאַלן און ער קאָן זיך, נעבעך, אַליין נישט ראַטעווען פון איר...

— עס איז נישט גלאַט. עס איז נישט צו פאַרשטיין מיטן שכל! — האָט רייזל באַשלאָסן — און דערפאַר האָט זי זיך אָנגעהייבן צוצוקוקן, צי טראָגט נישט אַלטער, חלילה, אַ פּסולן אַרבע-כּנפות. אַז זי האָט אין אַרבע-כּנפות, בעת אַלטער איז געשלאָפן, פיר כּשרע ציצית געפונען, האָט זי אָנגעהייבן חושד צו זיין זיינע תּפילין, טאָמער זענען זיי נישט ווי עס דאַרף צו זיין. און איינמאָל, ווען אַלטער איז אינדערהיים נישט געווען, האָט זי אַראָפּגענומען זיין תּפילין-זעקל, דערלאַנגט שמואלן, און געזאָגט:

— טו נאָר אַ קוק, שמואל, איך בעט דיך, צי זענען, חלילה, אַלטערס תּפילין נישט פּסול געוואָרן!

— זיי זענען אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן אפשר? — פרעגט שמואל דערשראָקן.

— זאָל גאָט אויסהיטן! ווי פאַלסטו אויס אַזוינס צו פרעגן?

— אָט וואָס דען אַרט דיך אַזוי שטאַרק פאַר זיינע תּפילין?

— אַזוי, עס דאַכט זיך מיר עפּעס, אַז די תּפילין זענען נישט כּשר.

שמואל נעמט אַרויס די תּפילין פון זעקל, צעוואַרפט די רצועות, באַטראַכט דעם של-ראש און דעם של-יד, ווי אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן, און זאָגט:

— כּשרע תּפילין! זאָל זיך דיר גאָרנישט דאַכטן.

— פאַרוואָס דען איז אים דער קאָפּ אַזוי פאַרדרייט? — פרעגט רייזל.

— אפשר מכּוח דעם פריזיוו!... — וויל ר' שמואל דערקלערן די סיבה.

— ניין, דאָס זעסטו, דערמאָנט ער אַפילו נישט, — דערציילט אים רייזל. — און ווי קאָן ער גאָר וועגן דעם טראַכטן, אַז אים ליגט נאָר פייוולס מיידל אין זינען? נאָר פון איר טראַכט ער! וואָלסטו עס גאָר געגלויבט אויף אַלטערן? סיידן אַ כּישוף, צי אַ קליפּה... נישט וויסן זאָל איך דערפון!

— ביזטו אַ יידענע! — ענטפערט שמואל. — איך גלויב נישט אין

כּישוף בזמן הזה. אַמאָל אפשר יאָ. היינט, זעסטו, איז נישטאָ קיין כּישוף, און די מעשה מיט אַלטערן איז אויך על פּי דרך הטבע: אַ בחור, אַ בן שמונה עשר איז ער? אַ מיידל אַ יפת תואר, ווי דו אַליין זאָגסט, האָט מען אים געוויזן? און מען האָט אים נאָך צו דעם אַלעם געזאָגט: זי איז די כּלה דיינע, — טאָ וואָס זענען דאָ פאַר חידושים, אַז ער האָט צו איר חשק געקראָגן? ביי דעם ענין פון אַ יפת תואר זאָגט דער פסוק: וחשקת בה, און דו וועסט חשק קריגן צו איר. פאַרשטייסטו? כּל זמן מען האָט חשק, האָט מען אַ ביסעלע הרהורים רעים, און דאָס איז גאָר! אָבער צו זיינע תּפלין איז דאָס כּלל נישט נוגע.

— וואָס־זשע טוט מען פאַרט, ער זאָל יענע פאַרגעסן? — פרעגט רייזל.

— מען טוט דערצו אַ שידוך מיט אַן אַנדער בתולה!—ענטפערט שמואל, האַרט אויסדריקנדיק די ווערטער. — וועט ער חתונה האָבן מיט אַן אַנדער בתולה, וועט ער די פאַרגעסן, און וועט חשק האָבן צו דער אַנדערער... חן אשה על בעלה, זאָגט די גמרא... ווערט זי אַ אשה, אַ ווייב, מיינט מען, באַקומט זי חן אין דעם מאַנס אויגן, מעג זי אַמאָל אפילו נישט זיין אַזאַ יפת־תואר, ווי דעם מאַן האָט זיך געגלוסט בחורווייז... חתונה מאַכן אים, רייזל, מוז מען! די איינציקע רפואה צו הרהורים רעים איז נאָר חתונה האָבן, און אַ יושר גדול, זאָג איך דיר, און אַ מצווה אויך, וואָס גיכער אים חתונה צו מאַכן. זאָלסט עס אין זינען האָבן, און זיינע תּפלין זאָלסטו צורו לאָזן!

20

וויען פישל האָט זלאַטקען דעם שידוך מיט אַלטערן אָנגעמוטן, און זלאַטקע האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— דו ליגסט שוין, אפנים, גוט אין דער אדמה!.. עס געפעלט דיר שוין כאטש אלטער... גוט! אבער א ביסל דמים מוז איך דער מרשעת אויסצאפן פאר אירע אמאליקע קללות און חרמות, מיט וואס זי פלעגט מיר אמאל אפצאלן.

— איך מוז אייך זאגן, זלאטקע,—רעדט זיך פישל קאלט,ווארט ביי ווארט,—איך ציטער נאך איצט אויך פאר אייערע אמאליקע קללות. איך בין נאך נישט זיכער, כאטש אלטער געפעלט אייך היינט, ער זאל אייך אויך מארגן געפעלן.

— פארוואס עפעס זאל ער מיר מארגן נישט געפעלן, אז ער געפעלט מיר שוין היינט? — פרעגט זלאטקע.

— פארוואס, פרעגט איר? פארוואס פלעגט איר מיך אמאל שעלטן אויף מארגן, וואס פלעגט אייך היינט געפעלן?

— ווען איז דאס געווען? איך געדענק גארנישט, צי איך האב אייך אמאל געשאלטן.

— קיין חידוש נישט, זלאטקע, אז איר האט דאס שוין פארגעסן, שוין א מעשה פון פופצן-זעכצן יאר דערינען...

זלאטקע פילט גוט דעם שטאך, נאר זי מאכט זיך נישט וויסנדיק.

— ווילט איר, איך זאל אייך שווערן, אז איך וועל אייך נישט שעלטן? וועל איך אייך שווערן.

— ניין, שווערן טאר מען נישט, איידער מען ווייסט אקוראט אויף וואס מען שווערט! — רעדט זיך פישל גאנץ קאלטבלוטיק. — א מענטש, פארשטייט איר מיך, איז קיין מלאך נישט. היינט דאכט זיך אייך, אז אלטער איז פאר אייער טאכטער — ווי רופט מען זי? איך האב שוין איר נאמען פארגעסן, — קיין חידוש נישט: שיינע עטלעכע יאר ביי אייך אין שטוב נישט געווען... ווי הייסט זי?

— שפרינצע!

— יא, שפרינצע, היינט דאכט זיך אייך, אז אלטער איז אן אבן טוב פאר אייער שפרינצען, מארגן קאן אייך עמעץ עפעס אנרעדן אויף אים, און איר וועט אנפאלן אויף מיר מיט א גאנצער תוכחה קללות... פארגעסט נישט, זלאטקע, אז איך בין שוין אין דער צייט מיט פופצן-זעכצן יאר עלטער געווארן, און איך האב שוין נישט די פיס, וואס אמאל, אומצולויפן הונדערט מאל אהין און צוריק, און צום סוף מיך באגיגענען מיט אייערע קללות.

— טא וואס-זשע, ווילט איר, זאל איך אייך טאן?

— איך וויל אייך אויסרעכענען אַליין אַלע זיינע מעלות און אַלע זיינע חסרונות, איר זאָלט קיין פּתחון פּה דערנאָך נישט האָבן צו שעלטן מיך.

— ווי זאָגט מען? — רופט זיך אָפּ זלאַטקע, פאַרקוועטשנדיק איר ווייטיק פון פישלס שטאָכווערטלעך. — ווי זאָגט מען? „בעסער אַן אָפענע מכּה, איידער אַ פאַרמאַכטע קרענק"... זאָגט זיינע חסרונות, לאָמיך הערן!

— אלף: די ערשטע זאַך, מוזט איר וויסן, אַז אַלטער איז, לא עלינו, אַ קבצן, ווי טיטוס הרשע. ער האָט נישט ממש אַ פּיצל העמד אויף זיין לייב. אַפילו מיט דער הוצאה האָלט אים אויס דערווייל די אַלטע רייזל, ר' שמואל דעם משגיחס ווייב, וואָס וווינט אין זיינע פיר איינגעפאַלענע ווענטלעך, די גאַנצע ירושה פון דעם טאַטן זיינעם.

— גלייכע קבצנים, גלייכע מחותנים! — טראַכט זיך זלאַטקע.

— בית: דער אַנדערער חסרון איז, וואָס ער איז נאָך נישט זיכער פון סאָלדאַטן. איר מיינט דאָך אפשר, אַז ער איז אַ בן־יחיד, האָט ער אַן ערשטע לגאָטע? בין איך אייך מחויב צו זאָגן, אַז איר האָט אַ טעות. דער זאַקאָן זאָגט: האָט איינער נישט קיין טאַטן און נישט קיין מאַמען, מעג ער כאָטש זיין אַ בן־יחיד, האָט ער שוין אין איינוועגס קיין ערשטע לגאָטע אויך נישט.

— לאַנג איז נאָך צו זיין פּריזיוו? — פרעגט זלאַטקע אַ ביסל איבערראַשט.

— נאָך צוויי, צי דריי יאָר גאַנצע. זעט איר, זלאַטקע, אַז עס איז בעסער, אַז מען רעדט אַלץ אויס פריער? וואָס זאָגט איר איצט?

— וואָס זאָל איך זאָגן? עס איז אַ גוטער ווייטיק, אַז איך דאַרף עס הערן. נאָר צוריקגערעדט, וועל איך זאָגן, ווי יענער זאָגט: ברוך ה' יום יום. וואָס זאָל איך מיר שוין נעמען צום האַרצן, וואָס וועט זיין אין צוויי, צי אין דריי יאָר אַרום? און אַז איך וויל, קאָן איך זאָגן, איך בין גאָרנישט מחויב אַזוי ווייט צו פאַרזאָרגן. גענוג פון מיר, פינסטערער אלמנה, וואָס איך קאָן נאָך באַווייזן, מיין קינד צו געבן אַ למדן און פון אַ פיינער משפחה, ווי גאָט האָט געבאָטן. דער מאַן זאָל, חלילה, נישט קראַנק זיין, אָדער ער זאָל, חלילה, נישט דאַרפן גיין דינען. האָט מיין קינד אַ טאַטן, ר' לייבעלע דיין, אויף יענער וועלט, זאָל ער זיך מיען פאַר זיין קינד און פאַר זיין איידעם.

— עס נעמט זי גאָר קיין קויל נישט, — טראַכט זיך פישל, — ליגסט שוין, אפנים, מיט דיין טאָכטער נאָך טיפער, ווי ניין איילן אין דער אדמה!

— און טאָמער מיינט איר, — רעדט פישל ווייטער, — איך קאָן אייך שוין ערבות אַרויסגעבן, אַז ער וועט האָבן אַ קנעלונג?

— אָבער לערנען קאָן ער? — פרעגט זלאַטקע.

— אַ מופלג, זאָג איך אייך!

— וועט אים, מיט זיין הילף, קיין קנעלונג נישט פעלן! — רופט זיך אָפּ זלאַטקע פעסט און זיכער. — דאָס וועט שוין זיין מיין דאגה, אַ קנעלונג וועל איך אים מאַכן!

— זע נאָר, שוועסטערל, — טראַכט זיך פישל, — דו זאָלסט אים פריער נישט מאַכן אַ לונגען-פעלער. איך קאָן דיך, זלאַטקע, אַז דו טויגסט צו אַזעלכע זאַכן!

— נו, און מער קיין חסרונות האָט ער נישט?

— מער נישט, — ענטפערט פישל — און טראַכט:

— דאָס איז איר נאָך אַלץ ווייניק...

— רעדט דעם שידוך, ר' פישל! — רעדט אַרויס זלאַטקע מיט אַ פעסטן באַשלוס.

— וועט איר מיך נישט שעלטן?

— בענטשן וועל איך אייך, מיט זיינער היקף!

— נו, גוט, — ענטפערט פישל. — מאָרגן ברענג איך אייך דעם העכט, איר זאָלט אים אָנקוקן. עס שאַדט נישט, אַז אייער בתולה זאָל זיך אַ האָרעלע צופוצן, און איר, זלאַטקע, מעגט זיך צוגרייטן צו תנאים. מיר וועלן עס אָפּמאַכן אומר ועושה, גיך און גוט... פאַרשטייט איר, לייט ווייסן, ווי אַלט אייער שפרינצע איז, און ביידע צינגער פעקן, ברוך השם, נישט.

— זאָל זיי די צינגער אָפּדאַרן, שטום זאָלן זיי ווערן, רבונו של עולם! — שעלט שוין זלאַטקע באַצייטנס.

אַז פישל איז שוין ביי דער טיר געשטאַנען אַרויסצוגיין, און האָט שוין די שפּיצן פינגער אויף דער מזוזה אַרויפגעלייגט אַ קוש צו טאָן, — האָט זלאַטקע אַ פרעג געטאָן:

אָן מיט אַלטערן, ר' פישל, האָט איר שוין גערעדט?

— אַזוי גוט, ווי גערעדט!

— ער קען מיין שפּרינצקען?

— אפשר קען ער זי, און אפשר קען ער זי נישט. ער איז אַ קינד אין וויג געלעגן, בעת אייער שפּרינצע איז שוין לאַנג אַ מיידל אַ בוגרת געווען. אין זאַמד מיט איר האָט ער זיך אוודאי נישט געשפּילט...

— נאָך אַ שפּיז אין מיין הארצן... פאַררעכנט זאָל עס מיר זיין פאַר מיינע שווערע זינד, רבונו של עולם! — רעדט זלאַטקע איבער פאַר זיך.

— איר דאַרפט דערמיט נישט אַראָפּפאַלן, זלאַטקע, — טרייסט זי פישל, — עלטער איז כמעט אין דער אייגענער קלעם, וואָס איר. ער מוז חתונה האָבן און גיך, נישט אַרומגעקוקט זיך חתונה האָבן. אַז עס ליגט שוין דער חלף איבערן האַלדז, קלויבט מען נישט די ווערעמדיקע פון די גוטע. אפילו נישט די גוטע פון די ווערעמדיקע... איר ווייסט דאָך יאָ דעם טעם דערפון!.. אַ גוטן טאָג, זלאַטקע, זאָל זיך אייער יפה-פיה אַ האָרעלע צופוצן, פאַרגעסט עס נישט, זלאַטקע! — האָט פישל אַרויסגערעדט, אַ לעצטן שפּיז אַריינשטעכנדיק זלאַטקען פאַר איר אַמאָליקער גאווה. ער האָט אַ קוש געטאָן די שפּיצן פינגער, וואָס האָבן זיך צו דער מזוזה צוגערירט, און איז פון שטוב אַרויס.

— ווערעם זאָלן עסן זיין לייב לעבעדיקערהייט! זיין בלוט זאָל זיך אַזוי צאַפּן, ווי ער האָט מיר מיין בלוט ערשט געצאַפּט! — האָט אים זלאַטקע באַגלייט, די טיר הינטער אים צומאַכנדיק.

זלאַטקע האָט זיך שוין כמעט מייאש געווען צו זען איר שפּרינצען אַמאָל מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ.

איר יחוס צוליב איר מאַן און צוליב אירע אייגענע עלטערן, האָט איר נישט געלאָזט אַ שידוך טאָן מיט איר שפּרינצען מיט אַ בראָבן מענטשן. זי האָט אַזוי לאַנג געקליבן, ביז שפּרינצע איז אַלט געוואָרן, מיאוס און איינגעהושכט, און שדכנים האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט אין איר שטיבל אַריינצוקומען.

שפּרינצע האָט אפילו צו דער מאַמען קיין טענות נישט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט זלאַטקע טענות געהאַט צו איר.

עס פלעגט אָפּט טרעפן, ווען שפּרינצע זיצט און נייט, אָדער שטריקט אַ זאָק, אויף וואָס זי איז אַ גרויסע מייסטערין געווען, פלעגט זיך זלאַטקע אוועקזעצן אַנטקעגן, נישט רעדן, נישט טענהן, נאָר קוקן אויף שפּרינצעס איינגעצויגענע באַקן, אויף די קנייטשן אויף

איר שטערן, אויף די בלויע רעדער אונטער די אויגן, צושאָקלען מיטן קאָפּ, און טרערן גרויסע פֿלעגן זיך קויקלען איבער זלאַטקעס באַקן און פֿאַלן אין איר בוזעם אַריין.

שפּרינצען פֿלעגן די טרערן בריען, ווי קאָכעדיקע טראָפּן וואַסער, וואָס שפּריצן איר גלייך אין פּנים אַריין. זי פֿלעגט זוכן אַן אויסרייד, ווי עס איז פֿון שטוב אַרויס, פֿון דער מאַמעס טרערן צו אַנטלויפֿן.

מיט אַ פּאָר שעה פֿריער, איידער פֿישל איז אין שטוב אַריין, איז שפּרינצע אויך פֿון אַזעלכע טרערן אַנטלאָפֿן, נאָר דאָסמאָל איז זלאַטקע עפּעס אַזוי אין כּעס געוואָרן, און האָט זי באַגלייט מיט אַ קללה:

— לויפֿן זאָלסטו שוין אויס דער הויט!.. נישט דערלעבן זאָלסטו שוין אַהיימצוקומען, וואָלט שוין אפשר פּאַר דיר אַליין אויך גלייכער זיין!..

שפּרינצע איז אַ שעה כּסדר געלאָפֿן, וווהין די אויגן האָבן זי געטראָגן, דערנאָך איז זי צו אַ געוועזענער חברטאָרין אַריינגעגאַנגען, דאָרט געבאַלאַקעט אַ פּאָר שעה, און אַז עס איז שפּעט געוואָרן, האָט זי זיך געלאָזט צוריק אַהיים, ריכטנדיק זיך פֿון דער מאַמען איר געוויינלעכן מוסר צו הערן.

— אַזאַ מויד האָט עס קיין חרפּה, קיין בושה נישט אין פֿרעמדע הייזער ביז האַלבער נאַכט צו זיצן. אַ מיידל דאַרף היטן איר כּבוד, ווי דאָס אויג אין קאָפּ! — פֿלעגט זלאַטקע ביי אַזאַ פֿאַל איר אַלץ דערמאָנען. — אַ מיידל איז אַ זיידענע מאַטעריע, וואָס קען פֿון אַ הויך באַפֿלעקט ווערן. דו פֿאַרגעסט גאָר, שפּרינצע, אַז דו ביזט נאָך אַ מיידל!

קיין קללה זלאַטקעס, — און זלאַטקע האָט געהאַט קללות אַלערליי, — איז שפּרינצען אַזוי נישט שווער געווען צו פֿאַרליידן, ווי דאָס דערמאָנען איר יעדע רגע, אַז זי איז נאָך אַ מיידל...

— צו וואָס דערמאָנט זי מיר נאָך מיין ביטער מזל? — פֿלעגט שפּרינצע זיך אַלץ פֿרעגן.

צוליב דעם אַליין, דאָס וואָרט „מיידל” נישט צו הערן מער, האָט שוין שפּרינצע געוואָלט חתונה האָבן מיט אבי וועמען, נאָר פֿון דער פּיין אויסגעלייזט צו ווערן.

אַז שפּרינצע איז צוריק אין שטוב אַריין, האָט זי זלאַטקע באַגעגנט

מיט פרייד און ליבשאַפט, גלייך ווי שפּרינצע וואָלט איר מיט איר אוועקגיין אַ גרויס געשעפט אויסגעפירט.

— הערסטו, מיין טאָכטער, — האָט זלאַטקע געזאָגט, — אַ מענטש שטעלט נישט אַ טריט אָן גאָטס ווילן, און עס איז גאָר אַ נאַרישקייט, אַז מען פרעגט אַמאָל: פאַרוואָס ביזטו אַוועקגעגאַנגען.

שפּרינצע, וואָס איז צו אַזאַ צערטלעכקייט פון דער מאַמען נישט צוגעוויינט, קלערט שוין:

— אָט, אָט, וועל איך שוין האָבן פון איר מיין גאָב!—און וויל שוין גיין אין קיך אַריין עפּעס כאַפּן דאָרטן אין מויל, פּוח צו האָבן דער מאַמעס קללות איבערצולייַדן.

— איך האָב דיר, מיין טאָכטער, אַ בשורה טובה אָנצוזאָגן, — רעדט זלאַטקע נאָך ווייכער און נאָך צערטלעכער, — גאָט דער לעבעדיקער האָט אויך אונדזער צער צוגעזען, און אונדז זיין טרייסט אין שטוב אַריינגעשיקט, דווקא אין דער רגע, וואָס מיר האָבן אויף אַזאַ טרייסט נישט געוואַרט.

שפּרינצע שטויסט זיך באַלד, אַז די מאַמע רעדט פון עפּעס אַ שידוך, נאָר זי ווערט דערפון נישט נתפּעל. — וויפל אַזעלכע טרייסטן האָט ער מיר שוין צוגעשיקט זינט איך געדענק, — טראַכט זי זיך — און וואָס האָב איך פון זיי מער ווי צרות אין האַרצן און קנייטשן אויף מיין פּנים?

— פישל שדכן איז דאָ נאָר וואָס געווען, — דערציילט זלאַטקע,— ער רעדט דיר אַ חתן, מיין טאָכטער, נאָר שונאים אויף צוזעצניש.

שפּרינצעס איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך געטאָן אַ רויטל אַ רגע און זענען באַלד צוריק געבליבן בלאַס און געל, ווי געווען.

— און ווייסטו, ווער דער חתן איז? אַלטער, ר' עוזר דעם מלמדס!

שפּרינצען גיט עפּעס, ווי אַ שטאָך אין האַרצן.

זי האָט אַלטערן געקענט, ווען ער איז נאָך אַ פּיצל קינד געווען.

זי דערמאַנט זיך, ווי איינמאָל האָט זי אים געפונען אַליין אין גאַס. ער האָט געוויינט, וואָס ער קען די בלאָטע נישט אַריבערגיין, האָט זי אים אויף די הענט גענומען און אַוועקגעטראָגן אַהיים צו זיין טאַטן ר' עוזרן.

שפּעטער פלעגט זי אים זען, ווי ער לויפט, אַ באָרוועסער און

האַלב גאַקעטער, מיט אַ טעפּל נאָך מעל אָדער גרויפּן, חוזהין די שטיפמאַמע זיינע פלעגט אים שיקן אין קרעמל.

מען האָט איר שוין דעמאָלט לאַנג שידוכים גערעדט, און איינמאָל איז זי שוין כמעט אַ כלה געוואָרן. דערנאָך, געדענקט זי, איז אַלטער פון יאָר צו יאָר אַלץ צוגעוואַקסן, גרעסער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן אַ שיינער בחור מיט אַ פּאָר שיינע אויגן.

מיידלעך האָבן אָנגעהייבן זיך אומצוקוקן, אַז זיי האָבן זיך מיט אים באַגעגנט, און רעדן פון אים אין מיידלשע כּנופיות, לאַכן פון זיין נאַרישקייט, וואָס ער קומט קיינמאָל נישט אויף זיי און מקנא זיין אין הארצן יענץ מיידל, וואָס וועט אַלטערן אַמאָל פאַר אַ חתן באַקומען...

שפּרינצע פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין. אין הארצן איז זי מודה, אַז איר פּאַסט גיכער אים צו זיין אַ מאַמע, איידער אַ כלה.

פונדעסטוועגן רירט זיך עפּעס ביי איר אין הארצן, און די בלאַסע באַקן אירע ווערן אַלץ רויטער און רויטער.

— דו קענסט אַלטערן? — פרעגט זלאַטקע.

— ווער קען עס נישט אַלטערן? — ענטפערט שפּרינצע כּלומרשט, ווי גלייכגילטיק, גאָר זלאַטקע לייענט אויף אירע באַקן, אַז אַלטער געפעלט איר. און זלאַטקע האָט זיך איבערגליקלעך געפילט.

— ער וועט דאָ מאָרגן אין אָוונט זיין מיט פישלען, — האָט זי שפּרינצען אָנגעזאָגט. — וועסט אָנטאָן דיין וואָלן קלייד מיטן זיידענעם סטאַניק. די האָר זאָלסטו זיך פאַרקעמען אַ ביסל נידעריקער, דער גאַנצער שטערן זאָל זיך נישט אַרויסזען. הערסט, וואָס איך זאָג דיר אָן!

— לאָז מיך געמאַך, — ענטפערט שפּרינצע פאַרדריסלעך, וואָס די מאַמע לערנט זי, ווי זיך צוצופּוצן.

אויף מאָרגן האָט די מוטער מיט דער טאָכטער שטאַרק צוגעהאָרעוועט, דאָס שטיבל צוצוקלויבן. אויסגעוואַשן, אויסגעשייערט, אַלץ קלאָר און ריין, די פיר ווינקעלעך נישט צו דערקענען. דערנאָך האָט שפּרינצע אָנגעהייבן זיך אַליין צוצוקלויבן. געקוקט און געגלעט אין קליינעם שפּיגעלע די קנייטשן אַרום די אויגן, געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט איר איבעריק פּעקל יאָרן ערגעץ צו באַהאַלטן, אָפּפרישן איר פאַרעלטערט פּנים, כאָטש איבערניצעווען עס פון דער אַנדערער זייט, ווען עס וואָלט זיך נאָר געלאָזן.

עס איז נאַכט געוואָרן.

מיט האַרץ-ציטערניש האָט זלאַטקע מיט איר עלנטער טאָכטער צעעוואַרט, זיי זאָלן שוין אַריינקומען. אומזיסט האָט זאַס סאַמאָוואַר אין קיך געקאָכט און געזאָדן, וואַרטנדיק.

עס איז שוין האַלבע נאַכט, און נישט אַלטער, נישט פישל אַפילו—נישט מען הערט זיי, נישט מען זעט זיי.

איבערמאָרגן ווידער אַזוי. מילא, אַלטער, צו אים קען מען קיין טענות נישט האָבן, אָבער פישל? פאַרוואָס איז ער ווי אין דער ערד אַריין? איינגעזונקען געוואָרן פישל, כאָטש דיר קריכן די אויגן אַרויס וואַרטנדיק פון אים אַ וואָרט: יאָ—יאָ, ניין—ניין! — זלאַטקע איז שוין צו „ניין" אויך געוויינט געוועזן.

ערשט ראש-השנה, צוריקגייענדיק פון תשליך, האָט זלאַטקע פישלען אָנגעכאַפּט.

— הערט איר דאָך, וואָס די מעשה איז, — הייבט אָן פישל זיך צו פאַרענטפערן, — איך האָב שוין קיין פּיס נישט זיך נאָכצוּ-יאָגן, נאָך אים. ער אַנטלויפט פון מיר, אַלטער, ווי פון פייער, ער האָט יינגערע פיס, און איידער איך גיב זיך אַ קער, איז ער שוין איבער אַלע בערג...

— פאַרוואָס עפּעס לויפט ער פון אייך? איר ווילט אים דען, חלילה, שלעכטס טאָן? — פרעגט זלאַטקע, ווי גאָר גלייכגילטיק.

— ניין, חלילה. סיידן גלאַט חתונה מאַכן אַ יידן, איינשפּאַנען אין יאָך פון אַ ווייב און קינדער איז בכלל אַ שלעכטע זאַך. ווייטער, וואָס קאָן איך האָבן צו אים, איך זאָל וועלן אים עפּעס שלעכטס טאָן?

— וואָס-זשע דען לויפט ער?

— איך מוז אייך מודה זיין, זלאַטע, — דערקלערט פישל, — איך האָב אייך אויסגערעכנט אַלע זיינע חסרונות, און דעם עיקר חסרון האָב איך אייך נאָך נישט געזאָגט. הערט-זשע מיט קאָפּ. די מעשה דערפון איז אַזוי: דער אייגענער אַלטער האָט געזאָגט אַ חתן ווערן פאַר פייוול מעקלערס מיידל: אַ שיין מיידל, אַן אתרוגל. איך מיין שוין: אָט שרייבט מען תנאים און איך נעם אָפּ מיינע שדכנות. וואָס טוט אָבער גאָט? נעמט ער און שיקט צו פייוולען אַ פּריץ מיט אַ וואַלד, און אַ פּריץ, וואָס וויל אָפּקויפן דעם וואַלד. פייוול כאַפּט דערווייל די גרויסע מטבע מעקלעריי, ווערט רייך מיט טויזנטער, און

האָט חרטה אויפֿן שידוך. אַ תּירוץ זאָגט ער: אַלטער דאַרף נאָך זײַן דינען, לעבן זאָל ער אַזױ! מילא, קלער איך, שלאָג זיך פּייוול קאָפּ אָן קישן. פֿאַר אַלטערן האָב איך שוין אַן אַנדערע כּלה און טאַקע אייער טאָכטער. אַ נפקא מינה, קלער איך, צי די כּלה, צי אַן אַנדערע, אײַנגאַנצן וויל ער חתונה האָבן צוליב אַ קנעלונג. אדרבה, איז נאָך אייער בתולה אין אַ פּרט בעסער דערצו. וואָס טויג אים טאַקע אַ געזייפֿט פּנימל, קלער איך און מיין: איך דאַרף אים נאָר אַרײַנפֿירן צו אייך, ווײַזן אים אייער בתולה און זאָגן אים: „כּזו יאה וקדש"... לאָזט זיך אויס, איך האָב אַ טעות געהאַט. מילא, אַז פּייוולס מיידל, די יפֿת־תּואר האָט אַן אויג געוואָרפֿן אויף אַלטערן, בין איך געוואָר געוואָרן נאָך פֿריער פֿון אַ מעשה, אָבער אַז אַלטער האָט צוריק אַן אויג געוואָרפֿן אויפֿן מיידל, איז גאָר לא עלה על דעתּי, ווי מיר האָבן היינט אַ יום־הדין איבער דער גאַנצער וועלט! בקיצור, עס איז דאָך אַ נאַרישקייט. אַז ער וועט לויפֿן פֿון היינט ביז איבעראַיאָר, וועל איך אים דען נישט כאַפּן און ברענגען צו אייך? זייט אייך גאַנץ רויק, זלאַטע. זעט איר, וואָס איך האָב יאָ מורא: פּייוול אַליין זאָל דעם שידוך מיט אייך נישט קאַליע מאַכן. ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן, פֿאַרבייגייענדיק, אַז איך האָב אים געזאָגט אַז איך וויל אַלטערן רעדן מיט זלאַטקעס טאָכטער,—אַז דער שידוך געפֿעלט אים נישט. פֿרעג איך דאָך, פֿאַרוואָס? ענטפֿערט ער מיר: סטייטש? זלאַטקעס מיידל איז אין איין עלטער מיט זײַן דבֿורהן.

— זאָל ער אַזױפֿיל יאָרן קרענקען, אַז קיין רופֿא זאָל אים נישט קאָנען היילן, מיט וויפֿל יאָר מײַן שפּרינצע איז ייִנגער פֿאַר זײַן דבֿורהן! — רײַסט זיך אַרויס אַ קללה פֿון זלאַטקעס געפּייניקט האַרצן.

— און אפֿשר בין איך אים גאָר אומזיסט חושד? — רעדט פּישל ווייטער. — זעט איר, פֿאַרוואָס איך האָב דאָ מער מורא? איך האָב מורא, צי האָט נישט דאָס מיידעלע זײַנס הינטן אַרום אַלטערן אַ זאָג געטאָן:

— האָב צייט, אַלטער, טו דערווײַל קיין אַנדער שידוך נישט... דער טאַטע וועט בעסער ווערן און אונדזער שידוך וועט ווערן געשלאָסן! וואָרים אַז נישט, בלײַבט דאָך די קשיא: וואָס לויפֿט ער? וואָס וועט אים העלפֿן דאָס לויפֿן?

— אַרויסלויפן זאָל אַזאַ מיידעלע פון אייגענער הויט, רבונו של עולם, ווי קאָנסטו אַזאַ חציפות צוזען? — שעלט זלאַטקע.

— אָט וואָס מיין עצה איז: איר, זלאַטקע, זעט אייך מיט רייזלען... אַ יידענע מיט אַ יידענע קאָנען זיך גיכער צונויפרעדן... פועלט ביי איר, זי זאָל אייער צד זיין, און אַז זי וועט נאָר אייער צד זיין, קאָן איך אייך איז מבטיח זיין, אַז אַלטער איז שוין אַזוי גוט, ווי אייער שפּרינצעס חתן... מאָג ער לויפן פון מיר, פון רייזלען וועט ער נישט לויפן. אַז רייזל וועט זאָגן: „יאָ"—וועט זיין יאָ. געדענקט, וואָס איך זאָג אייך, און פאַרגעסט נישט וואָס פריער זיך מיט רייזלען צו זען. אַ גוטן יום-טוב!

— אַ גוט יאָר, גאָט זאָל אונדז אַלעמען צום אַלעם גוטן אָנ-חתמענען!

21

פישל האָט זלאַטקען קיין ליגן נישט געזאָגט.

ער האָט זיך שוין טאַקע עטלעכע מאָל געיאָגט נאָך אַלטערן, אָבער אַלטער האָט זיך יעדעס מאָל אים פון אונטער די הענט אויס-געדרייט.

גיין צו אים אַהיים האָט פישל נישט געוואָלט: ער האָט חושד געווען רייזלען, אַז נאָר זי פאַרדרייט אַלטערן דעם קאָפּ, ער זאָל אויף דעם שידוך נישט באַשטיין.

— דער קאָפּ איז איר נישט אויסגעטריקנט, דער אַלטער מכשפה! — האָט זיך פישל געטראַכט. — זי פאַרשטייט אַן אינטערעס און קלערט זיך געוויס:

וועט נאָר ביי אַלטערן זיין חתונה מיט זלאַטקעס טאָכטער, וועט זלאַטקע באַלד זי משלח זיין פון אַלטערס שטיבל, און וועט זיך אַליין אַריינקלויבן אין דעם חדר, וווּ זי וווינט מיט איר שמואלן.

— אַ גאַנג איז דאָס, — האָט פישל באַרעכנט. — אדם קרוב לעצמו. איטלע־כער האָט זיך אין זינען. דערווייל אָבער איז ריזל מיר מקפּח מיין פּרנסה!

און נישט אום אַלטערן און נישט אום זלאַטקעס אַלט מיידל צו פאַרשלייערן, איז דאָ פישלס כּוונה געווען.

פישל האָט גוט געוווּסט, אַז מיט דעם שדכנות־געלט, וואָס קאָן אים צופאַלן פון זיי ביידן, וועט ער אַפילו נישט קענען יום־טוב מאַכן.

וועגן אַלטערן איז אַוודאי נישטאָ וואָס צו שמועסן, אַ קבצן, רחמנא לצלן, ווי טיטוס! אַ קבצן האָט אַפילו אַ גוט האַרץ, וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ער האָט אַ קרענק אין קעשענע? דאָס איז זיך חתנס צד, און כּלהס צד איז אַלה תּולדות זלאַטקע! זי קאָן דווקא געבן און האָט צוגעזאָגט צו געבן, און איך בין אַוודאי נישט ווערט זי זאָל געבן, אַז איך ברענג איר אויס אַזאַ פאַרלעגן שטיקל סחורה? נאָר אַז עס וועט קומען צו געבן, וועט זי מיר הלוואי ארייַנ־רוקן וועלכע דריי קערבלעך אין יד, און זיך שוין ארויסדרייען אַ קאָפּיקע מער נישט צו געבן!.. דאָס אַלץ ווייסט פישל פריער, און נישט אַלטער און נישט זלאַטקע איז זיין כּוונה. די כּוונה מיט זיין יאָגן זיך נאָך אַלטערן איז פייוול, ארום וועלכן ער האָפט אָפּצוּלעקן אַ פעט ביינדל. פייוול אָבער זאָגט: כּל־זמן אַלטער וועט נישט חתונה האָבן, איז אַן עבירה אלע רייד וועגן אַ שידוך פאַר זיין בת־מלכּה.

— וואָס קלערט איר, ר׳ פישל, — האָט אים פייוול מיט אַ וואָך צוריק געזאָגט, — איר האָט מיר אַ גוטע קאַשע פאַרקאָכט! קאַלט און וואַרעם האָב איך פון אייער חלום מיט אַלטערן... עס גייט מיר שוין איצט נישט אַזוי זיין פריזיוו, ווי מיין נצחון: זיך נישט צו לאָזן פירן פון ווייבער פאַר דער נאָז. זעט זשע, ר׳ פישל, וואָס פריער דעם יאָלד חתונה צו מאַכן, וועט זיין אויס טענות... אַמאָל זאָגט מען, אַז איין נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען צען קלוגע נישט אַרויסנעמען...

איועקגייענדיק פון פייוולען מיט אַזאַ תּשובה, האָט זיך פישל דעם קאָפּ געבראָכן:

ווּעמען מיינט פייוול: „אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער“? האַלט פייוול מיך פאַר דעם נאַר? מוז איך אים ווייזן, אַז איך בין גאָר קיין נאַר נישט. איך האָב געוווּסט פריער, וואָס איך האָב געהאַט צו טאָן. און איך ווייס, וואָס איך האָב איצט צו טאָן. —

איך האָב נאָר נישט געקאָנט וויסן, אַז די שדים וועלן אים אַ פריך אָנטראָגן, וואָס ער זאָל דורך אים רייך ווערן, און ער וועט פאַר־רייסן די נאָז אינדעהויך.... ווען נישט דאָס, וואָלט דער שידוך מיט אַלטערן געווען טאַקע, ווי אָנגעמאָסטן. און טאָמער מיינט פייוול, אַז דער נאַר, וואָס האָט דעם שטיין אין וואַסער אַריינגעוואָרפן, איז אַלטער און זיין בת-מלכּה וויל פון קיין אַנדער שידוך נישט וויסן? מוז איך אים ווייזן, אַז וואָס צען קלוגע קאָנען נישט, קאָן איך איינער דווקא! אַלטער וועט ביי מיר חתונה האָבן, ער מעג נישט וועלן. דערצו וועט מיר שוין העלפן זלאַטקע. איך האָב מער נישט באַדאַרפט, ווי די פּרוזשינקע אַנדרייען — דער זייגער וועט שוין גיין אַליין. וואָס זלאַטקע קאָן, דאָס קאָן איך אַליין נישט, וואָס אמת, איז אמת!

אַלטער האָט נישט געוווּסט פון פישלס פּלענער.

ער האָט נאָר געוווּסט, אַז עס האָט זיך אים אַ זיסער חלום געחלומט. איצט איז אויס חלום. עס טוט אים נאָר דאָס האַרץ ווי־אוּן ווייטער גאָרנישט.

רייזל, ווידער, ווייסט נאָר, אַז אַזוי איז קיין תּכלית נישט.

אַלטערן האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ מין קליפּה, אַ מרה-שחורה, און עס ווילט זיך איר זייער ראַטעווען זיין נשמה. צווייטנס, ווייסט זי, אַז עס גייט אַ יום-טוב, נאָך דעם יום-טוב — אַ ווינטער, און איר גאַנץ קנ־פּל, וואָס זי קלויבט פאַר איר פייגעלען אויף נדן, וועט נישט סטאַיען אַלטערן מיט דער הוצאה אויסצוהאַלטן, דעריבער האָט זי אים אַלץ וועגן אַ תּכלית אָנגעהייבן צו דערמאנען.

דאָס וואָרט תּכלית איז אים אַ ביטער וואָרט געוואָרן, עפּעס אַ מין זאַלץ אויף זיין פאַרוווּנדעטן האַרצן.

און ער האָט זיך געהיט, ווי נאָר ער האָט געקאָנט, דאָס וואָרט פון איר ווייניקער צו הערן.

ערב ראש השנה און צוויי טעג ראש השנה האָט זיך אַלטער אַ ביסל מחיה געווען.

מען דאַוונט, מען קומט אַהיים, מען כאַפּט עפּעס אין מויל אַריין, מען גייט באַלד ווידער תּהילים זאָגן. קיינער רעדט נישט, קיינער דערמאנט נישט פון אַ תּכלית.

היינט איז שוין צום גדליה. מען פאַסט, דאָס האַרץ חלשט אפילו אַ ביסל, אָבער אַלץ בעסער, ווי אַ „תּכלית".

אַ גאַנצן טאָג האָט אים רייזל היינט אַפּילו איינמאָל דאָס וואָרט „תּכלית“ נישט אויסגערעדט, נאָר אָט זיצט ער שוין ביים טיש צום אָפּפּאַסטן זיך.

אַנטקעגן אים זיצט ר׳ שמואל שטאַרק אַריינגעטאָן אין שיסל, פון וועלכן ער זופט מיט גרויס כּוונה.

פאַר אים האָט אַלטער קיין מורא נישט. שמואל רעדט קיינמאָל נישט וועגן אַ תּכלית.

נאָכן עסן לויפט ער תּיכּף צוריק אין בוינע. ער מישט זיך נישט אין פרעמדע עסקים.

ביי דער זייט אָבער זיצט רייזל, זי זופט אויך כּלומרשט פון אַ טעלער, נאָר מער ווי זי עסט, קוקט זי אויף אים, און עס דאַכט זיך אַלטערן, אַז אויף אירע ליפּן הענגט דאָס וואָרט „תּכלית“.

באַלד וועט זיך דאָס וואָרט אַראָפּרייסן, טרעפן אים גלייך אין האַרצן אַריין. ווען נישט שמואל, וואָס זיצט דערביי, וואָלט ער שוין רייזלען מוחל זיין דאָס נאָכגעריכט לכּבוד דעם תּענית. פאַר שמואלן אָבער האָט ער אָפּשיי. פאַר אים פּאַסט נישט אָנצוהייבן בענטשן, בעת ער, שמואל, האַלט נאָך איבער׳ן עסן.

אַלטער באַהאַלט זיינע אויגן פון רייזלען און קוקט נאָר אויף שמואלן.

פּלוצלונג אָבער נעמט שמואל אַרויס די אויגן פון שיסל, טוט אַ קוק אויף אים און זאָגט:

— וואָס קלערסטו מכוח אַ קנעלונג אויף ווינטער? עס איז באַלד קורץ די צייט.

— וואָס זאָל איך קלערן?

— זאָל ער פריער קלערן וועגן אַ שידוך! — רופט זיך אָפּ רייזל. — אַז ער וועט אין אַ גוטער שעה חתונה האָבן, וועט אים מיט אַ קנעלונג קיין דאגה נישט זיין. אַזאַ דאגה זאָל איך האָבן מיט געזונט, וואָס פאַר אַ דאגה ער וועט דאַרפן האָבן מיט אַ קנעלונג.

— איך זאָג אויך אַזוי, — איז שמואל מסכּים.—האָ בהאָ תּליא: וועט ער האָבן אַ ווייב, וועט ער האָבן אַ חדר, און אַז ער וועט האָבן אַ חדר, וועלן די שענסטע באַלעבאַטים געבן זייערע קינדער צו אים אין חדר אַריין.

דאָס וואָרט „קנעלן“ גיט איצט אַלטערן אַ שטאָך אין האַרצן.

ער דערמאנט זיך, אַז אַמאָל האָט ער זיך קיין בעסערס גאָר־נישט געוווּנטשן, נאָר איצט איז עפּעס אַנדערש, גאָר אַנדערש געוואָרן. פאַרוואָס אַנדערש — ווייסט ער נישט.

— וואָס שווייגסטו? — פרעגט שמואל און זופּט ווייטער.

— וואָס זאָל איך רעדן? — פרעגט אַלטער.

— איך רעד, דאַכט זיך, מיט דיר אויף יידיש. פאַרשטייסטו דען נישט, וואָס איך פרעג דיך?

— וואָס פרעגט איר?

— איך פרעג דיך: ווילסטו האָבן אַ קנעלונג צום נייעם זמן?

— איך וויל... — ענטפערט ער מיט אַ האַלבן מויל, ווייל ער האָט נישט וואָס אַנדערש צו ענטפערן.

— אַז דו ווילסט האָבן אַ קנעלונג, מוזטו זען נאָך פאַר יום־טוב אַ שידוך צו טאָן און תיכּף נאָך יום־טוב חתונה צו האָבן. איך האָב גאָר אַ גלייכן שידוך פאַר דיר.

— איך וויל נישט חתונה האָבן, — ענטפערט אַלטער מיט אַ זיפץ.

— דו זאָגסט דאָך, דו ווילסט האָבן אַ קנעלונג. ווי אַזוי וועסטו עס האָבן, אַז דו ווילסט נישט חתונה האָבן?

— איך וויל קיין קנעלונג אויך נישט...

— וואָס־זשע דען ווילסטו? זאָג, אדרבה, לאָמיך הערן!

אַלטער שווייגט, זיצט ווי אַ באַגראָבענער

רייזל האָט רחמנות און זאָגט:

— לאָז אים, שמואל, דאָס האַרץ איז אים פאַרקלעמט פונם תענית.

— אמת? — פרעגט שמואל.

אַלטער שווייגט.

— הער־זשע, אַלטער, — זאָגט שמואל, אָפּווישנדיק די וואָנסעס מיט אַ ברעג טישטוך, — דער ענין דערפון איז אַזוי: אַ גלוי דעת האָב איך געהאַט, אַז דו טראָגסט דיך נאָך אַרום מיט הרהורים פון יענעם שידוך, וואָס איז בטל געוואָרן. איז דאָס אמת?

אַלטער שווייגט.

— שתיקה כּהודאה דמיא. שווייגסטו, איז אַ סימן, אַז דו קאָנסט טאַקע נאָך נישט פאַרגעסן... פרעג איך טאַקע ביי דיר, גיב מיר אַ קלאָרע תשובה: וואָס איז טייטש: דו קאָנסט נישט פאַרגעסן? צי איז

פורה, דער שר של שכחה, געשטאָרבן? צי ביזט אַזוי אַ גרויסער בעל-זכרון, נישט צו קאָנען פאַרגעסן?

אַלטער שווייגט ווייטער.

— הער-זשע, וואָס איך זאָג דיר: דאָס אַלץ זענען נאָר קינדערשע זאַכן, אַ נאַרישע קינדערשע תאווה, מיט אַ נאַרישן קינדערשן יצר-הרע... דאָס טרעפט אַלץ, ווי לאַנג מען איז אַ בחור אַ פנוי, האָט מען אָבער חתונה און מען טוט זיך אָן דעם רחיים אויפן האַלדז, ווייזט מען דעם יצר-הרע אַ פייג... האָב אויך חתונה, און אויס הרהורים רעים!.. איך האַלט דיך, חלילה, נישט פאַר אַ הולטאַי. ווי קומסטו דערצו? ר' עוזרס זון וועט, חלילה, קיין הולטאַי נישט זיין, על כן ענטפער מיר דברים ברורים: איז כדאי אָנצוהייבן דעם שידוך, וואָס איך וויל דיר רעדן?

— ער ווייסט דאָך נאָך נישט, וואָס פאַר אַ שידוך! - מישט זיך אַריין רייזל.—פאַרוואָס זאָגסטו אים נישט, מיט וועמען דו ווילסט אים שדכנען?

— איך וויל פריער הערן פון אים, צי איז ער בכלל מסכים, מען זאָל אים רעדן אַ שידוך? — ענטפערט שמואל. — אַז ער וועט מיר זאָגן, ער וויל חתונה האָבן, וועל איך אים זאָגן, מיט וועמען.

— ער וויל, ער וויל! — כאַפּט זיך רייזל אַרויס ענטפערן פאַר אַלטערן, — וואָס דען, אַ נאַר איז ער? ער ווייסט נישט, אַז איך גיב אויס אַזאַ בלוטיק געלט פאַר אים? עס גייט אַ יום-טוב, אַ סך האָט ער מיר צושטייער צו געבן? נאָכן יום-טוב גייט אַזאַ ווינטער, און נאָך מיט אַ ואדר, צו מיינע גרויסע צרות. ער האָט נישט נאָר קיין וואַרעם פיצל בגד נישט, אַפילו אַ פיצל העמד אויף זיין לייב אויך נישט... איך האָב מיר שוין מיינע אויגן בלינד געמאַכט, נייענדיק און פאַרריכטנדיק. מעגסט רעדן דעם שידוך אויף מיינע אחריות!

— וואָס ענטפערסטו עפּעס פאַר אים? — בייזערט זיך שמואל אויף רייזלען. — אַ יתום קטן איז ער? ער האָט אַליין קיין מויל נישט, אָדער קיין שכל נישט צו ענטפערן מיר, וואָס איך פרעג אים? נישט אמת, אַלטער, איך האָב רעכט?

אַלטער שווייגט.

— איך וואָלט וועלן וויסן, אַלטער, — זאָגט שמואל, — וואָס איז דער שכל פון שווייגן?

— וואָס זאָל איך רעדן?

— רעד, צי זאָל איך דיר רעדן דעם שידוך מיט זלאַטקען?

אַלטער דערהערט דעם נאָמען „זלאַטקע", און אין קאָפּ לויפט אים דורך פּישלס געשפּרעך מיט אים אין יענעם פינסטערן פרי־מאָרגן.

דאָס האַרץ ווערט אים פאַרקלעמט, און ער פרעגט זיך:

— וואָס וויל זי פון מיר? פונוואַנען האָט זי זיך גענומען אויף מיין קאָפּ?

— ווידער שווייגן? ענטפער, יאָ, צי ניין?

— ניין, — רייסט זיך ביי אים אַראָפּ פון צונג.

— פאַרוואָס עפּעס ניין?

— אַזוי!

— „אַזוי" איז קיין טעם נישט. אַז אַ מענטש ענטפערט ניין, מוז עס דאָך האָבן אַ טעם, פאַרוואָס עפּעס ניין? וואָס פאַר אַ טעם האָסטו, אַז דו ענטפערסט מיר „ניין"?

— איך האָב פיינט זלאַטקען!—רעדט זיך אַלטערן אַרויס, קעגן זיין ווילן, וואָס זיין האַרץ פילט אין דער רגע.

— וואָס פאַר אַ מחזקות האָסטו מיט זלאַטקען געהאַט, אַז דו האָסט זי פיינט?

— איך האָב גאָר קיין מחזקות מיט איר נישט געהאַט, — איז אַלטער מודה, — איך קען זי אַפילו נישט.

— איז דאָס גלאַט אַ שנאת חנם, הייסט עס? ניין, עפּעס מוז דאָך זיין אַ סיבה, פאַרוואָס מען האָט אַ מענטשן פיינט!

— פאַרוואָס מישט זי זיך אומעטום אַריין? וואָס אַרט איר פאַר מיר? — ענטפערט אַלטער, אַליין נישט ווייסנדיק וואָס ער רעדט.

— דו רעדסט גאָר אָן דעת, אַלטער, — זאָגט שמואל, וואָס קאָן זיין תשובה נישט פאַרשטיין. — יענע וויל דיר געבן איר טאָכטער פאַר אַ ווייב, וויל דיר שענקען שיינע חתן־מתנות, וויל דיר אַפילו בגדים שיינע מאַכן, צו דער חופּה צו גיין מיט מזל, — הייסט דאָס ביי דיר אַריינמישן זיך? זאָג איינמאָל פאַר אַלצמאָל, וואָס ווילסטו? לאָמיך ווויסן, ווו האַלט איך מיט דיר אין דער וועלט?

אַלטער שווייגט.

— אויף נאמנות, דו ברענגסט מיר אַריין אין כּעס, — שווערט זיך שמואל.

אַלטער שווייגט.

— איך בעט דיך, אַלטער, זאָג, וואָס דו ווילסט? — מישט זיך צווישן רייזל. — מיר, מיין זון, טו צוליב, און ענטפער שמואלן מיט שכל. מיר זאָל באַגעגענען דאָס בייז, וואָס ער ווינטשט דיר!

— איך וויל שטאַרבן! — ענטפערט אַלטער מיט אַן איבערגעריסן קול. — שטאַרבן, שטאַרבן וויל איך...

— בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת! דערמאָנט אים שמואל.

— ווייל איך כאָטש זיין אַ סאָלדאַט! — רעדט אַלטער אויס מיט אַ טיפן יאושדיקן קול, הייבט זיך אויף און גייט פון טיש אַוועק.

— אויף יידישקייט, דער יונג איז משוגע, צי חסר דעה! — שרייט אויס שמואל אַנגעצונדן פון כעס. — און שולדיק, רייזל, ביזטו:

— וואָס עפּעס איך? — פרעגט רייזל, ווי אַ דערשראָקענע.

— דו, און נאָר דו! שרייט שמואל. — דו האָסט אים משוגע געמאַכט מיט דיין גוטס, וואָס דו טוסט אים, פאַרשטייסטו? דו גיסט אים צו עסן און צו טרינקען, דו פאַרריכסט אים און דערלאַנגסט אים אַ ווייס העמד אַלע פרייטיק. נישט זיין דאגה גאָר, פונוואַנען דו נעמסט עס אַלץ. מה יעשה הבן ולא יחטא? ווי די גאַנצע וועלט איז אים ביי דיר גוט! אָט האָסטו דעם דאַנק זיינעם דערפאַר. און הערסטו? דיך זועט גאָט שטראָפן, דיך, דיך, רייזל!

— הערסט, אַלטער, וואָס מען זאָגט? — ווענדט זיך רייזל צו אים און ברעכט די הענט. — האָב איך דאָס פאַרדינט ביי דיר אַזוי?

אַלטער קוקט אויף רייזלען.

דאָס האַרץ איז אים אָבער פאַרשטאָרבן, ער קאָן אַ וואָרט נישט ענטפערן.

— רייזל, הערסט וואָס איך זאָג דיר? — שרייט שמואל צו רייזלען. — גיב אים נישט קיין עסן! קיין העמד און קיין טרונק אפילו נישט. זאָל ער זיך גיין מיט זיינע הרהורים-רעים צו אַלדע רוחות! קענען וויל איך אים מער נישט. נאָך פאַר יום-כיפור, וועל איך אַן אַנדער דירה דינגען און אַרויסקלויבן זיך פון דעם שטיבל. ווארים אוי לרשע ואוי לשכנו! ווויי איז צו דעם רשע אַליין, און ווויי איז אויך צו דעם שכן זיינעם! הערסטו, רייזל, מען טאָר מיט אַזוינעם אונטער איין דאַך נישט וווינען, ווארים מען איז אַ נותן יד לפושעים. מען העלפט אים זינדיק זיין... מעגסט ווערן, צי נישט! דו קענסט מיך דאָך, אַז איך זאָג יאָ, איז יאָ. מאָרגן, בלי-

נדר ובלי מסקנא, דינג איך אַ דירה און אַרויסקלייבן זיך מוזן מ"ר פונדאַנען!

— שמואל, איך בעט דיך,—בעט זיך רייזל,—זיי נישט אין כעס. דאָס האַרץ איז אים, נעבעך, איצט פאַרביטערט. לאָז אים זיך אויס-רוען פונם תענית, זיך אויסשלאָפן, וועט אים דער קאָפּ קלערער ווערן, און ער וועט אויפשטיין מיט אַ קלערערן שכל, גאָט דעם לעבעדיקנס רצון צו טאָן!

— אַלטער, — ווענדט זי זיך צו אים, — האָב רחמנות אויף זיך, אויף דעם טאַטן דיינעם, אויף דער פרומער מאַמען דיינער! פאַר-שוואַרץ נישט זייער פנים אין גן-עדן. זאָל מען דאָרט מיט די פינגער נישט טייטן אויף זיי און זאָגן: אָט גייען טאַטע-מאַמע, וואָס האָבן אויף דער וועלט אַזאַ זינדיקן זון געלאָזן! קוק זיך אַרום, אַלטער, וווהין דו ביזט פאַרקראָכן! קער צו דיין האַרץ צום לעבעדיקן, און ער וועט דיר אַ רפואה צושיקן צו דיין קראַנקן האַרצן, נעבעך! אוי, אַלטער, אַלטער, צי אַזוי האָב איך פון דיר אַמאָל געטראַכט?! — רייזל האָט זיך ביטערלעך צעוויינט.

אַלטער קאָן שוין נישט מער הערן רייזלס בעטן זיך, אירע טרערן בריען אים, און ער לויפט, ווי פון פייער, פון שטוב אַרויס.

— דו זעסט שוין, ווו ער האַלט? — זאָגט שמואל. — ער האָט אַפילו נישט געבענטשט און איז אַרויסגעלאָפן. גיב אַזוינעם עסן, אַ מצווה אַ גרויסע וועסטו האָבן.

רייזל איז באַלד פון שטוב אַרויס און אָנגעהייבן רופן: אַלטער! אַלטער! אין דער פינסטערער נאַכט אַריין. — גיי כאָטש אַריין אין שטוב אָפּבענטשן. בענטשן, אַלטער, גיי כאָטש אַריין!

נאָר אַלטער איז שוין לאַנג אויסגעמישט און ווי צעגאַנגען געוואָרן אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט.

רייזלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די קליפה האָט אים צוגע-כאַפּט און אים אין אַלדע רוחות פאַרטראָגן. אַן אימה איז אויף איר אַרויפגעפאַלן, און זי האָט זיך מיט „שמע ישראל" צוריק אין שטוב אַריינגעכאַפּט.

22

א געדיכטע, פויל רעגנדל האָט געקאַפּעט און געגאָסן, בעת אַלטער איז פון שטוב אַרויס און האָט זיך געלאָזט גיין, נישט וויסנדיק וווהין און ביז וואַנען.

פינסטער, ווי אויף דער גאַס, איז אים געווען אויפן האַרצן. ער האָט נישט דעם רעגן, נישט די קעלט און נאַסקייט געפילט.

די פיס האָבן אים געטראָגן און ער איז געגאַנגען.

נישט זעענדיק ערגעץ אַ ליכטל שיינענדיק דורך אַ פענסטער, איז ער פון וועג אַראָפּ, און האָט שוין אַליין נישט געוווּסט, ווו ער איז.

אַרום אים אַ ים פינסטערניש אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף.

— אַזוי האָט געמוזט זיין, — טראַכט ער,—קודם מעשי בראשית. אַן איבעריקע זאַך געווען, וואָס גאָט האָט די וועלט גאָר באַשאַפן!—

פּלוצלונג הייבט זיך אים אָן צו דאַכטן, אַז ער גייט נישט אַליין: ביי דער רעכטער האַנט גייט דער טאַטע זיינער, ר׳ עוזר, אָנגעכמאַרעט, ברוגז און הוסט צו ביסלעכווייז; ביי דער לינקער האַנט, דאַכט זיך אים, גייט עפּעס אַ אשה, און דאָס מוז זיין די מאַמע זיינע. ער גייט אינמיטן צווישן זיי ביידן. הינטער אים הערט ער, דאַכט זיך, ר׳ שמואלס קול: „מען טאָר מיט אַזוינעם אונטער איין דאַך נישט וווינען! אוי לרשע ואוי לשכנו!..״

— האָב רחמנות אויף זיך, אויף דעם טאַטן דיינעם, אויף דער פרומער מאַמען דיינער!

עס דאַכט זיך אים, אַז רייזל גייט אים נאָך און שרייט און

וויינט מיט פֿאַרבראָכענע הענט. און פֿון פֿאַרנט, דאַכט זיך אים, פֿליען בשמות און טייטן מיט די פֿינגער.

— אַט גייען טאַטע און מאַמע, וואָס האָבן אַזאַ זינדיקן זון געלאָזן! דער טאַטע הוסט נאָר און רעדט אַ וואָרט נישט אויס, די מאַמע אָבער, דאַכט זיך אים, פֿרעגט שטילערהייט:

— דו הערסט, מיין זון, וואָס מען זאָגט? און ער פֿילט, ווי אירע טרערן פֿאַלן אים אין געזיכט, אויף די הענט, און קאַלט זענען די טרערן און טויט זענען זיי.

— מאַמע! — ווילט זיך אים אַ געשריי טאָן. — טייערע מאַמע, לאָז מיך כאָטש אַ קוק טאָן, ווי האָסטו אויסגעזען, אַז דו האָסט געלעבט! נאָר זי קערט אַלץ דעם קאָפּ אַוועק, און ער זעט זי נישט.

— וווהין פֿירט איר מיך? — ווילט זיך אים פֿרעגן, נאָר ער האָט מורא טאָמער ענטפֿערן זיי אים: צו אַ דין-תּורה פֿאַרן בית-דין של מעלה!..

אַלטער ווייסט פֿון אַ סך אַזעלכע געשיכטעס, וואָס טויטע רופֿן אַרויס לעבעדיקע צו אַ דין-תּורה פֿאַרן בית-דין של מעלה.

ער ציטערט און פֿרעגט זיך: „וואָס וועל איך דאָרטן ענטפֿערן?" און אַזוי בלאָנדזשעט ער אום אַ גאַנצע נאַכט אין שרעק און אַנגסט.

און לאַנג איז די נאַכט, עס דאַכט זיך אים, עס וועט שוין גאָר קיינמאָל נישט טאָג ווערן.

עס הייבט אים אָן אַ קעלט דורכצונעמען. ער פֿילט זיך אַזוי מיד, קוים וואָס די פֿיס שלעפּן זיך נאָך.

עס ווילט זיך אים אין אַ שטוב ערגעץ אַריינגיין, אונטער אַ דאַך ערגעץ אַרונטערקריכן.

ער ווייסט אָבער נישט אין וועלכער גאַס ער איז.

צי איז נישט דאָס שטיבל, וואָס ער טאַפּט אָן מיט די הענט, פּייוולס שטיבל, אָדער אפֿשר גאָר זלאַטקעס?

— ווידער פּייווק, ווידער זלאַטקע! — רעדט ער אין זיינע געדאַנקען. — בעסער וואָלט מיר געווען, אַז איך וואָלט פֿון זיי ביידע נישט געוווסט!..

אַזוי גייט ער אַלץ ווייטער, אַלץ מידער און אַלץ שלעפּעריקער, כאָטש נעם און לאָז זיך דאָ אין דער בלאָטע אַראָפּ און שלאָף איין.

פּלוצלונג דערזעט ער — פֿון ווייטן רוקט זיך אַ לאַמטערן, און

באַלד דערהערט ער אויך אַ קלאַפּן אין אַ לאָדן ערגעץ, און אַ קול, וואָס רופט: „ר׳ זלמן, ר׳ חיים, שטייט אויף צו סליחות!״ אין דער רגע, דאַכט זיך אים, זענען די באַגלייטער זיינע, די געשטאָרבענע טאַטע-מאַמע נעלם געוואָרן, און ער איז אַליין אין מיטן ים חושך געבליבן.

— אַוועקגעפלויגן אין זייער רו אריין, — רעדט ער צו זיך, — אַ גאַנצע נאַכט לעבן מיר געווען, און אַפילו איין וואָרט מיר נישט געזאָגט, וואָס זאָל איך טאָן, צו וואָס זאָל איך מיך קערן און ווענדן איצט!..

די לאַמטערן רוקט זיך אַלץ ווייטער, און דאָס קלאַפּן צו סליחות-רופן הערט זיך אַלץ אָפּטער.

אַלטער ציט זיך נאָכן שיין פונם לאַמטערן, ביז ער דערזעט דעם בית-המדרש.

אין די פענסטער אָן לאָדנס זעט זיך שוין אַ שיין.

— ווען נישט די סליחות, וואָלט איך מיך געקענט דאָ אויס-רוען, — רעדט ער צו זיך, — כאַטש אויף איין רגע אַ דרעמל כאַפּן, אָך, ווי קאַלט איז מיר, ווי דורכגענעצט בין איך!

— ווייס זי כאַטש, וואָס איך לייד צוליב איר? — פרעגט ער זיך, נאָר אַז ער קומט אין בית-המדרש אריין און געפינט דאָ עט-לעכע עלטערע באַלעבאַטים, וואָס זאָגן שוין תהילים אַזוי טרויעריק און האַרציק, האָט ער חרטה אויף וואָס ער האָט מ ט אַ רגע פריער געטראַכט, און ער זאָגט צו זיך: „פאַרגעסן וויל איך זי, פאַרגעסן, אַז זי איז מיר אַ רגע אַ שוועסטער געווען. איצט איז זי מיר אַ ווילד פרעמד מיידל, די טייערע, די גוטע חנהלע!

ער פאַרקריכט אין פינסטערן „חדר שני״, שפּאַרט צו דעם קאָפּ אַהינטער זיך צו דער וואַנט, און ווען דער עולם זאָגט סליחות און שרייט „שמע קולנו״, חלומט זיך אים: שמואל שטייט אין איין זייט, פישל — אין דער אַנדערער און ביידע שרייען:

— פאַרגעס! פאַרגעס זי, אַלטער, דו ביזט מחויב צו פאַרגעסן, ווארים פורה, דער שר של שכחה איז נאָך נישט געשטאָרבן!

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין גרויסער טאָג געווען, און דער עולם האָט שוין ווייט הינטער „ברכו״ געהאַלטן.

קאַלט איז אים געווען, דער קאָפּ שווער, ווי מיט בליי אָנגע-גאָסן, נאָר אַז ער האָט ווי עס איז אָפּגעדאַוונט און איז אויף דער

גאַס אַרויס, האָט ער זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, און זיך געלאָזט גיין, ווידער נישט וויסנדיק וווהין.

— טאָמער גאָר אויפן בית־עולם גיין? — טוט ער זיך אַ פרעג.— און ער לאָזט זיך מיט גרויסע טריט צום בית־עולם. דאָ האָט ער אומגעבלאָנדזשעט אַ גאַנצן טאָג פון איין שורה קברים אין דער אַנדערער.

אַראָפּגייענדיק מנחה־צייט פון בית־עולם, האָט ער דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהייבן חלשן, און ער דערמאנט זיך, אַז נעכטן האָט ער געפאַסט און היינט ווידער.

נאָך מעריב פילט ער זיך אַזוי שוואַך, אַזוי פאַרחלשט, אַז נישט ווילנדיק טוט אים אַ צי אַהיים. אפשר וועט ער פאָרט דאָרט באַקומען כאָטש איין ביסן ברויט, דאָס האַרץ אונטערצולענען.

רייזל באַגעגנט אים מיט די ווערטער:

— שיין אַזוי? אַוועקגעלאָפן, נישט געבענטשט אפילו. אַ חרפה געווען פאַר מיין שמואלן! איך וואָלט פאַר אַזאַ בזיון קיין הונדערט רובל נישט גענומען!

אַלטער דערמאנט זיך ערשט, אַז ער האָט טאַקע נעכטן נישט געבענטשט נאָכן אָפּפאַסטן זיך. ער פאַרשעמט זיך און ענטפערט אַ וואָרט נישט.

דערווייל האָט רייזל אין פּנים אים אַריינגעקוקט, און דאָס האַרץ האָט איר פאַרקלעמט, דערזעענדיק, ווי חושך ער איז פאַר דעם מעת־לעת געוואָרן.

— נישט געגעסן, נישט געטרונקען אַוודאי, — האָט זי געזאָגט,— גיכער, גיי זיך וואַשן. עס עפּעס, כאַפּ דאָס האַרץ אָפּ, ווײ צו מיר, דו ביזט פאַרחלשט, זע איך!

אַלטער האָט שוין געוואָלט גיין וואַשן זיך, אינמיטן האָט ער זיך דערמאנט שמואלס נעכטיק געשריי: „גיב אים קיין עסן נישט, קיין טרונק נישט און קיין ווייס העמד נישט, זאָל ער גיין מיט זיינע הרהורים רעים צו אַלדע רוחות"! און אין דער רגע איז זיין הונגער אַוועק.

— וואָס גייסטו זיך נישט וואַשן? — פרעגט רייזל.

— איך דאַנק אייך, רייזל, פאַר ביז אַהער, מער טאָר איך שוין אייער ברויט נישט עסן! מער וועל איך שוין אייער ברויט נישט עסן!

— וואָס עפּעס זאָגסטו? מיין ברויט? דיין אייגן ברויט עסטו! — לייַ איך דיר, וועסטו נאָך מיר אָוועקגעבן. מיינסט אינדעראמתן, אַז דער הימל לייגט זיך שוין איבער דער ערד אַוועק? איך וועל נאָך פון דיר אַ סך נחת האָבן, אַלטער!

— איר זענט אַ גוטע, אַ טייערע, רייזל, — ענטפערט אַלטער זייער געריהרט, — אָבער אייער ברויט איז נישט פאַר מיר אָנגעגרייט. איך וויל נישט עסן!

— דו הערסט זיך צו, וואָס שמואל זאָגט? נאַריש קינד, ווייסטו דען נישט, אַז איטלעכער מאַנסביל איז אַ האַלבער משוגענער? גיי זיך וואַשן, זאָג איך! זאָל דיר אַזוי ווויל באַקומען, ווי איך פאַרגין דיר מיטן גאַנצן האַרצן!

אַלטער ענטפערט נישט. רייזל שטייט לעבן אים מיט אַ קוואָרט וואַסער און בעט, ער זאָל זיך פאַרט וואַשן צום עסן.

ער האָט רחמנות אויף דער גוטער רייזלען, נעמט צו ביי איר די קוואָרט, מיט דער דעה איר צוליב טאָן, באַלד אָבער האָט ער חרטה, מאַכט אַ ברכה, טוט אַ זופּ וואַסער, און שטעלט די קוואָרט צוריק אַוועק.

פּטור צו ווערן פון דעם נסיון, רייזל זאָל אים פאַרט נישט איבעררעדן, הייבט ער אָן צו לייענען קריאת שמע און זאָגט: „המפּיל חבלי שינה על עיני". — נאָך „המפּיל", איז ער זיכער, וועט שוין רייזל מער אַליין נישט בעטן, ער זאָל עסן. עסן נאָך „המפּיל" איז גלייך, ווי זינדיקן נאָך ווידוי.

— גאָט זאָל דיך נישט שטראָפן פאַר דעם צער, וואָס דו טוסט מיר אָן, אַלטער! — האָט נאָך רייזל איבערגערעדט, דערהערנדיק, אַז ער זאָגט שוין „המפּיל". — פאַרפאַלן, איצט טאָר ער שוין נישט עסן, ווען ער זאָל שוין אַפילו וועלן. צו קיין עבירה וויל אים רייזל נישט ברענגען.

אויף מאָרגן ווידער אַזוי.

אַלטער האָט ווידער אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, זיך אין די גאַסן, ווי אַ חלום אומגעטריבן, און איז געקומען בייַנאַכט אַהיים, זיך נאָר שלאָפן צו לייגן.

רייזל האָט געשוווירן, אַז זי קען שוין מער דעם צער נישט אַריבערטראָגן, און זי וועט זיך נאָך פאַר יום-כּיפּור פון שטיבל אַרויס-

קלויבן. ווייט פון די אויגן, ווייט פון הארצן, זאָלן עס מיינע אויגן נישט זען, וועט מיר דאָס האַרץ נישט אַזוי וויי טאָן...

אויפן דריטן טאָג האָט שוין אַלטער קוים כוח געהאַט די פיס צו שלעפן.

פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ אומגעגאַנגען, אַבי אין בית-המדרש מיט פישלען זיך נישט צו טרעפן, אַבי אינדערהיים רייזלס טרערן נישט צו זען.

פאַרנאַכט האָט ער זיך אַזוי שוואַך און פאַרחלשט געפילט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן ערגעץ אין אַ זייטנגעסל. די געדאַנקען זענען אים, ווי צעמישט געוואָרן, אין די אויגן — פינסטער, און דאָס האַרץ חלשט און חלשט.

פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ פרייליך געלעכטער הינטער זיך, און ער האָט זיך, ווי פון שלאָף אויפגעכאַפט.

ער האָט די אויגן אויסגעריבן, אַ קוק געטאָן, ווער עס לאַכט דאָ אַזוי האַרציק, און אין די אויגן איז אים באַלד פינסטערער געוואָרן, ווי פריער.

פייוועלען מיט נאָך אַ יידן, וואָס אַלטער קען אים נישט, האָט ער דערזען. דער נייער פאַלטאָ פייוולס איז פאַנאַנדערגעשפיליעט, איבער דער זשיליעט זייגער הענגט אַ גאָלדענע שווערע קייט. דער נישט באַקאַנטער ייד דערציילט עפּעס, און פייוול צעגייט זיך לאַכנדיק.

צי האָט אים פייוול נישט דערקענט, אָדער זיך געמאַכט, אַז ער דערקענט אים נישט, נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן אפילו אין דער רגע, ווען ער איז האַרט לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען.

ער האָט אויף אים אפילו אַ קוק נישט געטאָן, זיין געלעכטער אָבער האָט נאָך אַלטער געהערט, ווען ער איז שוין אַ רעכט שטיק וועג ווייט געווען פון אים.

עס האָט זיך אַלטערן געדאַכט, אַז דאָס לאַכט ער אָפּ פון אים, פון זיין אָרעמקייט, פון זיין הונגער און פיין...

עס האָט אים אַ הייב געטאָן, ווי אינדערלופטן פון כעס.

— האַ? ער לאַכט נאָך פון מיר? ער ווייזט נאָך אָן זיין חבר, וואָס פאַר אַ פנים איך האָב איצט צוליב אים? — האָט ער צו זיך גערעדט. — און דעם זאַטן גראָבן יידן האָב איך אַמאָל געוואָלט אויפן העקדז פאַלן, צו מיין האַרצן אים צודריקן און קושן אים מיט מיינע

אלע כּוחות, מיטן גאַנצן לעבן מײַנעם? נײַן! פֿאַרגעסן װיל איך אים איצט, פֿאַרגעסן, אויך ד ך, חנהלע! פֿאַרגעסן דיך אויף אײביק, גוטע חנהלע, צוליב דײַן שלעכטן, זאַטן טאַטן, װאָס האָט נאָך אַ האַרץ צו לאַכן פֿון מיר, איצט, איצט... בעת איך לײַד אַזױפֿיל פּײַן איבער אים!..

מיט די װערטער האָט ער אַ שפּײַ געטאָן און איז מיט נײַע כּוחות אַװעק אין בית־המדרש מנחה דאַװנען, „אבינו מלכּנו” זאָגן, און גאָט מחילה בעטן פֿאַר זײַן פֿאַרנאַרטקײט ביז איצט.

אַז ער האָט אויך מעריב אָפּגעדאַװנט און איז אַהײמגעגאַנגען זאָגן רײזלען, אַז ער איז שוין איצט גאָר אַן אַנדער מענטש געװאָרן, איז אים ביסלעכװײַז דער קוראַזש אַראָפּ.

גײענדיק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז חנהלע לויפֿט אים נאָך, און מיט טרערן אין אירע שײנע אויגן בעט זי זיך:

— פֿאַרגעס מיך נישט, אַלטער, פֿאַרגעס נישט דײַן שװעסטער, דײַן חנהלען!

אַרײַנקומענדיק אין שטוב, איז שוין דער גאַנצער קוראַזש אויסגעװעפּט געװען, און װידער האָט ער דערפֿילט, װי ער בענקט נאָך איר, װי ער קאָן זי נישט פֿאַרגעסן, כאָטש ער װיל עס שוין, צוליב זײַן נקמה אויף איר טאַטן פֿאַר זײַן אָפּלאַכן פֿון אים.

נאָר דאָ האָט ער דערזען, װי רײזל פּאַקט זיך עפּעס, און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעזאָגט: רײזל קלײַבט זיך טאַקע אין אמתן אַרויס פֿון זײַן שטיבל.

אָן רײזלען, דאַכט זיך אים, װעט ער אײן טאָג דאָ נישט קאָנען איבערלעבן.

— איר פּאַקט זיך טאַקע אַרויסצוקלײַבן? — פֿרעגט ער, און אין זײַן קול הערט זיך זײַן פֿאַרצװײפֿלט האַרץ.

— װאָס האָסטו געמײנט? — ענטפֿערט רײזל, און קערט אָפּ דעם קאָפּ, זײַן חושכדיק פּנים נישט צו זען.

— איך האָב געמײנט, איר װעט רחמנות האָבן, רײזל, און איר װעט מיך נישט לאָזן איצט אַלײן.

— װאָס איז די פּעולה פֿון מײַן רחמנות, — פֿרעגט רײזל. — אַז דו אַלײן האָסט אויף זיך קײן ברעקל רחמנות נישט?

— לאָזט מיר נישט אַלײן, טײַערע רײזל, קלײַבט זיך נישט אַרויס, איך װעל דאָ שטאַרבן אָן אײַך! — רעדט אַלטער אַרויס, און

גרויסע טרערן הייבן זיך אָן קייקלען איבער זיינע בלאַסע איינגע-פאַלענע באַקן.

רייזלס ווייך האַרץ איז באַלד צעגאַנגען אין איר. קוקנדיק אויף זיינע טרערן, האָט זי זיך אויך צעוויינט.

— הער-זשע, אַלטער, — האָט זי נאָך עטלעכע מינוט וויינען אָנגעהייבן, — דו זעסט דאָך שוין, אַז גערעדט איז נישט געבילט. זאָלן זיך אַזוי מיינע מצוות, אָן מיינע עבירות, דאָרט קלייבן, ווי נאָך היינט אין אָוונט בין איך גרייט זיך אַרויסצוקלייבן! אָן דיר אַליין ווענדט זיך דאָס. ווילסטו זיין אַ ייד, ווי גאָט האָט געבאָטן, וועט נאָך אַלץ צום גוטן פאַרקערט ווערן, און איך וועל דאָ בלייבן מיט מיין שמואלן ביי דיר אין שטיבל, ביז דו וועסט מיר אַליין נישט הייסן אַרויסקלויבן זיך. אַלאַ, נישט — טו, ווי דו פאַרשטייסט, איך קאָן שוין מער נישט אַריבערטראָגן אַזאַ צער, צוצוקוקן, ווי אַ מענטש מאַכט פון זיך אַליין אַ תל!

— וואָס זאָל איך טאָן? — פרעגט ער, און ווייסט בעת מעשה אַליין נישט וואָס ער פרעגט.

— טאָן דעם שידוך, וואָס מיין שמואל רעדט דיר צו צו טאָן!— ענטפערט רייזל. — ביז איצט, אַלטער, איך לייקן דיר נישט, איז ביי מיר אַליין אויסגעקומען, אַז דאָס איז פאַר דיר נישט קיין גלייכער שידוך. דאָס מיידל איז פאַרט עלטער. היינט אָבער האָט מיך זלאַטקע אין גאַס געטראָפן, און האָט מיך איבערגעוואַלד צו זיך אַריינגעפירט. איך האָב דאָס מיידל געזען, אַ סך ערגער האָב איך מיר פאָרגעשטעלט. אַ קלוגע, קיין מיאוסע אויך נישט, אַ ווילקענערקע — אַ חידוש, אַז מען האָט אַזאַ לייטישן טאַטן געהאַט? זלאַטקע שווערט זיך, אַז צוליב איר קינדס זכות-אָבות איז קיין קלייניקייט נישט. מיר לעבן אַלע נישט מיט אייגענעם זכות, נאָר מיט דעם זכות פון אונדזערע אויסגעלייטערטע פרומע אָבות אַבותינו! קליידער דער כלה, האָט זי מיר געוויזן—פון דאָס שענסטע און בעסטע. מיין פייגעלען זאָל מיר גאָט מזכה זיין אַזעלכע שיינע חתונה-קליידער צו מאַכן! דיר אַליין וויל זי אויך באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס. אַ קנעלונג וועט זי דיר מאַכן. וואָס זלאַטקע קאָן פאַר גוטס טאָן, וועט קיין אַנדער שוויגער פאַר דיר נישט קאָנען טאָן. חוץ אַלעם דעם, האָט זי מיר געוויזן אַ גרויסן אַלמער מיט ספרים, ר׳ לייבעלע דיינס ספרים, אין וועלכע ער האָט געלערנט, וואָס איז מיט קיין עשירות אין דער וועלט

נישט אָפּצושאצן. ווי דו זעסט מיך אַ יידישע טאָכטער, אַז בעת מעשה האָב איך אַ טראכט געטאָן: וואָלט איך היינט געווען אַלטער, וואָלט איך שוין מער אויף קיין זאַך אין דער וועלט נישט געקוקט, איך וואָלט דעם שידוך געטאָן צוליב אַזעלכע הייליקע ספרים! דאָס אַלץ גיט זי דיר אַוועק. מער ווי איר „קרבן מנחה" מיטן „מנורת המאור" וועט זי זיך נישט איבערלאָזן. היינט זאָג אַליין, אַלטער, וואָס וועט דיר באמת פעלן? איז דאָס אַלץ כדאי אַוועקצוואַרפן, אפילו דעם גרויסן אַלמער מיט די הייליקע ספרים, פאַר פּיוול דעם גראָבן פליגל, וואָס קען דיר אפשר געלט געבן מער, אָבער נישט אַזאַ יחוס און נישט אַזאַ אַלמער מיט ספרים?

אַלטער שווייגט. אין דער רגע קלערט:

– וואָלט כאָטש דאָס אַלץ געווען ביי אַן אַנדערער, נאָר נישט ביי זלאַטקען!

זלאַטקען האָט ער עפּעס פיינט, ער ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס.

– וואָס זאָגסטו, אַלטער? זאָל איך זיך פּאַקן אַרויסצוקלייבן זיך, צי נישט?

– און אַז נישט זלאַטקע, וועט איר זיך אַרויסקלייבן? – פרעגט אַלטער.

– אַרויסקלייבן זיך, כאָטש שוין, כאָטש די רגע! דו קענסט דאָך מיין משוגענעם: האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, וועט אים שוין קיינער נישט אַריבערשפּאַרן.

– טאָ זאָל זיין זלאַטקע, זאָל זיין ווען איר ווילט אַליין, נאָר קלייבט זיך נישט אַרויס! – האָט אַלטער געענטפערט מיט אַ טיפער פאַרצווייפלונג, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין קיין אַנדער ברירה נישט.

רייזל האָט נאָך אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך דערשראָקן: ווי געל זיין פּנים איז געוואָרן.

– מיר וועלן דאָס נאָך אין פריידן דערציילן, אַלטער, געדענק מיינע רייד!

23

ווען רייזל האָט איר שמואלן דערציילט, ווי אַזוי זי האָט שוין ביי אַלטערן אַלץ געפועלט, וואָס זי האָט פון אים געוואָלט, האָט זיך שמואל מיט גאווה אַ זאָג געטאָן:

— נו, ווער איז אַ חכם? זיי שוין כאָטש מודה אַמאָל, אַז אַ מאַנסביל איז קליגער פאַר אַ אשה! איך האָב דיר געזאָגט: גיב אים קיין עסן נישט! האָט ער אַ פאָר טעג געהונגערט, האָט דער הונגער אים צום שכל געפירט. אַ מלמד, אַ גרויסער בעל־פועל איז דער הונגער! נישט אמת אפשר?

— מיינסט, מיר איז מיין האַרץ נאָר איצט אַפילו נישט אויסגעריסן איבער דעם? — ענטפערט רייזל מיט אַ זיפץ.

— וואָס דאַרף דיר נאָך איצט זיין דיין האַרץ אויסגעריסן?

— ווייל נאָך איצט דאַכט מיר, אַז זיין מסכים זיין איז, ווי איבערגעוואַלד, — נישט מיט זיין אייגענעם ווילן.

— אַלץ, מיין ווייב, איז איבערגעוואַלד! — טרייסט זי שמואל. — איבערגעוואַלד ווערט מען געבוירן, איבערגעוואַלד האָט מען חתונה, איבערגעוואַלד לעבט מען און איבערגעוואַלד שטאַרבט מען!

— אָבער ווי לאַנג מען לעבט, כאָטש איבערגעוואַלד, ווילט זיך פונדעסטוועגן הנאה האָבן פון לעבן. אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ נחת קאָן מען שוין פון לעבן האָבן מיט אַזאַ ווייב וואָס איז צום האַרצן נישט ניחא?

— נאַרישקייטן און ווייטער גאָרנישט! — מאַכט שמואל פּילאָ־זאָפיש אַוועק מיט דער האַנט. — איך גיב אַ פּיאַטאַק פאַר דעם ניחא אָדער נישט ניחא. אַלץ, מיין ווייב, איז נאָר אַ רגילות, פון אַ רגילות ווערט אַ טבע. ווי די גמרא זאָגט: ומתוך שלא לשמה אתה בא לשמה. מען האָט חתונה אין פלוג נאָר שלא לשמה, נישט פון דער מצווה וועגן. נאָר אַז מען לעבט זיך איין, ווערט שוין ממילא לשמה. זאָל אַלטער נאָר חתונה האָבן, וועט אים שוין זיין דאָס לעבן ניחא. פאַרשטייסטו, וואָס איך זאָג?

רייזל פאַרשטייט אפילו נישט די טעאָריע פון לשמה און שלא לשמה, נאָר זי האָט גרויס דרך־ארץ פאַר לשון הקודש און פאַר דעם, וואָס די גמרא זאָגט, און גלויבט איר מאַן און שווייגט.

צו אַלטערן האָט שמואל אויף מאָרגן פרי געזאָגט:

— איצט זעסטו, האַלט איך שוין פון דיר אַ עולם ומלאו. אַ ייד, וואָס קאָן ברעכן זיין הארץ און טאָן דעם רבונו של עולמס רצון, שטייט ביי מיר גאָר אויף אַ העכער מדרגה. און קוק איך אויף דיר, דאַכט זיך מיר, אַז איך דאַרף דיך מחילה בעטן, וואָס איך האָב אַ ביסל אין כעס, דיר פוגע בכבוד געווען. זאָג דעם אמת, ביזטו מיר מוחל, אָדער דו האָסט נאָך אַ טינא בלב אויף מיר?

— איך האָב גאָר קיין שום טינא בלב אויף אייך קיינמאָל נישט געהאַט, — ענטפערט אַלטער בתמימות.

— דערפאַר אַליין טאַקע וויל איך איצט זיין דיין גאַנצער מחותן, און איך טאַקע וועל שוין זען, אַז זאַטקע זאָל אירע אַלע התחייבות ממלא זיין. פאַרלאָז זיך דו נאָר אויף מיר, וועט שוין אַלץ רעכט ווערן!

און שמואל האָט זיך אָנגעגאַרטלט צו זיין טאַקע אַן אמתער מחותן פון חתנס צד, און האָט זיך באַלד נאָך מעריב אָנגעטאָן יום־טובדיק מיט זיין שבתדיקער אַטלעסענער זופּעצע, און מיט זיין סאַמעטענעם היטל.

רייזל האָט צוגעהאָלפן אַלטערן זיך צופּוצן.

אַליין האָבן זיך אים עפּעס די הענט נישט גערירט.

דערנאָך האָט זיך רייזל אויך אויסגעפּוצט גאָר יום־טובדיק, אָנגעטאָן אירע זילבערנע לאַנגע אוירינגלעך, איר אַלט־פרענקיש האַלדזבענדל מיט די געזעצטע פערל, וואָס די מאַמע אירע האָט אָנגעטאָן געווים צו אירע תנאים אַמאָל.

וואַרטנדיק, ביז רייזל וועט פאַרטיק ווערן, האָט זיך אַלטער אַ ביסל פאַרטראַכט, אַ ביסל צוגעחלומט, אַז עס איז אָבער געקומען צו גיין, האָט ער גאָר דעם חשק פאַרלאָרן.

שמואל האָט זיך נאָך עפּעס אויך געפּאַרעט, געזוכט צווישן זיינע ספרים די תּנאים זיינע מיט רייזלען, וואָס איז מיט דער כּתובה צוזאַמען ערגעץ אין אַ ספר באַהאַלטן געווען.

טאָמער מאַכט זיך צו שרייבן תּנאים, זאָל מען האָבן נאָך וואָס צו באַכצושרייבן.

— נו, וואָס וואַרטן מיר? — האָט ער אַלטערן געפרעגט, אַריינ-דרוקנדיק אין קעשענע די לאַנג געל-געוואָרענע אַלטע תּנאים זיינע. לאָמיר גיין, רייזל איז שוין אויך פאַרטיק.

— טאָמער וואָלט זיין אַ סברא, איר זאָלט היינט גיין אָן מיר? — פרעגט אַלטער. — איך פאַרלאָז מיך דאָך אויף אייך אינגאַנצן.

— פאַרלאָזן זיך אויף מיר מעגסטו. פאַרנאַרן דיך וועל איך נישט לאָזן, — ענטפערט שמואל. — אַפילו אויף דער כּלה גופא, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אויך אַ מבין! אַגב, בין איך טאַקע אין די יאָרן, וואָס איך מעג שוין אַ קוק טאָן אויף אַ בתולה מיט אָפענע אויגן גאָר אָן ברילן אַפילו, און איך וועל מיר טאַקע גאָר נישט שעמען צוצורופן די כּלה און זאָגן: קום נאָר צו, כּלה-לעבּ, לאָז מיך אַ קוק טאָן, צי ביזטו אַ כּלה נאה וחסודה? אַ כּלל, דו מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן אין אַלע ענינים, נישט מער, פאַר-וואָס-זשע וויל איך, אַז דו זאָלסט אויך גיין? איז דער תּירוץ — ווייל דערדאָזיקער ענין פון זיווג האָט צוויי צדדים: איין צד איז דער חתן, און דער אַנדערער צד איז די כּלה. און נעמען מיר אפילו אָן די סבראַ, וואָס דו זאָגסט: דו פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף מיר, איז דאָך אָבער דאָ נאָך אַ צד, וואָס וויל זיך אויף מיר נישט פאַר-לאָזן. און וואָס, זאָג מיר, טו איך, אַז די כּלה טוט זיך אַ זאָג: איך וויל אַליין זען דעם חתן? דו האָסט דען אַ ידיעה, וואָס היינ-טיקע וועלט איז? מען מוז אַ מיניסטאָרישן קאָפּ האָבן אַלץ פריער צו פאַרטראַכטן.

— נו, קומט שוין, מאַנסבּייט, — האָט רייזל צוגעטריבן, — אויף אונדז, נשים, זאָגן זיי נאָך, אַז מיר האָבן ניין מאָס רייד... זעצן זיי זיך אַוועק גאַוועדען, פאַרגעסן זיי גאָר, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז שוין אַלטער געזעסן אויבנאָן,

ביי זלאַטקען אין שטיבל, צווישן אַ היבשן עולם יידן, אין עטלעכע שעה שפּעטער איז ער שוין ווידער געלעגן אינדערהיים אויף זיין בעטל, און אין פינסטערן שטיבעלע זיינעם זיך געוואָלט דערמאַנען אַקוראַט, וואָס עס איז מיט אים היינטיקע נאַכט געשען? עפּעס געדענקט זיך אים, ווי דורך אַ חלום: ער איז ערגעץ ביי אַ טיש געזעסן צווישן אַ סך יידן. דער טיש איז געגרייט געווען, ווי אין בית-המדרש צו דער סעודה פון חברה קדישא: פלעשלעך, בעכערלעך און גלעזלעך.

יידן האָבן איטלעכע רגע „לחיים" געזאָגט און האָבן געטרונקען.

איינמאָל האָט ער אַפילו אַליין אויך אַ זופּ געטאָן פון אַ גלעזל, נאָר עס האָט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט. אמתער סם המות! אים אַרט איצט מער ווי אַלץ די קשיא: וויבאַלד, אַז בראָנפן איז יאָ אַזוי ביטער און ברענט, ווי פייער, טאָ פאַרוואָס איז מען גאָר מחויב צו טרינקען אַזאַ סם המות? און אַלץ פישל, ימח שמו! ער איז פול אומעטום. און עס דערמאַנט זיך אים ווייטער, אַז אויפן טיש האָבן געברענט אַ סך ליכט, און אַרום זיי גרויסע פייערדיקע רעדער פון אַלערליי קאָלירן, ווי אמתע רעגנבויגנס, און הינטער די רעדער און אין די רעדער האָבן זיך עפּעס, ווי אינדערלופטן אַרומגעטראָגן ווייבער אין אַלערליי קליידער און צעפּציקעס, און רייזלס לאַנגע אוירינגלעך האָבן געבליצט, ווי אמתע בריליאַנטן.

דערנאָך האָט אים שמואל דערלאַנגט אַ ברעג טיכל, אים געהייסן אָננעמען. „אָננעמען, אַ סכנה אַ גרויסע אַ ברעג טיכל? — רעדט ער צו זיך.—איך קען דען נישט שמואלס טיכל? דאָס איז דאָך נישט אַ שלאַנג, איך זאָל מורא האָבן אָנצורירן! גאָרנישט, אָנגענומען און שוין עפּעס געלייענט... ווען איין וואָרט איך זאָל געדענקען, וואָס יענער בייזער ייד האָט געלייענט? דאַכט זיך, דער שוחט האָט עס געלייענט?.. ניין, ניין, דערמאַנט ער זיך, דאָס האָט גאָר ליפּע דער חזן געלייענט. אַלצאיינס, זאָל זיין ליפּע!.. און אַ קלאַפּ האָט געטאָן, צי אַ טאַפּ, צי ווייס איך וואָס? צעשאָטן זיך אויף טויזנט שערבלעך, און מזל-טוב!.. זאָל זיין מזל-טוב. מיין דאגה איז דאָס? אַלצאיינס... יאָ, שמואל איז דאָס געווען, וואָס האָט מיך אַרומגענומען און געקושט. אים האָב איך ליב. וואָלט מיך אַזוי פּייזול אַרומגענומען, וואָלט ער ביי מיר באַקומען אַ וואָרף, אַז זיינע ביינער וואָלטן זיך צעשאָטן, ווי די שערבלעך פון דעם צעבראָכענעם

טאַפּ. אַזאַ זאַטער גראָבער ייד פייוול, כוח אָבער האָב איך מער פאַר אים. זיין גליק, וואָס איך האָב אים דאָרט נישט געזען. נאָר אַלצאיינס...

אַז ער איז אויפגעשטאַנען מאָרגן פרי, איז ער ערשט געוואָר געוואָרן, אַז ביי אים איז נעכטן ביינאַכט תנאים געווען מיט זלאַטקעס טאָכטער.

— זאָל זיין מיט זלאַטקעס טאָכטער. איך האָב אַלץ געמיינט, מיט זלאַטקען, — טראַכט ער, — אַלצאיינס... איך האָב זיי ביידן נישט געזען. און אפשר האָב איך זיי דווקא יאָ געזען? מען קאָן האָבן אַ קאָפּ צו געדענקען, וואָס מען זעט זיך אָן אויף אַ תנאים? לאָז זיין אַזוי...—פּסקנט ער אָפּ ביי זיך.—מיין דאגה איז דאָס? סיי ווי אַלצאיינס!..

קומענדיק פון דאַווענען, האָט ער געפונען אַ געגרייטן טיש, ווי שבת צו קידוש. שמואל האָט געוואָרט, מיט אים צוזאַמען ברכה צו מאַכן. זלאַטקע האָט אָרייַנגעשיקט רייזלען אַ גאַנצן לעקעך מיט עטלעכע שטיקער געפילטן טאָרט, מיט אַ ווייס פלעשל בראָנפן, וואָס איז איר, מסתמא, פון די תנאים געבליבן.

שמואל האָט צוויי גלעזלעך אָנגעגאָסן, גענומען איינס אין האַנט, אַ ברכה געמאַכט אויפן טאָרט פריער, געקייט, דערנאָך נאָכאַמאָל אַ ברכה געמאַכט „שהכל", איינגעטונקט די וואָנסעס זיינע אין גלעזל, זיך באַלעקט אַ ביסל און געזאָגט:

— לחיים, חתן!

— וואָס עפּעס „חתן", פאַרוואָס נישט „אַלטער", ווי נעכטן? — קלערט ער זיך, נאָר באַלד גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און רעדט שטיל פאַר זיך: „אַלצאיינס! מיין דאגה איז דאָס?"

און אַ גאַנץ גוטער פרישטיק געווען. אַלטער געדענקט שוין לאַנג נישט, ווען ער האָט מיט אַזאַ אַפּעטיט געגעסן.

און שמואל איז צוקער-זיס, און רייזל איז גוט און געטריי, ממש ווי אַ מאַמע אָן אייגענע. „גאָרנישט אַזאַ סכנה זלאַטקע,—טראַכט ער.—געמיינט האָב איך מי יודע וואָס, זאָל זיין אַזוי, סיי ווי אַלצאיינס"...

ביינאַכט האָט רייזל אַלטערן געוויזן די ערשטע מתנה, וואָס זיין מחותנתטע האָט אים געשיקט: אַ גרויסן ווייסן גאַלאַנדסקן האָן, צו שלאָגן מיט אים כפרות.

— מחותּנתטע? קלערט אַלטער.—אַוודאי פּייוולס ווייב. גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

— איך דאַרף איר כּפּרה אויף כּפּרות! אויף טויזנט טיסיאַטשי כּפּרות! — זאָגט ער צו רייזלען.

— גאָט איז מיט דיר, — גיט זיך רייזל אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ, — דיר איז שוין ווידער אַ בייזע דעה אין קאָפּ אַריין?

— וואָס פאַר אַ בייזע דעה? איך וויל פון פּייוולס גוטס אַ האָר נישט נהנה זיין! — דערקלערט אַלטער זיין טעות.

— ווי פּאַלט דיר איין, אַז פּייוו, ווען דיר עפּעס שיקן אַ כּפּרה? דאָס האָט זלאַטקע, די מחותּנתטע דיינע, דיר דעם האָן געשיקט.

און נאָכאַמאָל דערמאָנט זיך אַלטער, אַז זלאַטקע איז שוין אַ מחותּנתטע זיינע. ער פאַרטראַכט זיך, זיצט אַ רגע, ווי אַ תּם, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, און רעדט צו זיך: „אַ דאגה מיינע, זאָל זי זיין אַ מחותּנתטע, סיי ווי אַלצאיינס!..“

24

מער, ווי מיט דעם ווייסן כּפּרה-האָן, וואָס זיין געטרייע מחותּנתטע האָט אים אויף מאָרגן נאָך די תּנאים אַריינגעשיקט, איז אַלטער צופרידן מיט דעם, וואָס ער איז פּטור פון צוויי גרויסע דאגות.

פּטור געוואָרן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, פון רייזלס קרעכצן וועגן אַ תּכלית אינדערהיים, און פון פּישלס יאָגן זיך נאָך אים אין בית-המדרש.

רייזל קרעכצט שוין נישט, אויס דאגה וועגן אַ תּכלית! דעם תּכלית זעט זי שוין מיט אירע אויגן: זלאַטקע האָט מיט איר געשליפן צינגל געפּועלט ביי באַקאַנטע באַלעבעטים, זיי זאָלן זייערע קינדער שיקן אין חדר אַריין צו איר קינפּטיקן איידעם. און וואָס האָט זיך רייזל מער געוואונטשן?

פּישל, ווידער, האָט אַלטערן תּיכּף נאָך די תּנאים פאַרגעסן, ווי דער קברות-מאַן — דעם בר-מינן תּיכּף נאָך דער קבורה. אַלטער איז

שוין אַ געפּטרטער, אַ לאַנג אָפּגעשמיסענע הושענא, און פישלס מוח איז שטאַרק פאַרנומען, אויסצוזוכן עפּעס אַ חתן, אַ קאַפּריסין, פאַר פּייוולס מיידל. איצט, איז פישל זיכער, וועט שוין פון דער בת-מלכה קיין מניעה נישט זיין, די שאלה איז נאָר: ווו נעמט מען דעם בן-מלך?

און אַלטער לערנט דערוויל מיט זיינע קליינע תּלמידימלעך, און האָט נחת פון זיי.

צווישן די קליינע קינדער פילט ער זיך היימישער און בעסער, ווי צווישן די גרויסע, די אויסגעוואַקסענע און אַריבערגעוואַקסענע.

זיי, די גרויסע, ווילן אַלץ, ער זאָל זיי פאַלגן, זיי פאַרשטיין, און ווילן אים קיינמאָל נישט פאָלגן, נישט פאַרשטיין... די גרויסע אַרט קיינמאָל נישט, וואָס ביי דעם אַנדערן אין האַרצן טוט זיך. גאָרנישט זייער דאגה, וואָס יענער קאָן נישט... וואָס יענער וויל נישט... ער מוז!.. אויף אַלץ איז ביי זיי דאָ אַ דין: „מען טאָר נישט!" „עס פּאַסט נישט!" „מען מוז!" „בעל כרחך אתה חי, ובעל כרחך אתה מת!" און גיי טענה זיך אויס מיט אַזעלכע בּרואים...

— נישט אַזוי אָבער, — קלערט זיך אַלטער, — זענען קליינע קינדער. קינדער פילן בעסער יענעמס צער. זיי ווייסן נאָך נישט פון אַזעלכע דינים, וואָס זאָגן: „מען טאָר נישט", „מען מוז". קומט אַריין אַן אָרעמאַן, — האָבן זיי אים וואָס צו געבן, גיבן זיי, ווען נישט — שרייען זיי נישט אויף אים, זאָגן אים קיין מוסר נישט און קוקן נאָך אויף זיין אָרעמקייט מיט רחמנות.

אָט לערנט ער איצט מיט אַ קליין ייִנגעלע די פּרשה אין חומש, ווי רחל, יעקב אבינוס ליב ווייב, איז, נעבעך, פון אַ שווער געווינען אינמיטן וועג געשטאָרבן, און ער באַמערקט, ווי אין זיין תּלמידס אייגעלעך קלייבן זיך טרערן, זיין קולכל ווערט אַלץ טרויעריקער, געדריקטער, און אָט קאָן ער שוין ווייטער די ווערטער גאָרנישט זאָגן, און הייבט אָן צו כליפּען.

— וואָס ווייִנסטו, חיימל? — פרעגט ער זיין תּלמידל.

— עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ אויף רחלס שטאַרבן,—ענטפערט דאָס קינד מיט ביטערע טרערן.

— נאַרעלע, — טרייסט אים אַלטער, — אַלע מענטשן מוזן דאָך שטאַרבן, לאה און יעקב אבינו זענען דאָך אויך שוין לאַנג געשטאָרבן. קאָן מען דען אויף אַלעמען אַלץ וויינען!

— אָבער רחל איז דאָך געווען אַזאַ שיינע, און איך האָב זי אַזוי ליב, אַזוי ליב!.. — כליפּעט דאָס אומשולדיקע קינד.

און אַלטער פאַרטראַכט זיך. אים אַליין הייבט אָן דאָס האַרץ פאַרקלעמט צו ווערן צוליב דער שיינער רחלס יונגן טויט. און ווידער שווימט אים אַרויף אין זיין זכרון חנהלע... די שיינע, ליבע חנהלע...— אַ שווערער זיפץ רייסט זיך אים פון האַרצן אַרויס, און ער בעט גאָט בעת מעשה: חנהלע זאָל אַזוי נישט שטאַרבן, ווי רחל איז געשטאָרבן.— און ליב און טייער ווערט אים, אין דער רגע דאָס קינד, וואָס האָט אויך אַזאַ האַרץ, ליב צו האָבן אַ שיינע און צו פילן אַזאַ צער אויף איר טויט.

— הלוואי זאָל איך האָבן צו טאָן מיין גאַנץ לעבן נאָר מיט קליינע קינדער! — ווינטשט ער זיך. — זיי פאַרשטיי איך, זיי פאַרשטייען מיך. מען דאַרף גאָר קיין סך נישט רעדן, איין וואָרט איז גענוג, איין קוק אין די אייגעלעך אַריין, און איך ווייס שוין וואָס זיי אַרט, און זיי פאַרשטייען שוין, וואָס איך וויל זיי זאָגן... אַ פּאַסקודנע זאַך דעם מענטשנס צונג! זי רעדט קיינמאָל נישט אַרויס דעם אמת. וואָס דאָס האַרץ טראַכט און פילט. די אויגן פון אַ קינד אָבער רעדן, און אַזוי שיין און אַזוי ליב רעדן זיי דעם אמתן אמת פון האַרצן אַרויס!.. מיט איר האָב איך אויך נישט גערעדט. גענוג געווען איין קוק נאָר איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, און שוין... מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך איצט אַוועקגעגעבן, ווען איך זאָל קאָנען כאָטש נאָך איינמאָל אַ קוק טאָן אין אירע אויגן אַריין. זי וואָלט שוין גאָר אָן ווערטער פאַרשטיין, וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, און נישט אין כעס זיין אויף מיר, וואָס איך האָב געמוזט...

„געמוזט”, מיינט ער, וואָס ער האָט צוגעלאָזן שרייבן תנאים. עפּעס איז אים דאָס שווער גאָר פון מויל אַרויסצולאָזן.

און יעדעס מאָל, ווען ער פאַרטראַכט זיך אַזוי, בלייבט ער זיצן, ווי אין אַ) חלום. די הענט פאַלן אים אַראָפּ, ווי נישט זיינע, ביז עמעץ, צי עפּעס וועקט אים אויף.

ער דערמאַנט זיך, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און רעדט שטיל פאַר זיך:

— זאָל זיין אַזוי, סיי ווי אַלצאיינס!..

— אַזוי זענען די ערשטע טעג יום-טוב אַריבער. הושענא-רבה

איז זלאַטקע אַליין געקומען אַלטערן בעטן צו זיך, כאָטש אויף די צווייטע טעג יום-טוב.

אַלטער איז בעת מעשה אינדערהיים נישט געווען, און אַז רייזל האָט אים זלאַטקעס איינלאַדונג אַ בערגעגעבן, האָט ער געענטפערט:

— זאָל זיין עסן ביי זלאַטקען די אַנדערע טעג, סיי ווי אַלצ-איינס...

נאָר רייזל האָט עס נישט צוגעלאָזן, און שמואל האָט אויך נישט מסכים געווען. שמואלן וואָלט אַלטער געפעלט צו אַ מזומן ביים טיש. צוליב דעם מזומן האָט ער זיך פאַרגונען אויף אַ גאַנץ יום-טוב נאָך אַן אָרעמען אורח צו נעמען און רייזל איז טאַקע ברוגז געווען אויף זלאַטקען אש להבה.

— זלאַטקע איז אַלעמאָל זלאַטקע! — האָט רייזל איבערגערעדט פאַר איר מאַן, פאַרוואָס זי וויל אַלטערן נישט לאָזן גיין צו זיין כלה אויף די אַנדערע טעג יום-טוב. — ניש-קשה, זי איז אַ טייערע סחורה, נו, אַ יידענע! געשיקט דעם חתן אַ האָן פאַר דריי גילדן! — אַ טובה וויל זי אים טאָן, זי וויל אים געבן אָפּעסן צוויי טעג יום-טוב? ביי מיר וואָלט אַלטער אוודאי גאָר קיין כפרה נישט געהאַט? אָדער עסן פעלט אים ביי מיר, חלילה? צייט זיין לעבן זאָל אים אַזוי פעלן, ווי עס פעלט אים איצט! איר מיין אָבער, פאַרשטיי איך: אַ כפרה-האָן, אַ וואַרמעס אָפּעסן... און דאָס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט אַ מתנה און אויסקליידן אים, מיינט זי, מיר האָבן פאַרגעסן... אַי, אַ יידענע, אַ מכשפה, זאָל מיר גאָט נישט שטראָפן פאַר מיינע רייד!

— און ווו בין איך? — רופט זיך אָפּ שמואל. — זאָל זי נאָר נישט אָנהייבן איינשמועסן זיך, אַז אַלטער איז אַ יתום, איז שוין הפקר די וועלט! עפּעס בין איך דאָך אונטערגעשריבן אויף די תנאים פאַר אַן ערב קבלן... און גלאַט אַזוי האָב איך אַלטערן מיין הן צדק בעגעבן, אים נישט צו לאָזן פאַרנאַרן. הערסטו, רייזל, וואָס איך זאָג דיר? מחוט ועד שרוך נעל, עס זאָל, חלילה, פעלן, וועל איך נישט דערלאָזן די חתונה אָפּשפּיקן.

— מיט זלאַטקען וועסטו אַ סך אויספירן! — באַמערקט רייזל.

— וואָס איז מיר זלאַטקע? איך וועל איר ווייזן, אַז זי איז זלאַטקע און איך בין שמואל, און קאָן מיט איר לערנען די סדרה בלק מיט אַלע פרושים, פאַרשטייסטו מיך!

און רייזל האָט אמת געזאָגט.

זלאַטקע איז טאַקע אַלעמאָל זלאַטקע. עס איז שוין דער יום-טוב אַריבער, מען בענטשט שוין, ברוך השם, ראש-חודש חשון. זי וואָלט שוין חשק האָבן ראש-חודש די חתונה אָפּצושפּילן מיט מזל.

אירע התחייבות אָבער ממלא צו זיין, האָט זי אַ ברעקל חשק נישט. נישט קיין זייגער מיט אַ קייטל און נישט קיין שניידער, אַ מאָס אָראָפּצונעמען אויף חתונה-קליידער, האָט זי נישט געשיקט, און שפּיל שוין חתונה! זי האָט קיין צייט נישט!..

אַ תּירוץ זאָגט זי, די האָט אַלטערן אַ קנעלונג געמאַכט, אים מיט ברויט פאַרזאָרגט, איז דאָס אַ סך מער ווערט, ווי אַ זייגער מיט חתונה-קליידער. דערמאָנט מען איר: ס׳טייטש, ווי איז דער מדובר געוועזן? ענטפערט זי מיט חוצפּה: ביי לייטן זאָגט מען מער צו, און מען איז נישט מקיים, וויל מען, אַז זי, די אָרעמע אַלמנה, זאָל מקיים זיין איר צוזאָג, עס זאָל אַפילו אַ האָר נישט פעלן!..

רייזל פאַרלאָזט זיך אויף איר שמואלן, און שמואל זאָגט:

— לאו דווקא, האָסטו צוגעזאָגט, זיי מקיים! מחוט ועד שרוך נעל: פון אַ פאָדעם ביז אַ שנירל טאָר נישט פעלן, אַז נישט — פּעקעלע, ריר זיך נישט! איך וועל אַלטערן נישט לאָזן גיין צו דער חופּה, מעג זיך די גאַנצע וועלט איבערקערן. גערעדט דאַרף זיין גערעדט!

אַלטערן איז קיין נפקא מינה נישט. יאָ חתונה — נישט חתונה, אַבי ער האָט זיינע תּלמידים, אַבי ער לערנט מיט זיי, און זיי פאַרנעמען אים זיין מוח מיט זיין צייט צוזאַמען.

אַמאָל גיט ער זיך אַ פרעג: „וואָס וואָלט זיין, אַז איך זאָל נישט האָבן איצט מיט וועמען צו לערנען? אויפן גאַס איז שוין רעגנדיק: ווו וואָלט איך מיך אַהינטאָן איצט?

נאָר אָט האָט שוין דער רעגן אָנגעהייבן זיך אַריינצוגנבענען ביסלעכווייז אויך צו אים אין שטיבל אַריין.

היינט האָט רייזל אַ בלאַט לאָקשן אויסגעוועלגערט, און אַז זי איז צוריקגעקומען פון גאַס — אַ צרה, אַ גזירה! דאָס גאַנצע בלאַט לאָקשן איז צעשוומען געוואָרן! עס האָט פון אויבן געקאַפּעט, און עס איז גאָר אַ דערטרינקעניש געוואָרן אין איר חדר. אויס לאָקשן, אויס וואָרמעס! אַפילו דאָס בעט האָט זי געמוזט פון חדר אַרויסטראָגן.

אַלטער איז אויפן בוידעם אַרויף, באַטראַכט דעם אָרט, פונוואַ-

נען דער רעגן גנבעט זיך דורך, און עס איז ביי אים א פלאן פאר־טיק געוואָרן, דעם דאך אליין צו פאַרריכטן.

אַלטער האָט שטענדיק שטאַרק ליב געהאַט עפּעס אַזאַ אַרבעט, וואָס מען מוז צו איר געברויכן אַ האַק מיט אַ האַמער.

אַז דער טאַטע זיינער האָט געלעבט און עס פלעגט זיך עפּעס אַזוינס טרעפן, איז אַלטער אַלעמאָל דער מייסטער געווען, וואָס פלעגט דעם דאך און אַפילו דעם קוימען מיט אייגענע הענט פאַרריכטן.

קוים האָט ער זיינע תּלמידים פריי געלאָזן און מנחה אָפּגע־דאַוונט, איז ער אַרויף אויפן דאך און האָט אָנגעהייבן מייסטערעווען.

די אַרבעט האָט געבערענט אונטער זיינע הענט. ער האָט גע־פילט — עס קומט אים צו אַ נייער כּוח פון יעדן קלאַפּ מיטן האַמער.

נאָר אָט האָט אָנגעהייבן טונקל ווערן, באַלד צייט צו גיין דאַוונען מעריב, און ביי אים איז געבליבן, די אַרבעט אויף מאָרגן מיטן באַגינען צו ענדיקן.

אַרומצוקוקן, וואָס ער האָט נאָך צו טאָן, איז ער אַרויף אויפן שפּיץ דאך.

שטייענדיק אַזוי אינדערהויך, האָט ער זיך אַ רגע פאַרקוקט אויף דער גאַנצער שטאָט, וואָס אונטער אים. ווייט־ווייט, זעט ער, ציט זיך די שטאָט. טויט־שטיל זענען די גאַסן, די הייזלעך אומע־טיק, ווי פאַרוויינטע אויף זייער ביטערער מערכה, שטייען זיי אין דער בלאָטע ביזן גאַרטל איינגעזונקען.

קיין מענטש, קיין ציג זעט ער אַפילו נישט, נישט פון ווייטן און נישט פון נאָענטן.

— דער רעגן און דער ווינט האָט, אַפּנים, אַלעמען פון מאַרק און פון די גאַסן אַראָפּגעטריבן, — קלערט ער. — נאָר אָט איז פון אַ זייטן־געסל עפּעס אַ מיידל, צי אַ ווייבל אויסגעוואַקסן. און פּלוצלונג דערפילט ער, דאָס האַרץ האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן און איז באַלד ווי פאַרשטאָרבן אין אים. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז... נאָך אַ טריט, און אָט זעט ער און דערקענט פון אויבן חנהלען... און שווערן ווילט זיך אים, אַז זי האָט אים אויך דערזען, אויך דערקענט. והראיה, זי האָט זיך פּלוצלונג, ווי אָפּגעהאַקט, אָפּגעשטעלט, פאַר־שעמט אָדער דערשראָקן...

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהייבן שווינדלען, אין די אויגן איז אים פינסטער געוואָרן, און וואָס איז מיט אים ווייטער געשען אויפן

שפּיץ דאַך, קאָן ער זיך בשום אופן נישט דערמאָנען. עס דאַכט זיך אים, ווי עמעץ וואָלט אים אַ שטויס געטאָן און ער האָט זיך אַראָפּגע-קייקלט...

ווען ער האָט דערנאָך די אויגן געעפנט, געדענקט ער קלאָר, איז ער געלעגן אויפן הויף אויף דער נאַסער ערד, און זיך אַפילו נישט געקאָנט אַ ריר טאָן.

הנהלע איז אויף די קני געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אים, זיינע הענט אין אירע הענט געהאַלטן, און געשריען:

— אלטער, וואָס איז אייך געשען? ווי איז מיר, וואָס טו איך, וואָס טו איך!?..—און געפּאַקן אים גלייך אין פּנים אַריין.

זי האָט אים געגלעצט, געוואָרעמט און דאַכט זיך... דאָס בלויז קומט אים אין זיין בלאָס געזיכט אַריין, אַז ער דערמאַנט עס נאָר. דאַכט זיך, זי האָט אירע ליפּן צו זיין שטערן צוגעדריקט און אים אַ הייסן האַרציקן קוש געגעבן... און ער? ער האט נאָר כּוח געהאַט אויסצורעדן:

— חנהלע, גוטע חנהלע!—מער גאָרנישט, גאָרנישט... מיט אַלע כּוחות האָט זי זיך געמאַטערט אים אויפצוהייבן, נאָר דאָ האָט ער אַ מין ווייטיק דערפּילט, אַ שרעקלעכן ווייטיק, אַזש דאָס לייב הייבט אָן אים צו ציטערן, אַז ער דערמאַנט זיך נאָר.

וואָס ווייטער איז מיט אים געשען, געדענקט ער שוין ווידער נישט. נאָר אַז ער האָט נאָכאַמאָל די אויגן געעפנט, איז רייזל איבער אים געלעגן און געשריען:

— קום צו זיך, אַלטער, לאָז זיך נישט אָפּ!

— וווּ איז זי? — געדענקט ער, האָט ער געפרעגט. — רייזל האָט אים נישט געענטפערט, נאָר דריי מאָל אויסגעשפּיגן און דריי מאָל „שמע ישראל״ געזאָגט.

באַלד איז אַרום אים אַ גאַנץ רעדל געוואָרן, מען האָט אים אויף די הענט אין שטוב אַריינגעטראָגן, אויף אַ בעט אוועקגעלייגט.

באַלד איז אויך דער דאָקטאָר געקומען, אים דורכגעטאַפּט אַלע גלידער, און פון זיין באַרירונג האָט ער אַ טעם גיהנום געפילט.

ער געדענקט נישט, צי האָט אים דער פוס, אָדער דאָס האַרץ אַזוי ווי געטאָן. גיכער דאָס האַרץ, וואָרים אַז דער פוס טוט ווי, קען מען שרייען, קען מען כאַטש אַ קרעכץ טאָן; טוט אָבער ווי,

דאָס הארץ, קען מען אַפילו אַ קרעכץ נישט טאָן, און דעמאָלט, גע־
דענקט ער, האָט ער נישט געקענט שרייען און נישט געקענט קרעכצן
אַפילו.

דערנאָך האָט מען אים אַריינגעלייגט אין אַ לייוונטן בעטל און
אים אַוועקגעטראָגן אין הקדש, ווו ער ליגט נאָך איצט אין גרויסע
ביטערע יסורים.

און שרעקלעך זענען די יסורים זיינע, כמעט גאָרנישט אַריבער־
צוטראָגן. און פונדעסטוועגן טראָגט ער זיי מיט געדולט אַריבער, און
זיי זענען אים כמעט ליב. ער איז נאָך אַזויווי צעפרידן מיט זיי.

וויפל מאָל האָט ער געוואָלט זיין גאַנץ לעבן אַוועקגעבן פאַר
נאָך איין מאָל זי זען, און מיט איין קוק אין אירע געטרייע אויגן
איר אויסדערציילן אַלץ, אַלץ, מיט וואָס זיין הארץ איז אַזוי פול,
וואָס מען קען דאָס גאָר מיטן מויל נישט אַרויסרעדן אַפילו אין
הונדערט יאָר צייט...

איצט האָט ער זי געזען, אין אירע אויגן אַריינגעקוקט. ער
האָט אירע הענט אויף זיך געפילט, אירע הייסע טרערן זענען אויף
זיין געזיכט געפאַלן, און מיט אירע ליפּן האָט זי זיין שטערן גע־
קושט... און פאַר דעם אַלעם האָט ער נישט מער, ווי איין פוס צע־
בראָכן און דעם אַנדערן נאָר אויסגעלונקען... איצט מעג שוין דער
דאָקטאָר טאָן איבער אים וואָס ער וויל. אָראָפּשניידן? זאָל זיין
אַראָפּשניידן. איינגיפסן? זאָל זיין איינגיפסן, ער וועט נישט שרייען,
נישט וויינען און נישט קרעכצן אַפילו. סיי ווי אַלצאיינס...

25

אויף מאָרגן, נאָכן אומגליק, איז שוין די שטאָט פול געווען.

ווי מען איז געגאַנגען און ווי מען איז געשטאַנען, האָט מען נאָר געהערט רעדן פון אַלטערן.

טייל האָבן געזאָגט:

— ביידע פיס וועט מען אים אַראָפּנעמען, און טייל האָבן זיך באַגנוגנט מיט איין פוס אַראָפּנעמען אינגאַנצן, און אויף דעם אַנדערן זאָל ער, נעבעך, בלייבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנץ לעבן.

מאַנסלייט, וואָס האָבן אַלטערן פון בית-המדרש געקענט, האָבן זיינע שבחים דערציילט: אַ ווילדערנער, אַ פרומער און אַ שטילער. אַ שאָד, אַ שאָד!..

מיידלעך און ווייבלעך, וועלכע פלעגן אויף אים אין גאַס כאַפּן אַ קוק, האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם שיינעם אַלטערן, און ווען זיי וואָלטן זיך נאָר נישט געשעמט, וואָלטן זיי געגאַנגען אין הקדש אַריין זען, וואָס מאַכט ער.

אין בית-המדרש, צום דאַווענען, האָט מען אויך נישט געשוויגן.

איינער האָט זיך אַ זאָג געטאָן זיין השערה:

— דאָס איז קיין מקרה-זאַך נישט געווען, אַ מענטש נעמט נישט און פאַלט אַראָפּ פון אַ דאַך גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַלטער האָט זיך בפירוש בידים פון דאַך אַליין אַראָפּגעוואָרפן, ווייל ער האָט חרטה אויף זיין שידוך. איידער ביי זלאַטקען צו זיין אַן איידעם, איז שוין גלייכער פון דאַך זיך אַראָפּצווואַרפן.

— וואָס איז די ראיה? — האָט באַלד אַן אַנדערער געפרעגט.

— די ראיה איז: וואָס איז ער גראָד אַראָפּגעפאַלן איצט, נאָך די תּנאים, און נישט מיט אַ צייט פריער? — האָט דער השערה-זאָגער געפרעגט.

— אַ ראיה, ווי גאָרנישט! — האָבן אים באַלד צען אַנדערע געענטפערט. — איינמאָל, אַז מען וויל חרטה האָבן אויף אַ שידוך, שיקט מען אָפּ די תּנאים און מען האָט חרטה. תּנאים איז דאָך נישט חתונה געהאַט. דאָס, וואָס ער איז אַראָפּגעפאַלן נאָך די תּנאים און נישט פריער, איז אויך קיין ראיה נישט. אַ מענטש לייגט זיך אַמאָל פריש און געזונט און שטייט אויף אַ קאַליקע, נישט פאַר קיינעם געדאַכט.

שמואלן האָט מען פשוט צורו נישט געלאָזן אַ גאַנצן טאָג.

יעדער האָט אים געפרעגט: וויאַזוי איז דאָס געשען? ווי פאַלט אים איין עפּעס אויפן דאַך אַרויפצוקלעטערן? ווי פאַרגינט מען זיך דאָס פריש און געזונט פון דאַך אַראָפּצופאַלן? וואָס איז די סיבה געווען? צי האָט ער זיך אויסגעגליטשט, צי אָן עפּעס זיך פאַרטשע-פּעט? וואָס זאָגט אַלטער אַליין? וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט? ווער איז דערביי געווען, און ווער האָט דאָס פריער דערזען? און נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות, וואָס גייען לייטן אום לעבן צו וויסן אַקוראַט.

שמואל האָט אין אָנהייב איטלעכן געענטפערט, וואָס ער האָט געוווּסט צו ענטפערן, נאָר אַז ער איז שוין פון געדולט אַרויס, נאָכ-אַמאָל און ווידעראַמאָל צו ענטפערן, האָט ער מיט כּעס אַ זאָג געטאָן:

— מעשה שהיה כך היה: באַשערט געווען אַלטערן, נעבעך, אַ קאַליקע צו ווערן, אָדער, אל תּפתּח פּה לשטן, צו שטאַרבן מתּוך ענוּיִם קשים, האָט זיך עס אַזוי געמאַכט... הרבה שלוחים למקום: אויסצופירן דעם רבונו של עולמס אַ גזר, איז איטלעכע זאַך אַ שליח. ווילסטו אַ בלאַט לאָקשן, נעמט רייזל און וועלגערט אויס אַ בלאַט לאָקשן. דאַכט זיך אין פלוג, וואָס פאַר אַ מזיק קען זיין אַ בלאַט לאָקשן? נאָר אָנגעהייבן האָט זיך עס פאַרט פונם בלאַט לאָקשן. ווילסטו אַזוי אַ דאַך, אָן אַ בלאַט לאָקשן? וואָלט אַלטער גאָר אַזוי זיך אַרויפגעקלעטערט אויפן דאַך, און וואָלט אַזוי אויך געשטרויכלט געוואָרן, אַראָפּגעפאַלן, און גאָר. מער הייב איך נישט אָן צו וויסן. איך בין אַפילו גאָר דערביי נישט געווען, און לאָזט מיך צורו!

גאָר אַנדערש האָט זיך רייזל דערקלערט די סיבה פון אַלטערס אומגליק. אויפן גלייכן וועג איז אַזוינס נישט געשען. אַ נייס אַלטערן אויפן דאַך צו זיין?

געווען גענוג מעשיות האָט זי זיך פון לייטן אָנגעהערט דערציילנדיק, און נאָכמער האָט זי זיך אַליין אָנגעלייענט אין „קב הישר" און אין נאָך אַזעלכע הייליקע ספרים, ווי די „נישט-גוטע", נישט דאָ געדאַכט, טוען זיך אָן אַמאָל אין אַ מענטשן, מיט אים אַ שיינע מעשה אָפּ-צושפּילן: אַמאָל פאַרקליידן זיי זיך אין אַ רייכן יידן, שפּילן אָפּ אַ חתונה מיט אַ יידישער טאָכטער, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, פאַר-פירן זי אין פּוסטע וועלדער, אין וויסטע פעלדער, לעבן דאָרט מיט איר, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, האָבן קינדער, האַלבע מענטשן, האַלבע רוחות, זאָל מען עס נישט זען, און פירן אַמאָל אַראָפּ צו זיך אַ הייבאַם און אַ מוהל זיי צו יידישן אויך. ערגער אַ סך, ווי די „נישט-גוטע" זכרים, זענען זייערע נקבות: לילית מיט איר גאַנצער באַנדע. טשעפּען זיי זיך צו צו ערגעץ אַ מאַנסביל, גייט ער שוין טרוקן פון זייערע הענט נישט אַרויס. שליטה האָבן זיי אויף אַלטע בחורים, אָדער אַזוי אויף אַ גרוש, אָדער אַן אַלמן, וואָס בלייבן זיצן לאַנג אָן אַ ווייב. אָט פאַרשטעלן זיך די נישט-גוטע נקבות פאַר שיינע מיידלעך, פאַר בת-מלכּהס, טשעפּען זיך צו צו אַזאַ מין פאַרזעסענעם מאַנסביל, פירן אים אַוועק ערגעץ אין אַ טמא אָרט, אין אַ בלאָטע — מיינען מיינט יענער, ער איז אין אַ פּאַלאַץ, ווו ער טאַנצט מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט, ביז אַ האָן טוט אַ קריי... כאַפּט זיך יענער אויף און קוקט זיך אַרום: ער ליגט גאָר ביזן האַלדז אין בלאָטע. אָן אַנדערש מאָל היטן זיי צו אַזאַ רגע, בעת יענער שטייט אין אַ סכנה-אָרט, ביי אַ ברונעם, אָדער אויף אַ בריק, אויף אַ דאַך, אָדער אַ בוידעם — באַווייזן זיי זיך אין אַ פּנים פון אַ שיינער נקבה, וועגן וועלכער יענער האָט הרהורים, פאַרבלענדן אים די אויגן, ער פאַרגעסט גאָר ווו ער איז, און אַז דער יצר-הרע, רחמנא לצלן, צינדט זיך אָן אין אים, לויפט ער צו איר... און פאַלט אָבער פון בריק אין וואַסער אַריין און ווערט דערטרונקען, אָדער — פון אַ שפּיץ דאַך אַראָפּ און ווערט דערהרגעט, אָדער געשעדיקט, און דאָס איז דער גאַנצער מיין פון „יענע לייט".

און שווערן וואָלט רייזל, אַז מיט אַלטערן איז אויך אַזאַ נישט רייגע מעשה געשען. ווי אַ העליש פייער האָט זיך, נעבעך, אין

זיין ריין הארץ א מחשבה אריינגעכאפט, נאר צו טראכטן און צו קלערן וועגן פייוולס מיידל. נארישער מענטש, וואס קאן דיר שוין העלפן דיין טראכטן און קלערן, אז דו קאנסט שוין אויף איר נישט רעכענען? — טענה היינט, טענה מארגן. א קליפה, נישט דא געדאכט! אבער דו ביזט שוין א חתן, קער שוין צו דיין באשערטער און פארגעס יענע. — ניין, צפנים, ער האט נאך ווייטער געטראכט, ווייטער געקלערט אלץ וועגן יענער... נו, האבן די נישט-גוטע דאס דער-שמעקט און האבן צוגעהיט די רגע פון א סכנה, ווען ער איז גראד אויפן דאך געשטאנען. א פארבלענדעניש ארויפגעווארפן אויף אים, ער זאל מיינען, אז די גאלדענע חנהלע שטייט און רופט אים. אט איז ער צו איר געלאפן און איז, נעבעך, אריינגעפאלן נאר אין זייער נעץ... ווי דאס הארץ וואלט מיר געזאגט, — האט רייזל פאר זיך איבערגערעדט, — אז קיין גוטס וועט פון אזא איינגליבעניש נישט ארויס!

און נישט אומזיסט האט רייזל דריי מאל אויסגעשפיגן, ווען אלטער האט פון חלשות די אויגן געעפנט און באלד געפרעגט: „און ווו איז זי?"... — א שיינע „זי" איז דאס געווען...

נאכמער, רייזל דערמאנט זיך ערשט, אז זי האט טאקע די נישט-גוטע אליין מיט אירע אויגן געזען. פונקט ווי חנהלע האט זי אויסגעוויזן, נאר די אויגן זענען געווען ווילד, דאס פנים טויט, ווייס ווי קאלך. און נישט מיט א קול פון א מענטשן האט זי איר אין פענסטער אריינגעשריען: „רייזל, גוואלד, גייט ארויס ראטעווען אלטערן! גיכער, גיכער, איך לויף נאך א דאקטאר!" און איז, ווי א פייל פון בויגן נעלם געווארן.

אפנים, זכות אבות האבן זיך אריינגעמישט, —דערקלערט זיך רייזל,— די נישט-גוטע זאל מער קיין שליטה נישט האבן איבער אים, און זאל נאך אליין אוועקפליען ברענגען א דאקטאר אים צו ראטעווען.

עס פארדריסט נאר רייזלען, וואס זי האט זיך פארגעסן גאר בעת מעשה, דער נישט-גוטער גלייך אין פנים אריינצושפייען און פסלען דערמיט איר שליטה איבער זיך אליין. — נאר ווער קאן אין אזא שרעק און מהומה א קאפ האבן דאס אלץ זיך צו דערמאנען?— טרייסט זי זיך.

● און רייזל זיצט לעבן אלטערן אין הקדש, קוקט אויף זיין פינ-

סטער פנים און זעט באַשיינפּערלעך די סימנים פון דער נישט-גוטערס קוש אויף אים.

און אַלטער ווייסט נישט פון דער נישט-גוטער, ער ווייסט נאָר פון זיינע שמערצן, בעת דער דאָקטאָר פּאָרעט זיך דאָרט אַרום זיין פוס, און עס שרייט זיך אים און עס קרעכצט זיך אים ממילא, כאָטש ער וויל נישט שרייען און טוט זיך אָן אַ כוח נישט צו קרעכצן.

ביינאַכט, ווען די יסורים זיינע זענען אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָט ער נאָכאַמאָל רייזלען געפרעגט:

— ווו איז זי?

— וועמען מיינסטו? — האָט אים רייזל געפרעגט, אום אים פון זיין נאַרישן טעות אַרויסצופירן.

— חנהלען, מיין איך, — האָט ער געענטפערט, — ווייסט זי כאָטש, אַז איך לעב?

— רעד זיך נישט איין קיין נאַרישקייט, אַלטער! גאָט איז מיט דיר. עס האָט זיך דיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז דו זעסט זי. — זאָג „שמע ישראל״, שפּיי אויס, וועט דער כישוף אַראָפּ פון דיר.

— ניין, ניין! נישט איך, נאָר איר האָט אַ טעות, —האָט אַלטער זיך ביי זיינס געהאַלטן, — טאָמער שטאַרב איך, זאָגט איר, רייזל, אַז איך בין אַפילו איר טאַטן אַלץ מוחל... פאַר איר וועל איך גאָט בעטן אויף יענער וועלט.

— רעד בעסער נישט, מיין זון, און טראַכטן דאַרפסטו איצט אויף פון גאָט דעם לעבעדיקן אַליין נאָר, און נישט, להבדיל באלף הבדלות, פון אי״ר.

רייזל האָט נאָר איבער אַלטערס בעט דריי מאָל „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״ געזאָגט, זיך געזעגנט מיט אים ביז מאָרגן פרי, און איז אַהיימגעגאַנגען מיט אַן אָנגעקלעמט האַרץ.

אַראָפּגייענדיק די טרעפּלעך פונם הקדש, איז זי אַ רגע שטיין געבליבן.

פינסטער איז די נאַכט געווען, כאָטש נעם זיך די אויגן אַרויס, און נאָך אַרויסגייענדיק פון דעם ליכט, האָט רייזל גאָר די וועלט פאַר זיך נישט געזען און האָט געוואַרט ביז עס וועט איר פּאָרט אַ ביסל אָנהייבן ליכטיקער ווערן.

פלוצלונג האָט זי טריט דערהערט און האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָ? איז דאָס אַ מענטש, זאָל זיין גאָט מיט אים! איז דאָס אַ נישט-גוטער, זאָל ער אַוועק אין אַלדע רוחות!

— אַ מענטש, אַ מענטש, רייזל, — ענטפערט דער עמעץ. — איך גייט פון הקדש, וואָס מאַכט אַלטער?

— זאָלן עס מאַכן אַלע די, וואָס ווינטשן יידן בייז! — רופט זיך אָפּ רייזל. און רייזל דערהערט, אַז דער עמעץ הייבט אָן וויינען און רעדט שטיל:

— גאָט אין הימל האָב רחמנות אויף אים!

דערהערנדיק דעם נאָמען „גאָט“ אַרויסרעדן, איז שוין רייזל גאָר זיכער, אַז דאָס רעדט אַ מענטש מיט איר. די נישט-גוטע קענען זיין הייליקן נאָמען נישט דערמאָנען.

— ווער-זשע ביזטו? ווער וויינט עס און בעט גאָט פאַר דעם עלנטן אַלטערן? צי ביזטו נישט אפשר שפרינצע, די כלה זיינע? — פרעגט רייזל.

— ניין, אַ שוועסטער נאָר בין איך אים נאָך אין קינדערשע יאָרן געווען. איצט איז מיר דאָס אויך נישט באַשערט... דערקענסט איר נישט חנהלען, פייוולס טאָכטער?

— ביזטו עס געווען נעכטן, וואָס האָט מיר אין פענסטער אַריינגעשריען, איך זאָל גיין ראַטעווען אַלטערן? ביזטו עס ווי אַ פייל פון בויגן נאָך אַ דאָקטאָר געלאָפן?

— איך, איך, גוטע רייזל... מיר איז באַשערט געווען דאָס אומגליק די ערשטע צו דערזען.

— חנהלע! — האָט ענדלעך רייזל זי ביים נאָמען אָנגערופן. — ביזטו עס טאַקע געווען? און איך האָב מיר אין קאָפּ אַריינגענומען עפּעס גאָר אַנדערש... טפוי! זאָל עס ווערן! פונוואַנען האָט זיך צו מיר גענומען גאָר אַזאַ בייזע מחשבה? וואָס-זשע ביזטו געקומען אַהער?

— העלפן בין איך געקומען! העלפן אַלטערן וויל איך, מוז איך, מעג מיר כאָטש מיין גאַנץ לעבן קאָסטן! — שרייט אויס חנהלע מיט אַ געוויין.

— גאָט איז מיט דיר, מיין גאָלדן קינד! — האָט רייזל, זי פאַר אַ האַנט אָנכאַפּנדיק, געענטפערט. — וויין נישט, שריי כאָטש נישט אַזוי, לייט קאָנען עס דערהערן און זיך קלערן מי יודע וואָס!..

— וואָס קאָן איך איצט טראַכטן, וואָס לייט וועלן קלערן, אַז

לעבן קאָן איך איצט נישט מער! — קלאָגט חנהלע און וואַרפט זיך רייזלען אויפן האַלדז אַרויף.

— וואָס-זשע, מיין גוט קינד, ווילסטו טאָן? וואָס-זשע קענסטו טאָן, אַז דער דאָקטאָר אַליין קאָן זיך אויך קיין עצה נישט געבן?

— פירט מיך נאָר אַריין צו אים, זיצן לעבן זיין בעט וויל איך, העלפן אים, טרייסטן אים, און ווער גאָט נישט וועלן צונעמען מיין בעטן, זאָל ער כאָטש מיין לעבן צונעמען פאַר אים! — האָט חנהלע מיט אַ גאַס טרערן אויף רייזלס האַלדז געקלאָגט.

— הער נאָר, וואָס דו רעדסט? — הייבט זי רייזל אָן צו זיך צו ברענגען — דו פאַרגעסט גאָר, אַז דו ביזט אַ מיידל... אַלטערן איצט שוין גאָר אַ ווילד פרעמד מיידל... ווי טאָרסטו גאָר אַזוינס וועקן? ווי קענסטו גאָר אַזוינס טאָן?

— פאַרוואָס, רייזל, טאָר איך עס נישט? איז דען אַ מענטשן צו ראַטעווען — אַ זינד? אַ שאַנד?

— דו טאָרסט עס נישט פאַר גאָט, פאַר דעם טאַטן און מאַמען דיינע!.. דו טאָרסט עס נישט פאַר אַלטערן... פאַר דעם קראַנקן, צע-הרגעטן אַלטערן טאָרסטו עס נישט, מיין קינד!

— גאָט ווייסט מיין האַרץ, רייזל, דער טאַטע און די מאַמע מיינע וועלן עס מיר מוחל זיין, און פאַר אַלטערן מעג איך, מוז איך עס טאָן!..

— אָבער טויטן וועסטו אים דערמיט... שטאַרבן וועט ער, אַז ער וועט דיך נאָר דערזען לעבן זיך, מיין גוט קינד... וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו!.. אוי, נישט שטראָפן זאָל גאָט דעם טאַטן דיינעם פאַר אַלטערס צער, פאַר אַלטערס טרערן. פון יענעם טאָג אָן, זינט ער האָט זיין האַרץ אַזוי פאַרשעמט און באַטריבט און האָט אים אַליין אין אויג געזאָגט:

— טו דיר אָן אַנדער שידוך און פאַרגעס מיין חנהלען!

— גרינג צו פאַרגעסן!.. הונדערט תעניתים וועל איך פאַסטן און חנהלען וועל איך נישט פאַרגעסן? — האָט דערנאָך אַלטער פאַר מיר אַליין זיין האַרץ אויסגעגאָסן...—און מיינסטו, אַז מיט זיין ווילן איז ער דערנאָך אַ חתן געוואָרן פאַר זלאַטקעס טאָכטער? — שטאַרבן, שטאַרבן וויל איך בעסער! — האָט ער זיך געבעטן ביי מיר און ביי מיין שמואלן... נאָר ראַטעווען אים האָבן מיר געוואָלט, קיין אַנדער

ברירה נישט געהאַט, מיין אָרעם קינד, נעבעך, און ווי צו דער עקדה האָט ער זיך געלאָזט פון אונדז צו די תּנאים פירן...

— רעדט נישט, דערציילט מיר מער נישט, טייערע רייזל! — האָט שוין חנהלע קיין כוח נישט געהאַט מער אויסצוהערן רייזלס פאַרענטפערן אַלטערן פאַר איר. — איצט וויל איך נישט, טאָר איך נישט פון קיין זאַך וויסן, נאָר ראַטעווען וויל איך אים, אָדער כאָטש זיינע יסורים מיט אים צוזאַמען צו ליידן. זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס הייסט איר מיר איצט טאָן?

— גאָט דעם לעבעדיקן בעטן, מער גאָרנישט! — ענטפערט רייזל.

— גאָט האָב איך שוין אַ נאַכט מיט אַ טאָג כּסדר געבעטן, און איך הער איין רגע נישט אויף צו בעטן אים פאַר אַלטערן! ניין, ניין, דערמיט קאָן מיין האַרץ נישט געהיילט ווערן, טאָן וויל איך פאַר אים, מיין לעבן כאָטש געבן פאַר אים! — קלאָגט און וויינט חנהלע.

— הער-זשע צו, מיין פרום קינד, וואָס מיין האַרץ הייסט מיר נאָך זאָגן דיר, — האָט רייזל נאָך עטלעכע מינוט אויסוויינען זיך מיט חנהלען צוזאַמען פּלוצלונג, ווי גאָרנישט מיט איר קול, אויסגערעדט. — דו ווילסט דאָך, אַלטער זאָל געזונט זיין?

— זאָל גאָט נאָר אַזוי מיין בעטן צוהערן!

— זאָלסטו אַ קרבן ברענגען דעם לעבעדיקן פאַר אַלטערס געזונט!

— כאָטש מיין גאַנץ לעבן גיב איך אים פאַר אַ קרבן פאַר אַלטערס געזונט... זאָל ער עס נאָר וועלן ביי מיר אַזוי צונעמען! — שרייט חנהלע אַרויס גרייט זיך אויפצואָפּפערן אין דער מינוט.

— ניין, נישט דיין לעבן פאַרלאַנגט גאָט, ברוך הוא, — ענטפערט רייזל.

— וואָס דען? וואָס דען? — שרייט חנהלע פון אומגעדולט.

— דיין האַרץ! דיין כשר יידיש האַרץ, מיין פרום קינד, פאַר-לאַנגט גאָט אַ קרבן פאַר אַלטערן!.. — זאָגט רייזל דייטלעך און פעסט, ווי יעדעס וואָרט אָפּציילנדיק.

חנהלע האָט אַ ציטער געטאָן, אַליין נישט ווויסנדיק, פאַרוואָס. רייזלס ווערטער פאַרשטייט זי נאָך נישט.

— וואָס מיינט איר דערמיט, גוטע רייזל? — פרעגט זי, און איר קול רייסט זיך אָפּ, ווי אָפּגעהאַקט.

— איך מיין דערמיט, — דערקלערט רייזל אַלץ מיט דעם אייגע-נעם פרומען טאָן, ווי פריער, — איך מיין, דו זאָלסט פון דיין האַרצן

ד ע ם אויסרייסן, וועגן ווצמען דו טאָרסט שוין נישט טראַכטן אפילו... נישט באַשערט, אייך ביידן איינער מיט דעם אַנדערן אין נחת צו לעבן, וויל גאָט, ברוך הוא, איר זאָלט איינער דעם אַנדערן פאַרגעסן! ער וויל נישט, טאָרט איר אויך נישט וועלן... אפשר איז דער גאנצער גזר געקומען אויף אַלטערן נאָר צוליב דעם, וואָס זיין האַרץ איז נאָך נישט פריי געווען פון בענקען און מחשבות וועגן דיר, כאָטש ער איז שוין אַ חתן פאַר אן אַנדערער... פאָלג דיין טאַטן, מיין ליב קינד, כאָטש איך בין אויף אים אין כעס, דיר אָבער איז ער אַ טאַטע, און זיין רצון מוז דיר הייליק זיין!...

— רייזל, גוטע, פרומע רייזל,—רעדט חנהלע ארויס מיט אַ שווע־רער געדריקטער שטימע, — מיין לעבן קען איך אים געבן, אויף מיין האַרץ אָבער האָב איך קיין דעה, קיין מאַכט נישט!..

— אָבער גאָט, ברוך הוא, פאַרלאַנגט עס פון דיר!

— גאָט, גאָט, פאַרוואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר אַזוינס, וואָס איז מיר שווערער פאַר מיין לעבן? — שרייט חנהלע צו גאָט און טוליעט זיך צו צו רייזלען, גלייך ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן אין איר.

— וואָס שווערער דער קרבן איז, אַלץ טייערער איז ער ביי אים, מיין ליב קינד! גיב אים, גיב אים, ער וואַרט איצט אויף אים!

חנהלען דאַכט זיך: עמעץ האָט די נעגל אַריינגעשטעקט אין איר האַרצן עס אַרויסצורייסן.

זי פאַלט נאָכאַמאָל רייזלען אויפן האַלדז, שלוכצט נאָך פון וויי־נען, און ענטפערט קיין וואָרט נישט.

— וואָס שוויגסטו, מיין טאָכטער? — רעדט רייזל ווייטער. — דאָרט אין הימל וועגט מען איצט אַלטערס גורל אויף לעבן אָדער אויף טויט, חלילה, רייס אַרויס דיין האַרץ און לייג אַרויף אויף דער שאָל פון לעבן... אין דיין ווילן הענגט אפשר אין דער רגע זיין זיין לעבן און געזונט...

דערהערנדיק די רייד רייזלס, דאַכט זיך חנהלען: זי זעט יענע גרויסע וואָגשאָל אין הימל, אויף וועלכער מען וועגט איצט אַלטערס גורל.

אויף איינער איז אויפגעשריבן „לעבן", מיט אַ העלן, ליכטיקן פייער, אויף דער אַנדערער — דאָס שרעקלעכע וואָרט „טויט", מיט אַ שוואַרצן פייער און, דאַכט זיך, אָט, אָט צ ט די שאָל פון טויט אַראָפּ... נאָר גאָט אַליין שטייט אין דער רעכטער זייט, לעבן דער שאָל פון

לעבן, און ווארט, עמעץ זאָל עפּעס אַרויפלייגן, זי זאָל אַריבערווינגן און ער זאָל אויסרופן: לעבן, לעבן!!

עס ווילט זיך איר גיכער העלפן די שאָל פון לעבן אַריבערציען, און זי שרייט אויס, ווי אין שרעק:

— רייזל, גיכער, וואָס דאַרף איך טאָן? זאָגט שוין דאָס וואָרט אַרויס!

— אַ שבועה, אַ נדר נעם אויף זיך, מיין פרום קינד, דיין טאַטן און מאַמען צו פאָלגן, און אָן אַלטערן צו פאַרגעסן.

— איך נעם! איך נעם אַזאַ שבועה אויף זיך פאַר דעם לעבן און געזונט פון דעם, וואָס איך טאָר שוין פון אים נישט טראַכטן אַפילו!.. — האָט זי מיט אַ האַרצרייסנדיק געשריי אַרויסגערעדט אין איין אָטעם און נאָך נעענטער און שטאַרקער צו רייזלס ברוסט זיך צוגעטוליעט, גלייך ווי זי וואָלט ביי איר געזוכט כוח און מוט דעם ריס אין האַרצן אַריבערצולײַדן.

— גוט, גוט אַזוי, מיין גאָלדן פרום קינד! — האָט רייזל זי געטרייסט און איר יונגן קאָפּ געקושט. — דו האָסט דעם שווערן נסיון בייגעשטאַנען, גאָט, ברוך הוא, האָט דיין טייערן קרבן צוגענומען! אַז מיין שעה וועט קומען, און איך וועל ווערט זיין פאַר זיין הייליקן שטול מיך צו שטעלן, וועל איך עדות זאָגן, אַז נישט אברהם אַליין האָט זיין קינד צוליב זיין הייליקן ווילן צו דער עקדה געפירט, אָבער אויך דו, מיין קינד, אַ שוואַכע יידישע טאָכטער פון הייַנטיקע צייטן, ביזט אַזאַ שווערן נסיון בייגעשטאַנען! און בעטן וועל איך אים פאַר דיר, ער זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין שווערן קרבן אויף דער וועלט, מיין קינד, און אויך אויף יענער וועלט.

— בעט אים, בעט אים, רייזל, כוח זאָל ער מיר געבן, איך זאָל קאָנען מיין נדר אויסהאַלטן... בעט אים, טאָמער וועל איך חרטה האָבן, אָדער מיין האַרץ וועט נאָך אַלץ נישט קענען פאַרגעסן אים... בעט אים, מיך זאָל ער דאַן שטראָפן, מיך אַליין, נישט אים, נישט אים!..

— און כוח וועט ער דיר געבן, מיין גאלדן קינד, און בענטשן וועט ער דיך נאָך, מיט אַ סך, אַ סך נחת אין דיין לעבן! — טרייסט רייזל און קושט אירע הענט.

— ניין, ניין, איך קען שוין קיין נחת נישט האָבן, איך וועל שוין קיין נחת נישט האָבן!.. — שלוכצט נאָך חנהלע אַרויס און בלייבט

רייזלען הענגען אויפֿן האַלדז, ווי אוממעכטיק, נאָר שטיל גיסן זיך נאָך אירע טרערן און דאָס האַרץ צוקט און צוקט.

און רייזל פֿילט, ווי דאָס האַרץ פֿון דעם יונג שיין קינד קלאַפּט, צוקט און וואַרפֿט זיך. זי פֿילט אויך די טרערן, וואָס פֿליסן פֿון די שיינע אויגן אַרויס, און עס פֿאַלן און פֿאַלן די טרערן און דער שטילער פֿינסטערער נאַכט אַריין, און עס זעט זיי איצט קיינער, און און עס פֿילט זיי נישט אַפֿילו קיינער, אויסער זי, רייזל, דאָ אויף דער ערד, און ער, דער ליבער גאָט, דאָרט הויך אין זיין הייליקן הימל...

26

זלאַטקען האָט מען אָנגעזאָגט, אַז אַלטער איז פֿון דאַך אַראָפּ־געפֿאַלן און ליגט שוין, נעבעך, אין הקדש, ערשט אויף מאָרגן נאָך דעם געשעענעם אומגליק.

זי איז באַלד אַוועקגעלאָפֿן אַ קוק טאָן, צי לעבט ער כאָטש.

אין ערשטן חדר פֿון הקדש האָט זי געפֿונען רייזלען, און האָט איר שוין אויסגערעדט די עוולה, וואָס מען האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז אַלטער האָט אַ כלה, זאָל לעבן, מיט אַ מחותנתטע, זאָל געזונט זיין און מען האָט זיי נישט געשיקט אָנזאָגן דאָס אומגליק אין דער ערשטע רגע.

— וואָס וואָלט איר אים דען געקענט העלפֿן, ווען איר ווייסט שוין אין דער ערשטער רגע דעם גרויסן גזר? — פֿרעגט רייזל, וואָס פֿאַרשטייט נישט, וואָס זלאַטקע וויל פֿון איר.

— ווי מיינט איר, וואָלט איך געהאַט צוגעלאָזן, מען זאָל מיין קינדס חתן אַריינגעבן אין הקדש? — שרייט זלאַטקע. — וואָס איז, ער האָט קיין היים נישט, קיין אייגן בעט, חלילה, אויף וואָס קראַנק צו ליגן?

— אוודאי האָט מיר באַדאַרפט אין קאָפּ ליגן בעת מעשה, אַז אייך וועט עס נישט אָנשטיין! האָב איך באַדאַרפט לאָזן אַלטערן ליגן אַ דערהרגעטן, און לויפן ביי אייך פרעגן, וואָס צו טאָן!.. — ענטפערט איר רייזל מיט כּעס.

— איך ווייס, וואָס באַטייט פרעמדע געטריישאַפט!.. — האָט זיך זלאַטקע אָפּגערופן און פאַרצויגן גיפטיק אירע בלויע ליפּעלעך.

— סיידן אייער צער רעדט פון אייך אַרויס, — באַמערקט איר רייזל, — אַז נישט, וואָלט איך אייך זאָגן, אַז איר ווייסט נישט, וואָס איר ווילט. נאָך נישט צייט געהאַט אַפילו צו פרעגן: וואָס מאַכט אַלטער, און זי רעכנט זיך שוין מיט מיר. וואָס, מען האָט איר כּבוד אָנגערירט?

דערווייל איז דער דאָקטאָר אַריין צו אַלטערן, און מען האָט נישט רייזלען, נישט זלאַטקען צו אים צוגעלאָזן.

זלאַטקע איז מיט כּעס פון הקדש אַרויסגעלאָפן און איז גלייך אַוועק אויפן „גוטן אָרט", וועקן דאָרט איר „שלים-מזל", ר' לייבעלע דיין, ער זאָל נישט שלאָפן, ער זאָל לויפן דאָרט הימלען איינרייסן, די טויערן פון רחמים עפענען, און זאָל תּיכּף ברענגען די רפואה שלמה פאַר אַלטערן, ער זאָל, חלילה, קיין קאַליקע נישט בלייבן, און זי, זלאַטקע, זאָל נישט דאַרפן די תּנאים אָפּלאָזן, און ווידער האָבן צער פון שפּרינגצען, אַ נייעם חתן צו געפינען, צו וואָס זי האָט שוין מער קיין כּוח נישט...

צוריקגייענדיק פון בית-עולם, איז זי ווידער געלאָפן אין הקדש.

אין וועג, האָט זי נישט פאַרגעסן צו קויפן אַ מאַראַנץ, אַל-טערן די נשמה צו דערקוויקן אויף זיין קראַנקן בעט, נעבעך.

און ווידער האָט זלאַטקע נישט געקענט צוקומען צו אַלטערן.

רייזל, וואָס איז דאָ נאָך אַלץ געווען, האָט איר געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר פון הקדש אַליין האָט נישט געקענט קיין עצה זיך געבן וואָס צו טאָן, האָט ער אַרויסגערופן נאָך צוויי אַנדערע דאָק-טוירים, און זי ציטערט, זיי זאָלן אים דאָרט איינדרייען, חלילה, ביידע פיס נישט אַראָפּנעמען.

— ניין, ניין! — האָט זלאַטקע אָנגעהייבן צו וויינען. — מיין מאַן אויף יענער וועלט וועט עס נישט דערלאָזן! איך קום ערשט פון „גוטן אָרט". איך האָב אים אָנגעזאָגט, וואָס ער האָט דאָרט צו טאָן.

נאָט אייך אַ האַנט, רייזל־קרוין, אַז ער שטייט שוין איצט פאַרן בית־דין של מעלה און טענהט פאַר אַלטערן!

— זאָל גאָט רחמנות האָבן און חסד טאָן מיט מיין טייערן אַלטערן! — האָט רייזל געענטפערט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

זלאַטקע האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט נאָך היינט אין איר מויל נישט געהאַט, און דאָס האַרץ חלשט איר.

פון אַלטערס חדר האָט זיך אין דער רגע זיין געשריי דערהערט.

— מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ טאַטער, דאַ צו שטיין און זיינע געשרייען זיך איינצוהערן, — האָט זי צו רייזלען געזאָגט. — איך איך קען נישט, איך חלש. זאָגט אַלטערן, אַז איך בין דאַ צוויי מאָל שוין געווען, אויפן „גוטן אָרט" זכות־אבות אויפגעוועקט, זאָל ער נישט זיין אַראָפּגעפאַלן, מען טוט פאַר אים... נישקשה, ער האָט, ווער עס זאָל פאַר אים טאָן.

מיט די ווערטער איז זלאַטקע פון הקדש אַרויס.

עס איז שוין געווען פינסטערלעך.

פון גרויס צער האָט זלאַטקע פאַרגעסן אַפילו דעם מאַראַנץ רייזלען צו לאָזן, אַלטערן זיין נשמה צו דערקוויקן, און האָט אים, פון הקדש גייענדיק, אַליין אויפגעגעסן און איר אייגענע נשמה דערקוויקט.

מער איז זלאַטקעס פוס איבער דער שוועל פון הקדש נישט אַריבער.

— ווען מען ווילט זיך עפּעס מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריינקריכן? — האָט זלאַטקע ביי זיך באַרעכנט. — ווי געשריען, נאָך איין וואָרט האָט מיין שפּרינצקע מיט אים נישט אויסגערעדט, נאָך גאָרנישט צייט געווען איר האַרץ זאָל צוגעקלעפּט ווערן צו אים, און גיי האַלט זיך שוין מיט דיין קאַליקע אָן פיס, ביז אין גרוב אַריין!

— ניין, ניין! — האָט זי ביי זיך באַשלאָסן. — קיינער קען מיך דערצו גאָרנישט נייטן. קיינער קען עס אַפילו נישט פאַרלאַנגען פון מיר!

און וואָלט זיך נאָר געמאַכט עפּעס אַן אַנדער שידוך פאַר איר שפּרינצקען, וואָלט זלאַטקע נישט געקוקט גאָר, וואָס די וועלט וועט זאָגן, און זי וואָלט אָפּגעשיקט אַלטערן די תנאים, כאָטש נאָך אין

הקדש ליגנדיק. שפּרינצען אָבער האָט מען נאָך נישט אויסגעכאַ און זלאַטקע האָט דעם כּלל נישט פאַרגעסן:

— מען טאָר נישט אויסגיסן דאָס אומריינע וואַסער, כּל־זמן מען ה נאָך דאָס ריינע נישט. אָט האָט זי געוואַרט, זען וואָס דאָ וועט וו נאָר זיין צו אַלטערן אין הקדש איז זי גאָרנישט מחויב.

— עס איז שוין אַזוי אויך אַ גוטע קלאָג, וואָס די גאַ שטאָט ווייסט, אַז איר קינדס חתן ליגט אין הקדש, זאָל זי נאָך שוואַרצן איר פּנים, שטיין מיט אַלע קבצנים צוגלייך, און וואַ ביז מען וועט זי צולאָזן צו אים?..

רייזל און איר שמואל האָבן פון זלאַטקעס חשבון געוווּסט, דאָס האַרץ האָט זיי ביידע אויף איר געקאָכט, ווי אַ קעסל.

אַזוי־ווי רייזל האָט גאָט געבעטן, ער זאָל אַלטערן אַ זיינע פּיס שטעלן, אַזוי הייס האָט זי אים אויך געבעטן, ער דער מכשפה אַזא דעה געבן, אָפּצושיקן אַלטערן זיינע תּנאים.

— אַ בייזע שעה איז עס געווען, — האָט זי אַמאָל פאַר אי שמואלן דאָס האַרץ אויסגערעדט, — אַ בייזע שעה, וואָס איך האָב די מכשפה זלאַטקע „צום־גדליה" אויפן „גוטן אָרט" באַגעגנט, אי מיך געלאָזט אָנרעדן פון דער שלאַנג...

— און איך, זעסטו, האָב גאָר קיין עגמת נפש נישט דע פון, — ענטפערט איר שמואל. — זאָל נאָר אַלטער פון בעט אַראָ אַהיימקומען אַ געזונטער, וועל איך מיר ערשט נעמען איצט לערנע מיט איר בלק גאָר אויף אַן אַנדער אופן. הערסטו, רייזל, וואָ אי זאָג דיר? מיט אַלע פּירושים וועל איך מיט איר לערנען, אַפילו מיטן „שפתי חכמים" אויך!

— וואָס וועסטו איר טאָן? — פרעגט רייזל.

— איך וועל איר זאָגן: זלאַטקע, לעב נישט אין טעות. דיין טאָכטער, זיי וויסן, איז אויס כּלה. ווידער אַ מויד! און וואָס האָב איך איר נאָך וואָס צו זאָגן? נישקשה, זי וועט זיך שוין שטויסן, וואָס מיינט דער פּסוק, און וואָס מיין איך!..

— אָבער טאָר מען דאָס? — פרעגט רייזל.

— איך וועל נישט טאָן, וואָס מען טאָר נישט! — ענטפערט שמואל שטאָלץ — מיר האָבן אַ דין אין דער גמרא: כּל המשנה, ווער עס איז משנה, ידו על התחתונה, יענער האָט פאַרשפּילט. זלאַטקע, פאַרשטייסטו מיך, האָט שוין פון אָנהייב אָן משנה געווען

ן דעם גאַנצן מדובר, איז שוין דער שידוך על פי דין ממילא בטל, ין וואָס איז נאָך דאָ צו טענהן מכוח דעם?

און אַלטער ליגט נאָך דערווייל אין הקדש און ליידט שטאַרק ן דעם צעבראָכענעם לינקן איינגעגיפּסעוועטן פוס, און נאָכמער ון דעם אויסגעלונקענעם רעכטן, וועלכער לאָזט זיך נישט צורוק אין געלענקען אַרייַנפּאַסן.

זיין אומגליק האָט מיטלייד אויף אים אין דער גאַנצער שטאָט יפגעוועקט.

די באַלעבאַטים, וואָס האָבן שוין געהאַט געשיקט אין אָנהייב ערע קינדער צו אים אין חדר לערנען, זענען מיט זייערע קינדער געקומען אַלטערן מבקר חולה זיין אין הקדש.

עס האָבן די קליינע תלמידימלעך געוויינט, קוקנדיק אויף יער קראַנקן רבין, און עס האָט געוויינט דער קראַנקער רבי, קוקנדיק ויף זיינע ליב-האַרציקע טייערע קינדער, וואָס ער קאָן מיט זיי איצט נישט לערנען.

די סצענע האָט די עלטערן אַזוי גערירט, אַז זיי האָבן אַלטערן געשוואָרן, אַז פאַר קיין גליק אין דער וועלט וועלן זיי זייערע קינדער ביי אים נישט אָפּנעמען, העכסטנס וועלן זיי די קינדער לאָזן גיין אין אַן אַנדער חדר, ביז ער וועט נאָר געזונט ווערן.

— זע נאָר, אַלטער, געזונט צו ווערן! — האָבן זיי אים געטרייסט. — קיין תלמידים וועט שוין דיר נישט פעלן.

דאָס און זיינע שטילע באַהאַלטענע חלומות אין האַרצן וועגן יענער האָבן אים כוח געגעבן אַלע זיינע יסורים אַריבערצוטראָגן, און נאָך צוויי חדשים ליגן אין הקדש ענדלעך אויפצושטיין, און אַהיים אַוועקצוגיין אויף זיינע אייגענע פיס, נאָר אַ ביסל נאָך צו-הינקענדיק אויף דעם שטעקל אין האַנט.

און ווידער איז די שטאָט פול געוועזן מיט די גרויסע נסים, וואָס אַלטערן האָט געטראָפן.

מאַנסלייט, וואָס האָבן, ביי זיין אומגליק, זיינע שבחים אים נאָכגעזאָגט, האָבן איצט געזאָגט, אַז ער איז ווערט די נסים, וואָס זענען אים געשען און עס טוט זיי אַ גרויסע הנאה, וואָס ער איז קיין קאַליקע נישט געבליבן.

מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבן אין שטילן אַ רחמנותדיקע טרער געלאָזט פאַלן אויף דעם שיינעם ליבן אַלטערן, פרייען זיך

איצט אין שטילן, וואָס זיי וועלן אים ווידער באַלד באַגעגענען אין גאַס, און קאָנען כאַפּן אַ קוק אויף אים און אויף זיינע שיינע, בלויע, ליבע אויגן.

אויך אין בית-המדרש צום דאַווענען שווייגט מען נישט.

טייל זאָגן: ער וועט שוין ביז זיין טויט אַזוי מוזן צוהינקען מיטן שטעקל אין האַנט, און טייל זאָגן: גאָר קיין ראיה נישט, דאָס הינקט ער נאָר איצט צו אַ ביסל. אין אַ יאָר אַרום, און אפשר נאָך פריער, אַז דער צעבראָכענער פוס וועט זיך מער איינוואַקסן, וועט ער צו הינקען אויפהערן, און וועט אַפילו דאָס שטעקעלע אין האַנט נישט דאַרפן.

דאָס אָבער זענען אַלע מודה, אַז צו אַ שידוך איז זיין צו־הינקען אַ ברעקל חסרון נישט, צום פּריזיוו אָבער איז עס גאָר אַ גרויסע מעלה — קיין סאָלדאַט וועט שוין אַלטער זיכער נישט זיין קיינמאָל.

איינער האָט ווידער אַ השערה געזאָגט, אַז אַלטער וועט איצט אָפּלאָזן דעם שידוך מיט זלאַטקעס טאָכטער, און וועט נאָך צוריק ווערן אַ חתן פאַר פייוול מעקלערס חנהלען.

פישל, וואָס איז אויך דערביי געזעסן, האָט אַ זאָג געטאָן:

— קומען קומט עס איר, דער מכשפה זלאַטקען! איר מיינט אפשר, זי האָט מיר מיינע שדכנות אָפּגעצאָלט? אַן אָנווייזונג צום רבונו של עולם האָט זי מיר געגעבן.

— גאָט וועט אייך דערפאַר מיט אַלעם גוטן באַצאָלן, איר זאָלט נישט דאַרפן זיין אַ שדכן! איך האָב נישט אייך צו געבן אַפילו דריי רובל.

— זאָל זי, די ארורה, אַזוי נישט האָבן, ווי זי האָט יאָ! קומט אָבער צו געבן, קאָן זי נישט... אַ פאַרשאָלטענע נאַטור, רחמנא לצלן.

ביי דער געלעגנהייט האָבן לייט דערציילט, אַז זלאַטקע פלעגט ר' ליבעלע דיין קיין עסן נישט געבן, בעת ער האָט געלעבט, און איצט איז זי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, וואָס זי פאַרלייט אויף משכנות און נעמט פּראָצענט.

— בנוגע צו פייוולען, — דערקלערט פישל ווייטער דעם שמועס, — פייוול זאָל וועלן איצט מחזיר גרושתו זיין, נעמען איצט אַלטערן צוריק פאַר זיין מיידל, מוז איך אייך זאָגן, אַז דאָס איז שוין דברים בטלים ומבוטלים! דאָס, וואָס אַלטער האָט נאָך דעם פּריזיוו נישט

געפטרט, איז לכתחילה געווען נאָר אַ צוטשעפּ פון פייוולס צד. חרטה צו האָבן פון זיין הייליק וואָרט, וואָס ער האָט אַלטערן געגעבן, צו שרייבן תנאים תיכף, ווי דער עסק וועט אים מצליח זיין. באַקומט מען די מטבע, באַקומט מען גאָר אַן אַנדער דעה, מורי ורבותי. תחילת האָט נאָך פייוול עפּעס ווי אַ שטיקל עוולה געפילט קעגן אַלטערן, און האָט אים פאַר זיין וואָרט געוואָלט מפצה זיין, איצט אָבער, אַז ער איז נאָך רייכער געוואָרן — מען שמועסט, ער האָט ווידער פאַרדינט גאָר אַ מטמון, — ולא ידע את יוסף, קען ער שוין אַלטערן גאָרנישט! — איך דערצייל אים אַנומלט: אַלטער האָט אַ פּוס אויסגעבראָכן, מאַכט ער:

— וואָס איז דאָס נוגע צו מיר? — וואָס דאַרפט איר מער? מיך אַליין דערקענט ער שוין גאָרנישט. היינטיקן חנוכה קום איך אַריין צו אים מיט אַ גאַנץ פיינעם ענין פאַר זיין בתולה, דערקען איך שוין גאָר די שטוב נישט מער: אויסגעקלעפּט די ווענט מיט טייערע אַביצעס, באַהאָנגען מיט די טייערע בילדער, נייע מעבל, און מען זעט שוין ביי אים טאַקע זילבער אויך ווי האָלץ. זיין דבורה, ווי עס ווייזט אויס, האָט שוין ביי אים אַ ברעקל דעה נישט. איך פרעג זי: ווו איז אייער מאַן? — ענטפערט זי: אין זיין קאַבינעט, מען קען צו אים איצט נישט אַריינגיין! — איר פאַרשטייט אַ מעשה? פריער איז דאָס געווען אַ חדרל, ווו מען פלעגט האַלטן אוגערקעס און קרויט אויף אַ גאַנצן ווינטער, היינט איז עס אַ קאַבינעט, מיט אַ טייערן שרייב-טיש, מיט אַלע מכשירים, גאָר ווי אין די גרויסע קאַנטאָרן... אַ שעה כסדר בין איך געזעסן און געוואַרט, ביז דער גביר האָט מיך געהייסן אַריינרופן צו אים. און הערט איר, ברידער, טאַקע אַ גביר. עפּעס האָב איך משונה דרך-ארץ באַקומען פאַר אים. אַזאַ כוח, אַפּנים, האָט די עשירות, אַז מען באַקומט דרך-ארץ פאַר אים, כאָטש מען וויל גאָרנישט. נעם איך, פונדעסטוועגן, בין אים מציע דעם ענין, צעלייג אויפן טעלער דעם חתן, די מחותנים מיט דער גאַנצער משפּחה, און טאַקע גאָר פון שפּיץ יחוס. מיין איך: ער וועט זיך אָנכאַפּן בשתי ידים, האָב איך אָבער נישט געטראָפן. מיין גביר, ר' פייוול, טוט זיך אַ זיסלעכן שמייכל און זאָגט: — ניין, ר' פישל, איר וועט ביי מיין טאָכטער קיין שדכן נישט זיין. איר קומט גאָרנישט אַריין אין אַזעלכע הייזער, וואָס מיר שטייט אָן מיט זיי אַ שידוך צו טאָן — לאָזט מיך צורו, איך האָב נאָך צייט מיט

מיין חנהלען, איך וועל איר נאָך קענען געבן צען טויזנט רובל נדן און נעמען פאַר איר אַן אויסגעשטודירטן דאָקטאָר — אַ גוטע נאַכט! — אוז ניט מיר די האַנט נישט אַפילו, און איך גיי אַרויס אַ צעטומלטער און פאַרגעס אפילו צו בעטן אַ גמילת־חסד עטלעכע רובל. נו, איז דאָ נאָך וואָס צו שמועסן איצט מכוח אלטערן? ווייס איך, פייוול איז שוין אַ „לא משלנו״, גאָר פון אַן אַנדער מדרגה. נאָר באמת דאַרף אַלטער פייוולען איצט אויף כפּרות, ער קאָן איצט דעם בעסטן שידוך טאָן אַן פייוולען, און נעמען אַ כלה מיט נדן, גאָר אַ לייטישן, ווען ער האָט נאָר שכל זלאַטקען מיט איר אַלטער מויד פּטור צו ווערן.

— האָט ער אַליין קיין שכל נישט, —האָבן לייט מסכּים געווען, — דאַרף מען אים דעם שכל געבן!

אַז זלאַטקע פאַרדינט עס כשר, איז גאָר קיינער אין ספק נישט געווען.

די גאַנצע שטאָט האָט געוווּסט, אַז זלאַטקע האָט פאַר איר טאָכטער אַן אַנדער חתן געזוכט, בעת מיט אַלטערן האָט געהאַלטן שלעכט, און מען האָט געמיינט, מען וועט אים איינעם, אָדער ביידע פּיס מוזן אַראָפּנעמען.

27

פון אַלעם דעם האָט אַלטער גאָרנישט געוווּסט.

ער האָט נאָר געוווּסט, אַז נאָך שטאַרקער און נאָך טיפער, ווי פריער, בענקט ער איצט נאָך חנהלען.

איצט זעט ער זי שוין נישט אין זיין טראַכטן, ווי אַ קליין מיידעלע, וואָס קוקט אויף אים מיט ליבשאַפט און רחמנות, ווי מיט צען יאָר צוריק ביי זיין טאַטן אין חדר, נאָר יענע חנהלען זעט ער איצט, וואָס איז אַ בלאַסע, אַ צעשראָקענע אויף די קני לעבן אים

אויף דער ערד געשטאַנען, וואָס האָט זיינע הענט אין אירע הענט געהאַלטן, זיי געגלעט, געוואַרעמט, וואָס האָט אַזוי ביטער געוויינט איבער אים, און וואָס אירע טרערן האָט ער אויף זיין געזיכט גע־פילט...

חנהלע, וואָס האָט אירע זיסע ליפּן צו זיין שטערן צוגעדריקט און... און נישט אַ מענטש, נישט אַ מיידל איז גאָר חנהלע, נאָר אַ מלאך פון הימל איז זי, וואָס איז געקומען זיין לעבן אים ראַטעווען...

— צו וואָס? צו וואָס האָט זי עס באַדאַרפט? — פרעגט ער זיך.— וואָלט נישט בעסער געווען אין יענער רגע אַזוי אין אירע הענט צו שטאַרבן?...

און כאָטש מען האָט אים שוין געזאָגט, און ער ווייסט שוין אַליין אויך זיכער, אַז פּייווך, איר פאָטער, איז אין דער צייט נאָך צען מאָל רייכער געוואָרן און וויל שוין גאָרנישט וויסן פון אים, פונדעסטוועגן חלומט ער נאָך און בענקט נאָך שטאַרקער און נאָך טיפער.

און ליב איז אים דאָס בענקען און עפּעס חי געטריי און געטרייסט זענען אים אַפילו די האַרצקלעמונגען צוליב דעם בענקען.

און עס דאַכט זיך אים אַלץ, אַז נישט אויף דער וועלט איז ער, איז זי — נאָר עפּעס אין גאָר אַן אַנדער וועלט, אין אַ גן־עדן ערגעץ, אַ גן־עדן אָן שלאַנגען, אָן פּייוולען, אָן פישלען און אָן זלאַטקען, נאָר ער און זי... און איצט האַלט ער אירע הענט אין זיינע הענט, און ער קושט די ליבע הענט אַזוי הייס, אַזוי ליב, און ער פאַרגעסט אַפילו דעם גן־עדן אַרום זיך.

און וועקט מען אים אויף פון דעם חלום, דאַכט זיך אים נאָך אַלץ: ער פילט זי נאָך אינדערזופטן, נאָענט לעבן זיך, ער פילט די וואַרעמקייט פון איר אָטעם, ער זעט די אויגן אירע, אַמאָל טאַקע דאָ, אין זיין אָרעם שטיבעלע, און אַמאָל — דאָרט אינדערהויך, ביי־נאַכט, אין דעם אויסגעשטערנטן הימל, און שענער און ליכטיקער, ווי אַלע שטערן לייכטן זיי אים...

און עס דאַכט זיך אים, ער וועט זי נאָכאַמאָל זען, זען זי לעבן זיך, ווי ער האָט זי שוין געזען, און ער וואַרט און ער האָפט אויף נאָכאַמאָל זי זען, מ־ג עס געשען כאָטש ביי נאָכאַמאָל פון אַ דאַך אַראָפּפאַלן אין ביידע פיס צעברעכן... נאָר איצט, טראַכט ער, וועט ער איר שוין זאָגן

— ליבע חנהלע, לעבן אָן דיר קאָן איך נישט, לאָז מיך כאָטש שטאַרבן אין דיינע הענט!...

און איינבויג זיך וועט חנהלע איבער אים, צודריקן איר האַרץ צו זיין האַרצן, אים ווידער אַ קוש טאָן אין שטערן און צונעמען די נשמה זיינע, אַזוי ווי זי האָט שוין לאַנג דאָס האַרץ זיינס צוגענומען... און טייער וועט אַזאַ טויט זיין, ליב און טייער, ווי חנהלע אַליין...

* * *

און רייזל ווייסט נישט, וואָס ביי אַלטערן אין האַרצן טוט זיך.

— איצט, — קלערט זי, — האָט שוין אַלטער לאַנג פאַרגעסן אין חנהלען. צוליב חנהלעס נדן, — גלייבט רייזל, — איז אַלטער געזונט געוואָרן און קאָן אומגיין אויף זיינע אייגענע פיס. גאָט, וואָס האָט חנהלעס שווערן קרבן צוגענומען, האָט אַלטערן זיין רפואה צוגעשיקט פאַר זיין צעריסענעם האַרצן, ווי פאַר זיין צעבראָכענעם פוס...

און גאָר גליקלעך וואָלט שוין רייזל זיין, ווען אַלטער וואָלט נאָך פון זלאַטקען אויך פּטור געוואָרן, און טאָן אַ שידוך איצט, ווי זי ווינטשט אים און ווי לייט זאָגן, אַז ער קאָן טאָן. איר שמואל אַליין האָט איר דערציילט, אַז מיכל דער פעל-קרעמער האָט זיך נאָכגעפרעגט: צי אַלטער איז נאָך אַ חתן מיט זלאַטקעס מיידל, צי דער שידוך איז שוין לאַנג בטל געוואָרן? און אַז שמואל האָט אים געענטפערט: אַזוי גוט, ווי בטל געוואָרן, האָט מיכל אים געזאָגט:

— זייט ביי מיר אַ שדכן, אַלטערן אַ חתן פאַר מיין מיידעלען וויל איך, און פאַרדינט שדכנות! איך גיב ת"ק קערבלעך נדן מיט גאָר די פיינע מתנות. הייבט אָן, און זייט גומר בכי טוב! — שמואל האָט אים אַפילו געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז גאָר קיין שדכן נישט, נאָר מיכל האָט אים אָפּגעענטפערט: „טאַקע, ווייל איר זענט קיין שדכן נישט, טויגט איר מיר דערצו. ווען דער שידוך וואָלט געווען אויפן גלייכן וועג — האָט מיכל גאַנץ רעכט דערקלערט —

וואָלט איך שיקן טאַקע אַ שדכן צו אַלטערן, ווי עס פירט זיך אין דער וועלט; נאָר ווייל דער ענין איז אַ ביסל פון גלייכן וועג אַראָפּ, איך מיין: ווייל זלאַטקע קאָן נאָך אַ פּתחון פּה האָבן צו טענהן, אַז מען האָט איר דער טאָכטערס חתן אויסגעכאַפּט, קאָן דער שידוך מיט אַלטערן פאַר מיין מינדעלען אויסגעפירט ווערן נאָר דורך אַ היימישן מענטשן, און טאַקע נאָר דורך אַ גוטן פריינט דערצו, וואָס איז אַלטערן אַן אמתער דורש טובה, און וואָס ווייסט, ווי די זאַך צו מאַכן, עס זאָל קיינעם קיין עוולה נישט זיין.

און רייזל קען מיכלען און ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ שיינער באַלעבאָס מיט אַן אייגן גרויס הויז, מיט אַ גרויסער פּעל־קראָם, און האָט אויך ביז איצט גאָר די שיינע שידוכים געטאָן. און רייזל קען אויך מנוחהן, מיכלס ווייב, וואָס זלאַטקע איז נישט ווערט אַפילו איר דינסט צו זיין. חוץ דעם אַלעם, קען טאַקע רייזל מינדלען, די כּלה אַליין, און זי ווייסט, אַז מינדעלע איז אַ גאַנץ שיינע, אַ קלוגע און קאָן אַ מאַנסביל געפעלן. פאַר אַלטערן איז זי געוויס, ווי אָנגעמאָסטן: שכנים, קינדער אין איינע יאָרן, אַזאַ קאָן טאַקע דאָס האַרץ אים דערפרייען און טרייסטן אים פאַר זיין צער, נעבעך.

רייזל דערמאנט זיך אָן חנהלען, און דאָס האַרץ טוט איר ווי אויף דעם גאָלדן קינד, און זי בעט גאָט, ער זאָל אויך איר דעם באַשערטן צושיקן, און זאָל אויך איר צעריסן האַרץ היילן און טרייסטן.

און רייזל פּרוּווט זיך דערגיין ביי אַלטערן, צי געפעלט אים מינדעלע, צי נישט.

אַלטער קען מינדעלען.

שכנים, אַ שטוב אַנטקעגן אַ שטוב. נאָר מינדעלע איז אַלע מאָל געווען אַ נגידיש קינד, אַ גרויסע „בעל־גאווהטע", ווייסט אַלטער.

זי האָט מיט אים קיינמאָל אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, און ער מיט איר אוודאי נישט.

ער דערמאנט זיך אַפילו, אַז צייט אַ פאַר יאָר איז ביי מינ־דעלען גאָר די גאווה אַראָפּ.

זעט ער זי, קוקט זי אַלעמאָל אויף אים, נאָר וואָס איז דאָס זיין דאגה? זאָל זי קוקן, אַ עין־הרע וועט זי אים געבן? אָבער רעדן מיט איר האָט ער נישט וואָס. ערשטנס: איז זי שוין אַ גרויס מיידל, און צווייטנס: איז זי פון נגידים, און וואָס פאַר אַ שייכות קאָן זי האָבן צו אים, אָדער ער — צו איר?

ער פֿאַרשטייט גאָרנישט, צוליב וואָס רעדט איצט רייזל מיט אים וועגן מינדעלען? און ער ענטפֿערט איר גאָרנישט.

נאָר אָט האָט זיך שוין שמואל אַליין גענומען אַריינטענהן מיט אים, און האָט אים מיט גאַנץ שאַרפֿע דבורים אַרויסגעזאָגט, אַז „אדם קרוב לעצמו". מאַכט זיך אַ מענטשן אַ גליק, טאָר ער עס נישט דוחה זיין בשתי ידים. אַזאַ גליק מאַכט זיך אים, אַלטערן, איצט: מיכל וויל אים געבן זיין מינדעלען פֿאַר אַ כּלה. און מינדעלע, זאָגט שמואל, איז אַ „כּלה שעיניה יפות, אין כּל גופה צריכה בדיקה".

— דו קענסט מינדעלען, אַלטער, און זי איז מחויב אין דיינע אויגן נושא חן צו זיין. ווּעסטו מיר דאָך וועלן פֿרעגן: און וואָס וועט זיין מכּוח זלאַטקען? זאָג איך דיר: עלי ועל צוארי! דאָס איז שוין מיין דאגה. איך האָב אַ גרויסן פּתח חרטה הן על פּי שכל, הן על פּי יושר און הן על פּי דין! פֿאַרשטייסט, אַז איך ווייס, וואָס איך רעד?

אַלטער האָט געשוויגן. אין דער רגע האָט ער זיך נאָר געפֿרעגט:

— נאָך אַלץ נישט פּטור? ווידער אַן עסק?..

— זיי זיך מיישב, און גיב מיר אַ תּשובה, — האָט שמואל געהייסן. — מצדי דאַרף איך אַליין אויך געבן אַ תּשובה מיכלען. ער וואַרט אויף מיין תּשובה, פֿאַרשטייסטו מיך.

ערשט שפּעטער, ווען אַלטער איז שוין אויף זיין בעט געלעגן, זענען אים ווידער אויפֿן זינען אַרויף שמואלס ווערטער.

— ניין, ניין! — האָט עס אים, ווי אין האַרצן געשריען. — איך וויל מער נישט הערן און מער נישט וויסן דערפֿון! מינדעלע איז טאַקע אַ נגידיש מיידל, אַ שיין מיידל, נאָר מה לי ולה? וואָס איז זי שייך צו מיר, און וואָס בין איך שייך צו איר? טראַכטן אַפֿילו טאָר איך נישט וועגן דעם! דאָס איז אַ זינד, אַ גראָבקייט און אַ פֿאַלשקייט קעגן איר... ניין, מיין טייערע חנהלע, זיי נישט אין כּעס. טויזנט מאָל שענער, רייכער און בעסער מינדעלע זאָל זיין, גיב איך זי אַוועק פֿאַר איין קוק דיינעם, פֿאַר איין טייערע טרער, וואָס דו האָסט געלאָזט פֿאַלן איבער מיר!

און ער באַשליסט: בעסער קיינמאָל, קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן, און נאָר טראַכטן און בענקען נאָך חנהלען, און דערמיט אַליין שוין געטרייסט זיין, וואָס ער וועט נישט מוזן פֿון אַן אַנדערער

אַלטער

טראַכטן... דערמאנט ער זיך אָן זיינע תנאים מיט זלאַטקעס טאָכטער, טוט אים אַ ריס אין הארצן. עפּעס דאַכט זיך אים, ער איז מיט איין האַנט צו אַ וואַנט ערגעץ צוגעשמידט, איבערגעוואַלד צוגעשמידט, פּאַרוועז און פאַרוואָס — ווייסט ער נישט, נאָר פריי איז ער נישט... אמת, די קייט, דאַכט זיך אים, איז לאַנג, ער פילט זי אַפילו נישט, זי שטערט אים נישט צו טראַכטן, וואָס ער טראַכט זיך, נאָר אַמאָל, אין אַ צייט מיט יאָרן ארום, דאַכט זיך אים, וועט זי זיך לאָזן פילן.

— און ווען שוין אַפילו יאָ חתונה האָבן, ווען איך וועל מוזן, — באַשליסט ער, — איז שוין גלייכער מיט זלאַטקעס טאָכטער...

מיט זלאַטקעס טאָכטער, דאַכט זיך אים, וועט די חתונה גאָר קיין חתונה נישט זיין. אַזוי, על פּי אונס, איבערגעוואַלד, נישט ער קען זי, נישט זי קען אים. ער וועט פריי בלייבן, דאַכט זיך אים, און קאָנען ווייטער נאָר חנהלען טראָגן אין הארצן, פון איר טראַכטן, און נאָך איר נאָר בענקען... בעסער וואָלט אוודאי זיין, אז ער זאָל מיט איר אויך קיין חתונה נישט האָבן, נאָר מען שמועסט דאָך, אז ער וועט מוזן. ווייל די גאַנצע וועלט וועט דורכאויס זאָגן, אז אַ ייד מוז חתונה האָבן, און אַ מלמד — אוודאי. אָט וועט ער איר זאָגן: „הער צו, זלאַטקעס טאָכטער, גאָט איז מיין עדות, אז נישט איך טאָר, נישט איך קאָן מיט דיר חתונה האָבן, אלא, דו ווילסט דווקא, זאָלסטו צו מיר קיין טענות נישט האָבן. מיין הארץ זאָג איך דיר, וועט אייביק זיין יענערס" — חנהלעס נאָמען וועט ער פאַר אַזאַ קיינמאָל נישט דערמאָנען.

• •
•

פונדעסטוועגן, ווען זלאַטקע האָט שטאַרק אָנגעהייבן צו מאָנען, עס זאָל שוין זיין חתונה, האָט אַלטער אָנגעהייבן צו אַנטלויפן פון איר, ווי פון פייער. אָט, אָט כאַפּט זי אים, האָט זיך אים אַלץ גע־דאַכט, און... און — וואָס? האָט ער אַליין נישט געוווּסט. און ווי האָט

זיך אים געוואָלט איצט ראַטעווען זיך פון זלאַטקען, אַנטלויפן ערגעץ, אָדער כאָטש שטאַרבן פאַר דער חתונה!

אַנטלויפן אָבער האָט ער נישט געקאָנט: אַ שאָד זיינע תּלמידימ־לעך, מיט וועלכע ער לערנט, וועלכע ער האָט אַזוי ליב, און וועלכע האָבן אים אַזוי ליב!.. אַ שאָד דאָס שטיבל זיינס, און די אַלטע גוטע געטרייע רייזל, וועט אוודאי שטאַרבן פון עגמת-נפש, אַז ער וועט פּלוצלונג אַנטלויפן. — און דער עיקר: ווי אַנטלויפט מען, אַז חנהלע איז נאָך דאָ? — דאָ קאָן ער האָפן, זי נאָך צו זען אַמאָל, צו שטאַרבן כאָטש אין אירע הענט... ניין, ניין, ער קאָן נישט אַנטלויפן. טויזנט קייטן האָבן אים צוגעשמידט צו דעם שטיקל פּלאַץ, אויף זיין הויף, וווּ ער איז געלעגן אַ האַלב טויטער, און וווּ חנהלע איז געווען לעבן אים... שטאַרבן אָבער קאָן ער אויך נישט, כּל זמן ער האָט זי נאָכ־אַמאָל נישט געזען און נישט געזאָגט איר, אַז ער קאָן נישט לעבן אָן איר...

זלאַטקען די תּנאים אָפּשיקן האָט ער מורא, טאָמער רעדט מען אים בּאַלד אַנדערע שידוכים. מינדעלען, אָדער אַן אַנדערער אַזאַ שיינע, ווי מינדעלע, וועט ער נישט קענען זאָגן, וואָס זיין האַרץ פילט, אַזוויווי ער רעכנט צו קענען זאָגן זלאַטקעס טאָכטער. מינדעלע, האָט ער מורא, וועט אים איבּעררעדן חנהלען אַמאָל צו פאַרגעסן, און דאָס וויל ער נישט, דאָס טאָר ער נישט.

און זלאַטקע מאַכט אים, וואָס אַ טאָג, זיין וועלט אַלץ ענגער. זי גייט וויינען צו די טאַטעס פון זיינע תּלמידים, און יענע מאַכן אים דעם טויט, פאַרוואָס ער האָט באמת נישט חתונה.

עס איז זיי אַליין אויך נישט שיין, זייערע קינדער ביי אַ בחור אין חדר צו האַלטן. און רייזל און שמואל טענהן: זיי ווייסן שוין אַליין אויך נישט וואָס ער וויל. ווילסט נישט זלאַטקעס טאָכ־טער, שיק איר אָפּ די תּנאים, און זאָל זי זיך אָפּטשעפּען פון דיר.

און רייזל און שמואל וואַרטן נאָר דערויף, כּדי אים קענען תּיכף צורעדן צו מינדעלען.

און לאַנג נאָך האָט אַלטער געליטן אי פון זלאַטקען, אי פון די באַלעבאַטים זיינע, אי פון שמואלן מיט רייזלען. און אַז ער האָט שוין מער נישט געקענט ליידן, האָט ער שמואלן, אין אַ שיינעם טאָג זיינע תּנאים דערלאַנגט און געזאָגט: „טוט מיט דעם, וואָס איר ווילט. סיי ווי אַלצאיינס!..“

און שמואל האָט גענומען די תּנאים, איינגעוויקלט אין אַ פּאַ־
פּיר, דערלאַנגט דאָס דעם שייגעץ פון דער בוינע, אים אָנגעזאָגט
דאָס אַריינצוּוואַרפן ביי זלאַטקען אין שטוב און תּיכּף אַרויסלויפן.
דער שייגעץ האָט געטאָן פּונקט ווי שמואל האָט אים אַ שעה כּסדר
געלערנט, און אַז שמואל איז ביינאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער
אַלטערן געזאָגט: מזל־טוב! איצט וועל איך דיר ערשט געבן אַ כּלה,
וואָס דו וועסט מיר דאַנקען כּל ימי חייך.

— אמן! — האָט רייזל געענטפערט, און אַלטער האָט געשוויגן.

* *
*

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווי שמואל האָט זלאַטקען די תּנאים
אָפּגעשיקט, איז צו אַלטערן אַריינגעקומען ר׳ גימפּל דער בית־דין
שמש, מיט זיין גרויסן אַלטפרענקישן קהלשן שטעקן אין האַנט, און
האָט געזאָגט, אַז בית־דין איז אים מתרה צו קומען מאָרגן צו אַ
דין־תּורה מיט זיין מחותּנתטע, מיט זלאַטקען.

אַלטער האָט די התראה אויסגעהערט, בלאָס געוואָרן, נישט גע־
ענטפערט אַ וואָרט, און איז מאָרגן צו דער דין־תּורה נישט געגאַנ־
גען. דריי מאָל איז ר׳ גימפּל געקומען, אים מתרה געווען בעל־פּה,
און אַז אַלטער איז אַלץ נישט געגאַנגען, איז גימפּל געקומען צום
פערטן מאָל, און האָט שוין געבראַכט די התראה בכתב: באם ער
וועט נישט קומען מאָרגן לא יאוחר, נישט שפּעטער, ווי דריי אַ
זייגער בייטאָג, וועט בית־דין זלאַטקען אַרויסגעבן אַ פּסק־דין שלא
בפניו, ובאם אַלטער וועט דעם פּסק נישט וועלן מקיים זיין, וועט
ער האָבן דעם דין פון א פּורץ גדר, וועט אים איינבייסן אַ שלאַנג.
באם אָבער ער וועט קומען צום דין, וועט אויף אים מקוים ווערן:
ולהשומע יונעם ותבוא עליו ברכת כל ט״ב.

פאַר אַזאַ התראה האָט זיך שוין אַלטער דערשראָקן, און אַז
שמואל האָט זיך אויסגערופן: ער האָט קיין מורא נישט. אויב אַלטער
וויל, זאָל ער אים געבן אַ כּוח, וועט ער פאַר אים גיין צו בית־דין

און ווען פאר אים טענהן — האָט ער אים אזא כּוח געגעבן, און שמואל איז צו דער דין־תּורה געגאנגען.

ביידע צדדים האָבן געטענהט: זלאַטקע מיט טרערן און מיט קללות, און שמואל — מיט לומדות און מיט ראיות פון ספרים. ביידע צדדים האָבן צו גילדן פּסק־געלט געלייגט, מקבּל בחרם געווען, מקיים פּסק צו זיין, און זענען פון שטוב אויף דער גאַס אַרויס, אַפּצוואַרטן, ביז דער רב מיט זיינע צוויי דיינים וועלן דעם דין באַקלערן אַקוראַט. דערווייל האָט זלאַטקע צייט געהאַט, אַ צעטל מיט קללות אויסצושיטן אויף שמואלס קאָפּ, אויף רייזלס קאָפּ, און טאָקע אויף דעם קאָפּ פונם משומד און מופקר אַלטערן אַליין. — ענדלעך האָט גימפּל געעפנט די טיר און האָט אַריינגערופן די צדדים אויסצוהערן דעם פּסק פונם בית־דין צדיק. און דער פּסק איז אַרויס אַזוי!

„היות, ווי דאָס גאַנצע אַראָפּפאַלן פון דאָך איז געווען אַ דבר התלוי במזל, ער זאָל דורך דעם באַפרייט ווערן פון סאָלדאַטן, איז בית־דין מחויב אַרויסצוגעפינען, וועמענס מזל האָט עס גורם געווען: צו דאָס מזל פון דעם חתן, צי דאָס מזל פון דער כּלה?

„נאָך אַ גרויס שקלא וטריא איז בית־דין צו דער הוכחה געקומען, אַז דאָ האָט גורם געווען דווקא נאָר דאָס מזל פון דער כּלה אַליין, וואָרים זאָל עס אַנדערש זיין, אַז דאָ האָט גורם געווען דעם חתנס מזל, בּישט דער כּהס, איז דאָך די שאלה: פאַרוואָס טאָקע איז אַלטער נישט אַראָפּגעפאַלן פון דאָך קודם תּנאים?

„נמצא, האָט דאָך דער חתן זוכה געווען, ביידע פיס צוצו־ברעכן צוליב דער כּלה, איז ער טאָקע מחויב חתונה צו האָבן מיט איר כּדת משה וישראל בלי שום טענה ומענה. בנוגע צו ר׳ שמואלס טענות איז זלאַטקע מצדה מחויב ממלא צו זיין אַלע אירע התחייבות. און זמן גיט איר בית־דין איין חודש. באם זי וועט אין דעם חודש אינגאַנצן נישט ממלא זיין, האָט דער פּסק בית־דין מער קיין כּוח נישט.

אַז שמואל האָט אַלטערן דעם פּסק אָנגעזאָגט, און אים געוואָלט טרייסטן, אַז ער האָט ביים בית־דין פּועל געווען, זלאַטקע זאָל אים אי מתּנות שיינע, אי חתונה־קליידער געבן, האָט נאָר אַלטער געזאָגט:

— איך בין בין עס איר מוחל, איך וויל קיין מתּנות און קיין חתונה־קליידער נישט. סיי ווי אַלצאיינס!..

* * *

— און, אפנים, אז עס איז געווען א חתונה, ווארים אז נישט,— טראכט זיך אלטער,—טא וואס דרייט זיך דא ארום אין שטיבל ביי אים דידאזיקע יידענע? דאכט זיך, זלאטקעס א טאכטער איז זי...

נאר דאס געדענקט ער קלאר, אז ווען די אייגענע זלאטקע האט אים אמאל אנגעזידלט, וואס ער פירט זיך נישט מיט איר טאכטער, ווי א מאן דארף זיך פירן מיט א ווייב, האט ער זלאטקען פון גרויס כעס פון שטוב ארויסגעווארפן, געזאגט איר, ער וועט איר די פיס אונטערברעכן, אויב זי וועט נאך א העזה האבן איבער זיין שוועל אריבערצוטרעטן.

פון יענער רגע אן זענען שוין עטלעכע יאר אריבער, און ער האט אפילו פארגעסן, ווי האט זלאטקעס פנים אויסגעזעזן.

* * *

חנהלע, זאגט מען, האט שוין אויך לאנג חתונה געהאט.

זי איז א גרויסע גבירטע. איר מאן פירט גרויסע וואלד-עסקים בשותפות מיט איר פאטער.

צוויי קינדער, מיידעלעך, האט זי שוין געהאט, און זיי זענען איר געשטארבן, נעבעך.

א דריט קינד האט זי שוין, א ייגגל, מיט מזל, און דאס קינד, זאל שוין זיין אויף לאנגע יאר, האט באקומען דעם נאמען: „אלטער".

און ליב האט חנהלה איר אלטערן, און טייער איז ער איר. ליבער — ווי איר לעבן, טייערער — ווי איר רייכקייט, האב און גוטס...

און אז חנהלע קושט איר אלטערן, קומען איר די טרערן אין די אויגן, און דעמאָלט שרייט איר הארץ צו גאָט: „מ י ך, גאָט, שטראָף, מ י ך אליין, נישט אים!..״

שפרינצע האָט קיין קינדער נישט, דערפאַר אָבער האָט אלטער תלמידימלעך, די שענסטע און ליבסטע קינדער פון שטאָט.

נישט קיין שיינע קינדער נעמט ער נישט. אזא טבע האָט ער שוין — און ליב האָט ער זיי און ליב האָבן זיי אים, און עס איז א כבוד ביי עלטערן, אז אלטער נעמט צו א קינד זייערס צו זיך אין חדר אריין. א סימן, אז זייער קינד איז א שיין קינד, א ליב קינד.

אין א שבת און יום-טוב, אָדער אזוי ווען זיינע תלמידימלעך זענען אין חדר נישטאָ, פאלט אויף אים א מרה-שחורה אַרויף, און ער זיצט און קוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אין דער וועלט אריין, אָן רייד, אָן ווערטער, גלייך ווי ער וואָלט זוכן אין איר וואָס אים פעלט, אָדער וואָס מען האָט ביי אים גערויבט...

דערזעט ער שפרינצען אין אזא רגע, דאַכט זיך אים, אז איינע פון זיינע אמאָליקע שטיפמאַמעס דרייט זיך אום אין שטוב, און ער פאַרשטייט נישט, ווי קומט זי נאָך איצט אהערצו?

וויפל מאָל האָט ער איר שוין געוואָלט זאָגן, אז איר מאַן, זיין טאַטע, ר׳ עוזר, איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אז זי איז שוין דאָ גאָר א ווילד פרעמדע יידענע, נאָר יעדעס מאָל דערפילט ער א רחמנות אויף דער איינגעהושכטער, אויסגעטריקנטער אשה. דערצו איז זי נאָך מער קראַנק, ווי געזונט. און ווי האָט מען אזא האַרץ צו זאָגן צו אן אָרעמער קראַנקער יידענע: „גייט אייך אהין, פונוואַנען איר זענט אהער געקומען״!

אָפט הערט מען אויך, ווי עס רייסט זיך אַרויס א טיפער און שווערער זיפץ פון זיין הארצן, און עס ווייזן זיך אויך טרערן אין די פאַרקלערטע, נאָך שטענדיק שיינע גוטע אויגן זיינע.

לייט פאַרשטייען, אז דאָס ליידט ער, נעבעך, נאָך אלץ פון זיין צעבראָכענעם פוס. באַמערקט אים עמעץ ביי אזא געלעגנהייט מיטליידיק:

— איר ליידט נאָך אלץ, ר׳ אלטער, פון אייער צעבראָכענעם פוס, אפנים?

קוקט אלטער דעמאָלט נאָר יענעם טרויעריק אָן, ענטפערט קיינמאָל א וואָרט נישט, נאָר אין הארצן ביי אים רעדט עס:

— גראָבע מענטשן, נישט קיין קלוגע מענטשן! אַ פּוס נאַר, מיינען זיי, קאָן צעבראָכן ווערן און ווי טאָן; אַז עס קאָן אויך אַ האַרץ צעבראָכן ווערן און נאָכמער זויי טאָן, פאַרשטייען זיי גאַר־נישט... נאַרישע מענטשן, ווערט אַ פּוס צעבראָכן, קאָן מען אים איינגיפּסן און גאַנץ מאַכן, ווערט אָבער אַ האַרץ צעבראָכן, איז שוין קיין רופא און קיין רפואה נישטאָ!...